STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11620

IKH HOB GEHAT A KANSER

Bat-Jaim

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בת-חיים

איך האָב געהאַט אַ קאַנסער

בת-חיים

איך האָב געהאט א קאַנסער

*

1954 בוענאָס-איירעס ה'תשי"ד

BAT-JAIM

HE TENIDO UN CANCER

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

BUENOS AIRES
1954

אינהאַלט:

אַריינפיר 7

ערשטער טייל:

I די מיסטעריעזע גולקע 13
II ערשטער דיאַגנאָז: „דאָס קען איך איך נישט זאָגן" 17
III צווייטער דיאַגנאָז: „קאַנסער!" 25
IV דריטער דיאַגנאָז: „דאָס זאָגט מען נישט" 28
V איך און די וועלט 35
VI די ביאָפּסיע 49
VII די פּיינלעכע דערוואַרטונג 53
VIII אין דער לאַבאָראַטאָריע 61
IX אַ בייזער טומאָר! 66
X אונטערן צייכן פון ראַק... 74
XI ביי די דאָקטוירים ג. און ק. 81
XII באַטראַכטונגען 87
XIII מיין לעצטער טאָג? 94

XIV	ערב דער אָפּעראַציע	101
XV	די אָפּעראַציע	114

צווייטער טייל:

XVI	די דערוואַכונג	119
XVII	די ערשטע טעג רעקאָנוואַלעסצענץ	127
XVIII	צוריק אַהיים!	144
XIX	פּאַמעלעך קומט צוריק דאָס געזונט	149
XX	אַ בינטל ליכט אויף דער קאַנסער־געהיימעניש	157
XXI	אין ראַדיאָלאָגישן אינסטיטוט	167
XXII	אין די קאָרדאָבער בערג	171
XXIII	אַ קליינע דיגרעסיע...	177
XXIV	ביים ד״ר ש. אין דער „אָזע"	182
XXV	דער פּעריאָד פון מיין שטראַל־קוראַציע	185
XXVI	וויטיקלעכע קאָמפּליקאַציעס	205
XXVII	דאָס לעבן זיגט	220

אַריינפיר

מיט איין שוידערלעכן קלאַפּ האָט מיך די קאַנסער־קרענק ברוטאַל אַרויסגעשטויסן פון נאָרמאַלן לעבן. איך האָב זיך דערזען איינע אַליין אויף אַן איינזאַמען און אומעטיקן שליאַך, וואָס פירט צום טויט.

די ספּאָנטאַנע קראַפט און די בליציקע שנעלקייט פון מיין גייסטיקער טראַנספאָרמאַציע, דאָס שאַפן זיך פון אַ ספּעציפישער אַטמאָספער, פול מיט קרענקלעכע קאָשמאַרן, האָבן אויף מיר אַליין געווירקט ווי אַן אויפטרייסלענדיקע אַנטפּלעקונג.

דער געדאַנק צו פאַרפיקסירן מיינע טראַגישע איבערלעבענישן איז מיר געקומען שוין ביים ערשטן באַזוך אין דער שפּיטאָל־אַמבולאַטאָריע, ווו די מעדיקער האָבן שטאַרק אויפגעשטורעמט מיין געמיט. שפּעטער איז דער דאָזיקער געדאַנק נאָך מער באַפעסטיקט געוואָרן, ווען ס'איז געפאַלן דאָס גרויזאַמע וואָרט „קאַנסער", וואָס האָט מיך, ווי אין אַ בייזער מאַגיע, פּסיכיש איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט.

אין אָנבליק פונעם טויט, וואָס איך האָב דערוואַרט, האָבן זיך מאָמענטנווייז איינגעקריצט אין מיין זכרון מערקווירדיקע, אומגעוויינלעכע רעאַקציעס און עס האָבן זיך באַשריבן אין געדאַנק געוויסע קוריאָזן. איך האָב באַדויערט, וואָס זיי וועלן נישט באַקומען קיין רעאַלן תּיקון.

מיינע פאַרצייכענונגען האָב איך אָנגעהויבן שרייבן איניקע וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע, ווי נאָר מיין געזונטצושטאַנד האָט מיר דערלויבט צו האַלטן אַ פּעדער אין דער האַנט. ווען געוויסע ווייטיקלעכע קאָמפּליקאַציעס האָבן אין עטלעכע חדשים אַרום ווידער מיר באַוויזן דאָס געשפּענסט פונעם טויט, איז צו מיין דעמאָלטדיקער טראַגעדיע צוגעקומען נאָך אַ קאַפּיטל — דאָס נישט קענען פאַרענדיקן די געשיכטע פון מיין קאַנסער־קראַנקייט. אַן אינערלעכער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו האָט פון מיר געפאָדערט זי אָנצושרייבן. צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז

איך בין געבליבן לעבן, כדי צו דערפילן אַ העכערן ציל, אַ געזעלשאַפט־לעכן חוב, וועלכן מיין גורל האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט:

פֿאַרשפּאָרן אַנדערע דעם גאָלגאָטאַ־וועג, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט.

ווען איך אַליין בין אויפגעטרייסלט געוואָרן נאָכן איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע, האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די פראַגע: אפשר האָב איך צו דראַסטיש און שאַרף אַרויסגעבראַכט מיינע איבערלעבענישן? אפשר איז גלייכער אָפּצוטעמפּן די שמערצלעכע שפּיצן, אַז דער לייענער זאָל קענען פאַרדייען מיין באַשרייבונג אָן טיפן אינערלעכן אויפברויז? די מחשבה האָב איך אָבער אָפּגעוואָרפן.

ווי פּיינפול דאָס זאָל נישט האָבן געווען פאַר מיר, האָב איך זיך גע־גריבלט אין מיין אייגענעם ווייטיק, כדי אַזוי אַרום צו רעקאָנסטרוירן דאָס גאַנצע און אמתדיקע בילד פונעם אויפקום פון מיינע יסורים, צו געבן אַ דאָקומענט פון פּיין פון אַ קאַנסער־קראַנקן, שילדערן ווי אין זיין קאַנסערירטן גוף פאַרמירט זיך אַ קאַנסער־קראַנקער גייסט. איך האָב איינצייטיק אויך געוואָלט וויזן די שפּעטערדיקע רעקאָנוואַלעסצענץ און רעהאַביליטאַציע.

אַ שווערע אויפגאַבע!

אַזאַ אויפגאַבע האָט געפאָדערט פון מיר, נישט קוקנדיק אויף דער אייגענער חרפּה, איבערצוגיסן אויף די בלעטלעך אַלע מיינע ליידן, די אינטימסטע שפּירונגען, אַלע מחשבות און קרענקלעכע האַלוצינאַציעס, אויף וויפל דאָס מענטשלעכע וואָרט און מיין שוואַכע פעדער זענען בכוח אויסצודריקן זייער פולע דימענסיע און אינטענסיווקייט.

איך גלייב, אַז מיינע איבערלעבענישן טראָגן נישט קיין אויסשליס־לעך פּערזענלעכן כאַראַקטער; זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס טיפּיש פאַר אַלע די, וואָס האָבן דאָס באַוווסטזיין פון זייער קאַנסער־קרענק און פילן זיך דורך דעם פאַרמשפּט צום טויט.

אַ מער אינדיווידועלן חותם טראָגט, מיין איך, דער צווייטער טייל פון מיין באַשרייבונג, ספּעציעל דער לעצטער פעריאָד פון די קאָמפּליקאַציעס, וועלכע פיל קראַנקע מאַכן נישט אַדורך אַזוי ווי איך. אָבער אויך די פאַזע האָב איך געשילדערט, כדי צו בלייבן טריי דעם פּרינציפּ פון אמת־דיקייט און אַרויסהייבן די ספּעציפישע פּראָבלעמאַטיק פון דער שלאַפּ־קייט אין אַלע אירע עטאַפּן און נאָכווייענישן.

מיטן אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שײַן די פֿינצטערע וועלט פֿון אַ קאַנסער־קראַנקן האָב איך באַצוועקט:

א) פֿאַרלײַכטערן דעם ביטערן גורל פֿונעם חולה דורך אויפֿווײַזן אים, אַז אַ קאַנסער איז נאָך נישט דער סינאָנים פֿון טויט. אימוניזירן און העלפֿן אים זיך באַפֿרײַען פֿון קרענקלעכע קאָמפּלעקסן און שטעלן אים צו דינסט מײַנע דערפֿאַרונגען, אַז ער זאָל קענען אויסמײַדן די שטרויכלונגען, אויף וועלכע איך האָב זיך אָנגעטראָפֿן.

ב) געבן די געזונטע אַ שליסל צו דער אָפּגעשלאָסענער פֿאַר זיי גײַסטיקער און עמאָציאָנעלער וועלט פֿון אַ קאַנסער־קראַנקן, כּדי זיי זאָלן אין איר אַרײַנברענגען דערמוטיקונג און טרייסט און אויך פֿאַרהיטן דעם חולה פֿון די געפֿאַרן, וואָס דראָען אין די פֿאַרשידענע פֿאַזן פֿון דער קרענק.

ג) רופֿן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די דאָקטוירים און זייער געהילפֿס־פּערסאָנאַל אויף דער ספּעציפֿישער פּסיכיק און מענטאַליטעט פֿון קאַנסער־קראַנקע, ווי אויך אויף דער נויטווענדיקייט פֿון אַ באַזונדערס וואַרעמער באַהאַנדלונג פֿאַר זיי.

איך וואָלט וועלן מײַן בוך זאָל דינען פֿאַר יעדן קראַנקן ווי אַ מוסר־השכּל, אַז אַפֿילו אין די געפֿערלעכסטע מאָמענטן טאָר מען נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג. דאָס לעבן איז ווערט מען זאָל פֿאַר אים קעמפֿן מיט אַלע כּוחות און איבער די כּוחות. פֿאַר דעם געלײַטערטן אין לײַדן אַנטפּלעקט זיך די װוּנדערלעכע מיסטעריע פֿון לעבן, וואָס גיט אים שפּעטער אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר זײַנע יסורים.

אויב דאָס בוך וועט איין פֿאַרצווייפֿלטן קראַנקן באַלײַכטן מיט אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג און עס וועט אַפֿילו איין מעדיקער סטימולירן צו אַ ריכטיקן צוגאַנג צום פּאַציענט, וועט דאָס זײַן פֿאַר מײַנעטוועגן דער באַגערטער שכר.

בת־חיים.

ערשטער טייל

I

די מיסטעריעזע גולקע

די פּאַטאַלע נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק האָט זיך לכתחילה מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. אַזייגער 12 האָבן מיר, ווי שטענדיק, אויסגעהערט דעם ראַדיאָ־קאָמוני־קאַט, וואָס האָט דערציילט וועגן דעם כאַאָס, אין וועלכן אונדזער וועלט איז אַריינגעזונקען: די אומאויפהערלעכע סכסוכים צווישן מזרח און מערב, די מלחמה אין קאָרעאַ, אומרוען און שטרייקן אין פאַרשידענע עקן וועלט. און לסוף אַ ידיעה, וואָס רופט ביי מיר אַרויס אַ שמייכל — „די ענגלישע קעניגין עליזאַבעט פאָדערט אַ הוספה פאַר דער אויסהאַלטונג פון איר הויף"...

בוקינגהאַם — אַ מערקווירדיק אינדזל אין דעם צעבושעוועטן ים פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט...

נאָכן קאָמוניקאַט פּרוּוו איך נאָך עפּעס לייענען, אָבער דער זין פון די שורות דערגייט שוין נישט צו מיין באַוווסטזיין. דער מוח וויל מער נישט אַרבעטן, די אויגן־דעקלעך קלעפּן זיך. אַ פוילקייט און מידקייט צע־גיסן זיך איבער מיין גאַנצן קערפּער.

אַן אַנדערש מאָל, ווען עס באַפאַלט מיך אַ שלאָף בשעת דעם לייענען, גיב איך זיך אַזוי לייכט נישט אונטער. איך באַנעץ מיר די אויגן מיט וואַסער, אָדער כאַפּ אַ קאַלטן טרונק און כ'ווער באַלד ווידער וואַך. דאָס מאָל רעזיגניר איך פון דעם געראַנגל מיטן שלאָף. ס'איז מיר אַ רחמנות אויף מיר אַליין. בגוואַלד באַצווינגען די נאַטירלעכע באַדערפעניש פון

מיין אָרגאַניזם? פאַרשיכורט פון שלאָף גרייט איך זיך צו לייגן אין בעט אַריין.

מיין מאַן רופט מיך אַרויס אויפן הייפל.

— זע, וואָס פאַרא וווּנדערלעכע נאַכט! — זאָגט ער.

אויפן טונקעלן הימל, פול מיט אומצאָליקע, פינקלדיקע שטערן, איז געשווומען אַ גרויסער, זילבערנער סערפּ.

— זעסט, ווי גרויס ס'איז די לבנה — זאָגט מיין מאַן און קוקט מיך אָן מיט אַ טריומפירנדיקן בליק. ער וויל מיט דעם אונטערשטרייכן זיין אַלטע באַהויפּטונג, אַז דאָ, אין דרום־אַמעריקע, זעט אויס די לבנה גרעסער ווי אין אייראָפּע. איצט בין איך מיט אים מסכים. עס דאַכט זיך מיר, כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גרויסן לבנה־סערפּ אין אַזאַ ראָמאַנטישן שלייער.

די לופט אָטעמט מיט אַ פרילינג־וואַרעמקייט. די פרישע, גרינע גראָזן, די צעבליטע רויזן, דער רייפער יאַסמין פאַרשיכורן ממש מיט זייערע ריחות.

אַרום איז אויסגעשפּרייט נאַכטיקע שטילקייט, נאָר ערגעץ ווו אין דער נאָענט זינגט אַ גריל איר מאָנאָטאָן ליד.

באַרוישט פון דער שמעקנדיקער פרילינג־נאַכט, האָב איך זיך גע־לייגט אין בעט אַריין און בין באַלד, ווי תמיד, פאַרזונקען אין אַ טיפן, געזונטן שלאָף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער אַנדערש ווי תמיד האָב איך זיך אויפגעוועקט.

פאַרטאָג האָט אַ מאָדנע געפיל מיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון שלאָף.

אונטער מיין לינקן אָרעם האָב איך דערשפּירט עפּעס אַ פרעמדע סוב־סטאַנץ, אַ זאַך, וואָס שפּאַרט זיך אַרויפצוצו. קיין שום ווייטיק פיל איך נישט, נאָר אַן אומרו באַהערשט מיך. ס'איז זייער נישט אַנגענעם, אַז אויף דיר דריקט אַזוינס, וואָס טיילט זיך בולט אויס פון דיין גאַנצן, האַרמאָניש־פונקציאָנירנדיקן אָרגאַניזם, און דאָס לאָזט זיך ספּעציעל הערן, אַזוי ווי עס וואָלט צודרינגלעך געשפּאַרט פון אינעווייניק אויף דער הויט אַרויס. שפּעטער דענערווירט עס מיך.

כ׳באַריר דאָס אָרט אונטערן אָרעם און טאַפּ אָן אַ גולקע, אַ פּאַר־האַרטונג פון אַ נישט־רעגולערער, געאָמעטרישער פאָרעם, ענלעך צו אַן אייעלע אין דער גרויס פון אַ צוויי צענטימעטער די לענג און איין צענטי־מעטער די ברייט.

איך צינד אָן דאָס ליכט, כדי צו באַטראַכטן וואָס דאָס איז אַזוינס. אויסערלעך דערקענט מען גאָרנישט. די הויט איז פולשטענדיק נאָרמאַל, גלאַט, ווייס און ריין.

וואָס קען דאָס זיין?

איך פרוּוו אין מיין זכרון אַרויסצורופן אַלע מיינע בידנע, מעדיצינישע קענטעניש, דורכצובלעטערן אין געדאַנק אַלע דורכגעלייענטע אַרטיקלען וועגן אַן ענלעכן ענין.

אין מיין דמיון ציט זיך פאַרביי אַ גאַלעריע פון קראַנקע, וועלכע כ׳האָב געקענט, און אַזעלכע, וואָס פון זיי האָב איך נאָר געהערט, די פאַר־שידנסטע סימפּטאָמען פון זייערע קראַנקייטן. אַזאַ ענלעכן פאַל דערמאָן איך זיך נישט. מן־הסתם — זאָג איך מיר — רופן אַזוינע פאַלן נישט אַרויס קיין באַזונדערן אינטערעס, דערפאַר ווערן זיי נישט פּאָפּולאַריזירט. אָבער דאָס באַרויִקט מיך נישט.

די גולקע אינטריגירט מיך, זי נעמט מיר אַוועק מיין גלייכגעוויכט:

וואָס איז די סיבה פון איר פאָרמירן זיך? קיין אַבסצעס, קיין פאַרונקול (אַ מכה) קען עס נישט זיין. עס ציט נישט, הגם ס׳איז שוין גענוג גרויס, ס׳פאַרשאַפט נישט קיין ווייטיק און אויך נישט קיין פיבער. מאָדנע!

נאָך אַמאָל באַטראַכט איך די פאַרהאַרטונג, באַטאַפּ זי מיט די פינגער.

— אפשר אַ שלעכטע בלוט־צירקולאַציע, וואָס וועט אין קורצן איבערגיין? — וויל איך זיך טרייסטן, אָבער דער אומרו טרעט נישט אָפּ.

כ׳ווער מיד פון דעם בחינומדיקן קאָפּ־ברעכעניש, און מיין ערשטע, שלעכטע איבעררעאַשונג שטילט זיך איין צו ביסלעך.

כ׳פרוּוו איוף ס׳ניי איינשלאָפן, אָבער אומזיסט.

ס׳רייצט מיך דער אומבאַקאַנטער, אינערלעכער, קוים פילבאַרער דרוק פון דעם פרעמדן עלעמענט.

**
*

מיין מאַן דערפילט אַן אומרויִקייט און וועקט זיך איבער.

— וואָס איז, טייערינקע, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— כ׳ווייס נישט, עפּעס האָט זיך מיר געמאַכט אַ גולקע אונטערן אָרעם.

מיין מאַן באַטראַכט זאָרגפול דעם מאָדנעם פּענאָמען. אויך זיינע מעדיצינישע קענטענישן זענען נישט בכוח אויפצוקלערן, וואָס דאָס איז. ער פאָדערט דורכויס, כ׳זאָל באַלד אין דער פרי גיין צו אַ דאָקטאָר.

איך בין נישט אַנטציקט פון דעם. גראָד אויף היינט האָב איך זיך געהאַט אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון אינטענסיווער אַרבעט, און דאָ גיי פּטר אָפּ אַזוי פיל צייט ביים דאָקטאָר. איך באַשליס פון דעסטוועגן צוצוגיין אין נאָענטסטן שפּיטאָל. מיין מאַן וויל מיט מיר מיטגיין, נאָר איך דערלויב נישט, ער זאָל צוליב אַזאַ „קלייניקייט" פעלן ביי זיין אַרבעט.

דער דרוק פון דער גולקע איז דערווייל פאַרשוואונדן. איך פיל מער גאָרנישט אונטערן אָרעם.

— אפשר איז עס געווען נישט מער ווי אַ שלעכטער חלום?

כ׳פיר אַרונטער די האַנט אונטערן אָרעם. ליידער איז די פאַרהאַרטונג דאָ. זי עקסיסטירט אין דער ווירקלעכקייט.

וועגן קיין אַנדערער זאַך קען איך שוין נישט טראַכטן. מיין געדאַנק קערט זיך כסדר אום צו דער מיסטעריעזער גולקע.

II

ערשטער דיאַגנאָז: „דאָס קען איך איך נישט זאָגן“

כ׳שטיי אויף גאַנץ פרי. ס׳שטעלט זיך אַ שיינער טאָג, וואָס אָטעמט מיט פרישקייט און וואַרעמקייט. פון דעם רויט־צעצונדענעם האָריזאָנט גליטשט זיך אַרויס די פייערדיקע זון. דער הימל איז בלאָס־בלוי.

ס׳גייט אויף אַ נייער טאָג פול מיט ליכט און לעבן, אָבער אויך מיט שאָטנס...

מיט געמישטע געפילן, צווישן וועלכע ס׳האָט איבערגעוויגן די האָפענונג אויף אַ גוטן רעזולטאַט, לאָז איך זיך צום שפּיטאָל. איך גיי אין ניכטערן — אפשר וועט נייטיק זיין צו מאַכן אַנאַליזן.

כ׳גלייב, אַז דער וועג איז מיר געלונגען. פאַראַן ווייניק מענטשן. כ׳בעט אַ צעטל צו אַ כירורג. גראָד איז אַזעלכער באַלד אָנגעקומען. אַביסל אַ פאַרשעמטע גיי איך אַריין אין קאָנסולטאַריע. איז עס אַ גענוג ערנסטער ענין, צו קומען מיט אַזוינס אין אַ שפּיטאָל?

מיט אַ פרעגנדיקן בליק באַגעגנט מיך אַ יונגער, מיטלוווקסיקער מעדיקער מיט אַ לייכט פאַררויטלט געזיכט און אַ פּאָר דורכדרינגענדיקע, ברייט־צעעפנטע אויגן.

— ווי לאַנג האָט איר די פאַרהאַרטונג? — פרעגט ער מיך נאָכן באַטראַכטן.

— ערשט די נאַכט האָב איך זי דערפילט, דאָקטאָר.

אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַ סקעפּטישער שמייכל.

ער רופֿט אַריין דעם שעף־דאָקטאָר. אַ הויכער, דאַרער, מיטליאָריקער מאַן מיט אַ שטרענג פּנים.

דער ייִנגערער דאָקטאָר ווײַזט אָן דעם עלטערן די גולקע און, צו מײַן גרויסער דערשטוינונג, צייכנט ער אָן נאָך איינע, וואָס געפינט זיך נידעריקער, אונטער׳ דער ברוסט. דאָס איז געווען אַ קלענערע פאַרהאַרטונג, אַביסל טיפער הינטער דער הויט, לערך צען צענטימעטער ווײַט פון דער ערשטער, אין דער פאָרעם פון אַ מער רעגולערן אָוואַל פון אַ פופצן מילימעטער די לענג און אָן אַכט מילימעטער די ברייט. ביידע גולעס זענען געווען פאַרבונדן ווי מיט אַ לענגלעך, אָנגעשוואָלן בלוט־שנירל, די ברייט פון אַ דריי מילימעטער.

דאָס געפינען די צווייטע פאַרהאַרטונג איז פאַר מיר געווען אַ פריקרע איבערראַשונג. מיר גופא איז נישט אײַנגעפאַלן צו זוכן ווײַטער פון דעם אָרט, וווּ כ׳האָב געפילט דעם דרוק.

אויך דער שעף־דאָקטאָר שטעלט מיר די זעלבע פראַגע:

— ווי לאַנג האָט איר דאָס?

— פון דער נאַכט.

אויף מײַן תשובה רופט ער זיך אָן צו זײַן ייִנגערן קאָלעגע:

— ערשט פון דער נאַכט...

זײַן טאָן איז אַ בפירוש איראָנישער.

כ׳בלײַב שטיין אַ געפּלעפּטע און באַליידיקטע:

— פאַרוואָס גלייבט ער מיר נישט?

ביידע דאָקטוירים באַטראַכטן מיך נאָכאַמאָל, און צו מײַן פאַרוווּנדערונג, טוען זיי דאָס מיט דער גרעסטער ערנסטקייט, און נישט ווי געוויינלעך אין אַ שפּיטאָל, וווּ דאָקטוירים אײַלן זיך צופיל. דאָס באַאומרויִקט מיך. הייסט עס, ס׳איז נישט אַזאַ מינדערוויכטיקע זאַך, ווי מיר האָט זיך געדאַכט.

די דאָקטוירים שמועסן צווישן זיך שטיל און אין טערמינען, פון וועלכע כ׳פאַרשטיי בלויז אײַנצעלנע ווערטער. זייער זין קען איך נישט דערגיין.

נאָך דער אונטערזוכונג אינפאָרמירט מיך דער עלטערער דאָקטאָר, אַז כ׳דאַרף איבערמאָרגן ווידער קומען. ער דערלאַנגט מיר אַ צעטל מיט דער אויפשריפט: „ביאָפּסיע פון דעם גאַנגליאָ״.

אויף מײַן פראַגע, וואָס באַטײַט דאָס, ענטפערט מיר דער יונגער

דאָקטאָר, אַז מ׳דאַרף מיר אויסשניידן אַ שטיקל פלייש און עס אַנאַליזירן.

דאָ ווענד איך זיך שוין צום שעף, הגם נישט דרייסט:

— הער דאָקטאָר, זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר אייער דיאַגנאָז.

ער מעסט מיך אָפּ מיט אַ קאַלטן בליק און גיט אַ מורמל:

— דאָס קען איך אייך נישט זאָגן...

איך בלייב שטיין צעמישט און דערשראָקן. וואָס זאָל עס זיין? איז דער אמת אַזוי שלעכט, אַז מ׳וויל אים פאַר מיר אויסבאַהאַלטן?

אָבער פון דער צווייטער זייט, אויב ער וויל מיך נישט באַאומרויִקן, האָט ער דאָך שוין בלויז מיט זיינע ווערטער אויפגעהויבן אין מיר אַ שטורעם און מיך באַוויזן צו פאַרשידענע מוראדיקע טראַכטענישן.

דער שעף־דאָקטאָר פאַרנעמט זיך צום אַרויסגאַנג.

אין מיטן פון מיין טיפער צעטומלונג, דערמאָן איך מיך, אַז גראָד איבערמאָרגן האָב איך אַ צוזאַמענטרעף וועגן אַן ענין, וואָס אינטערעסירט מיך זייער און כ׳וואָלט נישט געוואָלט פון אים רעזיגנירן. איך פרעג דעם דאָקטאָר, צי די ביאָפּסיע וועט מיר נישט שטערן אַרויסצוגיין אין אָוונט.

אנשטאָט אַן ענטפער באַווייזט זיך אַ שפּאָטיש־סאַרקאַסטישער שמייכל, וואָס וואָלט וועלן זאָגן, אַז אויף אַזאַ נאַרישע פראַגע לוינט זיך נישט צו געבן קיין תשובה.

נאָר דער יינגערער דאָקטאָר ענטפערט מיר:

— דאָס געזונט, סעניאָראַ, איז וויכטיקער ווי אַלץ אין דער וועלט. נאָך דער ביאָפּסיע וועט איר מוזן פאַרבלייבן אין שטוב אַ צוויי־דריי טעג און טיילווייז אויך ליגן אין בעט.

די פערספעקטיוו געפעלט מיר נישט און איך באַשליס באַלד ביי זיך נישט צו גיין אין אָנגעוויזענעם טערמין צו דער ביאָפּסיע.

נאָך דעם, ווי דער שעף איז אַוועק, פרעג איך נאָך אַמאָל דעם יינגערן מעדיקער וועגן דעם דיאַגנאָז.

— ס׳איז נאָך פריצייטיק אים פעסטצושטעלן — ענטפערט ער מיט אַ באַרויִקנדיקן טאָן — צוערשט איז נייטיק דורכצופירן דעם אַנאַליז.

נאָך אַ קורצער ווײַלע גיט ער צו:

— אימיצער, וואָס איז נישט גוט אָריענטירט. קען אייך אינפאָרמירן

וועגן דעם, אז אַ ביאָפּסיע ווערט געמאַכט נאָר אין פאַל פון אַ קאַנסער, הערט זיך נישט צו, ווייל דאָס ווערט געמאַכט אויך אין פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן.

אַן עלעקטרישער שטראָם איז מיר אַדורך איבערן גאַנצן קערפּער. איך האָב אויפגעציטערט און בין געבליבן אַן לשון.

קאַנסער!!! — — —

דער גרויליקסטער קאָשמאַר פון אַלע קראַנקייטן, וועגן וועלכער מיין ווייטגייענדיקסטע פאַנטאַזיע וואָלט קיינמאָל נישט געווען אין שטאַנד אפילו אַ טראַכט צו טון.

— פאַרוואָס האָט ער מיר אָנגעזאָגט נישט צו פאַרבינדן די ביאָפּסיע מיט אַ קאַנסער? הייסט עס, אַז ס'עקזיסטירט אַן אָפּטע רעלאַציע צווישן די ביידע באַגריפן. דערפון איז צו דרינגען, אַז דעם דאָקטאָרס ווערטער האָבן געצילט בכיוון אויסצובאַהאַלטן פאַר מיר דעם חשד וועגן דער געפערלעכער קרענק.

פלוצלינג לייכט אויף אין מיין זכרון אַ דערמאָנונג:

מיט אַ צייט צוריק האָט מיר אַ באַקאַנטע דערציילט מיט אַ טיפער פאַרזאָרגונג וועגן אַ געפערלעכער קראַנקייט פון אירס אַ קרובה. ס'איז דאָ אַ חשד אויף ברוסט־קאַנסער — האָט זי געזאָגט. אַ טיף פאַרצווייפלטע האָט די קראַנקע נישט געוואָלט הערן וועגן אַן אָפּעראַציע. די ידיעה האָט מיך דעמאָלט געהאַט שטאַרק אויפגעטרייסלט. ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז די פלימעניצע איז זיך משער וועגן דעם מהות פון איר קראַנקייט, בין איך נאָך מער אויפגעציטערט געוואָרן. כ'האָב אויסגעדריקט מיין פאַר־וווּנדערונג, הלמאי מ'האָט נישט געטון אַלץ, כדי אויסצובאַהאַלטן דעם שרעקלעכן אמת פאַר דער קראַנקער. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט די אויס־טערלישעליידן, וואָס זי מוז דורכמאַכן.

וועגן דעם ווייטערן גורל פון דער קראַנקער האָב איך גאָר נישט מער געהערט. גראָד איצט, ווען איך בין אַרויס פון דער קאָנסולטאַציע, האָט זיך מיר דערמאָנט דער פאַל.

— וואָס פאַרא אַסאָציאַציע פון געדאַנקען! בין איך איצט אַליין אין דער זעלבער לאַגע?...

די מחשבה האָט מיך אין גאַנצן אַדורכגעשפּיזט. דאָך האָב איך זי באַלד אָפּגעוואָרפן ווי אַן אַבסורדאַלע, משוגענע אויסטייטשונג. כ׳האָב זיך אַליין געגומען מוסרן און פאַרשעמען.

כדי זיך אַליין אויפצווייזן די זינלאָזיקייט פון אַזאַ טראַכטעניש, קער איך מיך אום צוריק אין קאָנסולטאַריע מיט אַ כיטרען תירוץ:

— דאָקטאָר, דאַרף איך קומען צו דער ביאָפּסיע ניכטערן?

און באַלד גיב איך צו:

— פאַרוואָס האָט דער שעף־דאָקטאָר מיר נישט געוואָלט זאָגן זיין דיאַגנאָז? מיינט ער, אַז ס׳איז אַ קאַנסער?

דאָס וואָרט „קאַנסער" זאָג איך אַרויס מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל, ווי כ׳וואָלט אַרויסגעזאָגט די גרעסטע נאַרישקייט. עס גליטשט זיך מיר אַרויס ווי אַ זלידנע פליג פון די נאָז־לעכער. איך דערפיל אַ דערלייכטע־רונג און אָטעם אָפּ פרייער.

אין דעם מאָמענט איז אַריין אַ צווייטער דאָקטאָר, וועלכער האָט דערהערט מיין פראַגע, און ער ענטפערט מיר, פאַרלויפנדיק דעם וועג דעם אָנגעפרעגטן:

— וואָס פאַלט אייך איין? — גיט ער אַ זשמורע מיט זיינע טונקעלע, באַאומרויִקטע אויגן — אַזאַ זאַך טאָר מען אפילו אין אַ וויץ נישט אַרויס־זאָגן!

מאָדנע! זיין ענטפער האָט אין מיר נישט איינגעשטילט דעם שניידנ־דיקן אומרו; פאַרקערט, ער האָט נאָך בולטער פאַר מיר אַוועקגעשטעלט דאָס געשפּענסט פון דער קראַנקייט.

„דאָס וואָרט „קאַנסער" טאָר מען אַפילו אין אַ וויץ נישט אַרויס־זאָגן"...

שוין דער נאָמען אַליין פאַרגליווערט יעדן שמייכל אויף די ליפּן.

אין איילעניש בין איך אַרויס פון שפּיטאָל. כ׳בין אַנטלאָפן ווי פון אַ בייזן קאָשמאַר. אויסער זיינע מויערן האָב איך לייכטער אָפּגעאָטעמט, אָבער דעם אינעווייניקן ציטער צוליב די צוויי סודותפולע גולקעס האָב איך שוין נישט געקענט אין מיר איינשטילן.

איך האָב אויך אַהיימגעטראָגן אַ טיפן כעס צו די דאָקטוירים, ספּעציעל צו דעם שעף־דאָקטאָר. זיי האָבן שרעקלעך צערודערט מיין געמיט

און נישט אַרויסגעוויזן דעם נייטיקן פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג. ס׳האָבן זיך באַ־שטעטיקט מיינע פּילמאָליקע אָבסערוואַציעס, אַז אַ טייל מעדיקער, בפרט אין די עפּנטלעכע הייל־אַנשטאַלטן, טראַקטירן דעם חולה ווי אַ באַשעפע־ניש פון אַ באַגרענעצטער אינטעליגענץ, וואָס איז נישט פעיִק אויפצו־נעמען די עלעמענטאַרסטע מעדיצינישע באַגריפן, און איז בכלל טעמפּ, אומוויסנדיק. זיי גיבן זיך נישט די מי צו ענטפערן דעם פּאַציענט אין אַ צוגענגלעכער פאָרעם אויף זיינע פראַגן וועגן געזונט. זיי איגנאָרירן דעם קראַנקן אָדער האָבן פאַר אים אַ ביטול־געפיל. נישט איין מאָל גיט מען דיר אַ וואָרף אין פּנים: „וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? — פרעג נישט צופיל, טו וואָס מ׳הייסט דיר און מער גאָרנישט!״

פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות קום איך אַהיים.

***

מיין מאַן וואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד.

— מ׳דאַרף מאַכן אַן אַנאַליז פון דער גולקע — זאָג איך.

ער טרעט נישט אָפּ פון מיר. ער פאַרלאַנגט, כ׳זאָל אים איבערגעבן די מיינונג פונעם דאָקטאָר, זיינע באַמערקונגען, מיין איינדרוק פון זיין באַנעמונג.

— ס׳איז געווען אַן אַנטיפּאַטישער דאָקטאָר. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר געהייסן מאַכן אַן אַנאַליז — זאָג איך אים מיט אַ כלומרשט רויִקן טאָן.

נאָך אַ באַראַטונג באַשליסן מיר, אַז אַזאַ ביאָפּסיע איז צום בעסטן דורכצומאַכן אין אַ באַוווסטער קליניק. נאָר איך לייג דאָס אָפּ ערשט אויף מאָנטיק, כדי פריִער צו דערלידיקן עטלעכע וויכטיקע ענינים און אויך זיך נישט צו שטערן דעם צוגעגרייטן פּראָגראַם פון שבת און זונטיק.

בגנבה פאַר מיין מאַן זוך איך אין ווערטערבוך דעם באַטייט פון דעם פרעמדוואָרט „ביאָפּסיע״ און געפין אַזאַ דערקלערונג: „מיקראָסקאָפּי־שער עקזאַמען פון אַן אויסגעשניטענעם שטיקל פון אַ לעבעדיקן אָרגאַן״.

עס נעמט מיך אַדורך אַ שרעק און דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך בלויז אויפן געדאַנק פון ס׳ניי צו גיין צו אַ דאָקטאָר.

כ׳פאַרשטיי די אומלאָגישקייט פון אָפּלייגן די אויפקלערונג פונעם אמת, אָבער איך וויל זיך מיט דעם נישט איילן. כ׳האָב מורא פאַרן דעציי־דירנדיקן מאָמענט.

איך באַמי זיך נישט צו טראַכטן וועגן מיינע מיסטעריעזע גולקעס, וועגן די ווערטער פון די דאָקטוירים. כ׳פּרוּוו זיי אַרויסשטופּן פון מיין באַוווסטזיין. כ׳טו אַלץ כדי זיי צו פאַרגעסן. אָבער זיי טויכן אויף עקשנות־דיק און רויבן מיר צו מיין גייסטיקע גלייכגעוויכט. גאָר זעלטן גיט זיך מיר איין אויף אַ לענגערער ווײַלע זיך צו קאָנצענטרירן ביי מיין אַרבעט און נישט צו דערמאָנען זיך אין דעם טרויעריקן וויזיט אין שפּיטאָל.

יעדע פרייע מינוט שטופּ איך די האַנט אונטערן אָרעם: אפשר איז געשען אַ נס? אפשר זענען די גולקעס פאַרשוווּנדן? — ניין, זיי זענען דאָ און דערמאָנען פון צייט צו צייט זייער ביאָלאָגישע עקזיסטענץ. זיי שפּאַרן, דריקן, בויערן זיך אַ וועג...

די צייט ביז מאָנטיק זוך איך אויסצופילן מיט אַרבעט, באַוועגונג, פאַרווײַלונגען, באַרוישן זיך, פאַרגעסן, פאַרגעסן זיך, פאַרטרייבן יענע פאַרשטייענדיקע איבערלעבענישן... אין מיר האָט זיך אָבער שוין אַריינ־געכאַפּט דער וואָרעם, וואָס נאָגט און טאָטשעט דאָס האַרץ...

**
*

זונטיק ביינאַכט זענען מיר געווען אין קינאָ. הגם מיר זענען זייער שפּעט אַהיימגעקומען, בין איך לאַנגע שעהן געלעגן אין בעט און נישט געקענט איינשלאָפן. שוין האָט אין מיר געלעבט די עמאָציע פון דעם מאָרגנדיקן באַזוך אין דער קליניק. כ׳דריי זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. דאָס געלעגער איז מיר עפּעס נישט באַקוועם, אַזוי האַרט געוואָרן... די טעמפּעראַטור בייט זיך מיר יעדע מינוט. אָט ווערט מיר הייס און איך רוק אָפּ דעם צודעק און באַלד ווערט מיר קאַלט און איך דעק זיך ווידער איין. ערשט פאַרטאָג שלאָף איך איין.

איך חלום, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער בלאָטע, זינק אין איר ביז איבער די קני און קען בשום אופן נישט דערגרייכן דאָס נאָענטע

שטיבל, אין וועלכן כ׳קלייב זיך אַריינצוגיין. פּלוצלינג באַוויזט זיך מיין מאַן. אַ טיפע שרעק שפּיגלט זיך אין זיינע אויגן. ער דערלאַנגט מיר זיין פעסטע האַנט און ציט מיך אַרויס פון דעם זומפּ.

איך וועק זיך איבער מיט אַ קאַלטן שוויס. איך שטיי אויף און טו זיך גיך אָן.

III

צווייטער דיאַגנאָז: „קאַנסער!“

מיט אַ ציטערדיקער איילעניש לויף איך אין דער קליניק. דער קאָפּ איז מיר שווער פון דער נישט אויסגעשלאָפענער נאכט, פון דעם שרעק־לעכן חלום און פון די געמישטע געפילן: מורא, האָפענונג, דערוואַרטונג... כ׳וואַרט נישט לאַנג. מ׳לאָזט מיך באַלד אַריין צום פּראָפעסאָר ר.

איין סעקונדע פאַרגעס איך זיך און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז פיס. אַן עלטערער הער, אַ הויכער און דיקער. אַ גלאַטער, גלאַנציקער קאָפּ, אָן איין האָר. איך גיב אַ טראַכט: ער באַשטעטיקט דאָס באַקאַנטע ווערטל: „אויף אַ קלוגן קאָפּ ווילן זיך נישט האַלטן קיין נאַרישע האָר“... אָבער ס׳געפעלט מיר נישט זיין פּנים: רויטלעך, זאַט, די אויגן, דאַכט זיך, דורכזיכטיקע, וואסערדיקע, ווי ביי אַ פיש.

גלייך ווי ער וואָלט געענטפערט אויף מיין פאַרשערישן בליק, מעסט ער מיך אויך אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און מיט אַ פריינדלעכן שמייכל הייבט ער מיך אָן צו באַטראַכטן.

איך זע ווי זיין פּנים ווערט ערנסטער, שטייפער. ער שטעלט מיר די זעלביקע פראַגע: ווי לאַנג איך האָב די פאַרהאַרטונגען. ער רעדט מער נישט קיין וואָרט, נאָר גייט מיט די פינגער איבער דער קריטישער זאָנע. צום סוף זאָגט ער מיר און זיין בליק איז ווייך און טרויעריק:

— איר קענט זיך אָנטון.

איך באַוויז אים נישט צו פרעגן זיין דיאַגנאָז. ער דערווייטערט זיך מיט אייליקע שריט. באלד דערהער איך פון הינטער דער טיר זיין שטים, געווענדט צו דער קראַנקן־שוועסטער:

— אַ קאַנסער...

איך ווייס נישט צי מיט אַמאָל האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן, צי די ערד האָט זיך געעפנט און מיך איינגעשלונגען, — אַלץ האָט זיך אין מיר אָפּגעריסן, אַלץ אין מיר איז פאַרגליווערט געוואָרן. דער מוח איז אויסגעליידיקט. אין מיר און אויסער מיר — איין אומענדלעכע פּוסטקייט. קיין שום רעאַקציע. קיין שום אָפּקלאַנג. איין שטיין.

ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט? — סעקונדן, מינוטן? איך ווייס נישט.

שפּעטער האָבן מיינע אויגן אָנגעהויבן זען קאָנטורן פון די אַרומיקע זאכן, אָבער כ'האָב נישט אויפגענומען זייער אינהאַלט.

פּעסטע טריט, באַגלייטע פון אַ הילכיקן געשפּרעך האָבן מיך אויפגעוועקט פון מיין לעטאַרג. כ'בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך און זיך גענומען אָנטון. און אַ מאָדנע זאך — דער ראָק איז מיר מיט איין מאָל געוואָרן אַזוי ברייט און לאַנג, אַז ער איז אויף מיר געבליבן הענגען ווי נישט מיינער, ווי כ'וואָלט אין איין רגע איינגעשרומפּן געוואָרן. כ'האָב זיך פּלוצים דערזען זייער דאַר און אויסגעטרוקנט. קלענער ווי געוויינלעך.

— פון אַ קאַנסער צעפּרעסן? נישט אַנדערש!

פּראָפעסאָר ר. קומט אַריין. שטילשווייגנדיק וואַרט ער ביז כ'טו זיך אָן און פירט מיך צו זיין סעקרעטאַרין, וואָס פאַרצייכנט מיינע פּערסאָנאַליעס.

איך ענטפער ווי אַן אויטאָמאַט, אויסגעלאָשן, גלייך ס'וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן מיר אַליין.

— דיאַגנאָז? — פרעגט זי לסוף, ווענדנדיק זיך צום פּראָפעסאָר.

דאָס האַרץ הייבט מיר אָן האַסטיק צו קלאַפּן. מיינע אויגן קריכן ממש אַרויס פון די לעכער און בלייבן הענגען אויף זיינע ליפּן. די אויערן ווערן פּילעוודיק אָנגעשפּיצט. איך פאַרוואַנדל מיך אין איין גרויסער דערוואַרטונג.

אפשר האָט ער נישט מיך געהאַט געמיינט, ווען ער האָט זיך געווענדט צו דער קראַנקן־שוועסטער? און וואָס וועט ער איצט זאָגן? — אַלץ, אַבי נאָר נישט דאָס שרעקלעכסטע... — ציטער איך מיטן גאַנצן קערפּער.

דער פּראָפעסאָר גיט אַ קוק אויף מיר אין פאַרלעגנהייט און ענטפערט:

— איך וועל אייך שפּעטער זאָגן.

ס׳נעמט מיך דורך אַ שוידער, און תיכף נאָך דעם — אַ שרעקלעכער פּאַרדרוס. ער האָט ביי מיר צוגענומען די לעצטע שטרוי, אין וועלכער איך האָב זיך געוואָלט אָנכאַפּן, ווען כ׳האָב זיך גענומען טרענקען. עס קומט מיר אָן אַ חשק צו דיקטירן דער סעקרעטארין: „אַ קאַנסער״. ווייזן דעם אַלטן פליכעוואַטן פּראָפעסאָר, אַז אַ קראַנקער האָט אויך אַ מוח און ער מוז דווקא נישט זיין טויב. דערווייזן אים, אַז ער האָט אומנייטיק אויפגעדעקט פאַר מיר דעם גרויזאַמען אמת. אָבער איצט, ווען איך ווייס, אַז דאָס באַציט זיך צו מיר, האָב איך נישט קיין כוח אַרויסצוברענגען דאָס אויסטערלישע וואָרט. כ׳וואָלט וועלן וואַרפן דעם פּראָפעסאָר אין די אויגן די באַשולדיקונג פאַר זיין אומגעלומפּערטער האַנדלונג. כ׳ווייס, ער האָט עס געטון אומגערן, אָבער ווו איז זיין לאַנגיעריקע דערפאַרונג?

כ׳וואָלט וועלן אָנטון מיין פּנים מיט איראָניע און עס אונטערטראָגן דעם אַלטן פּראָפעסאָר. אָבער אנשטאָט דעם פאַרגיסט מיך אַ כוואַליע פון גאַליקער ביטערקייט און עס פאַרמאַכט מיר הערמעטיש דאָס מויל.

איך פיל אַלץ, אַז דער דאָקטאָר איז באַגאַנגען לגבי מיר ממש אַ פאַרברעכן. ער האָט מיך נישט נאָר נישט געשטאַרקט אין אָנבליק פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט מיך אָנגעגריפן, נאָר פאַרקערט. ער האָט גורם געווען מיין פולשטענדיקן מאָראַלישן צוזאַמענברוך און האָט אַרויסגערופן אויך פיזישע יסורים. אַלץ ווייטיקט אין מיר איצט, דער גוף און די נשמה.

דער פּראָפעסאָר רופט צו די קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל מיך באַגלייטן אין אַ צווייטער אָפּטיילונג, ווו איך דאַרף נאָך באַטראַכט ווערן דורך פּראָפעסאָר פּ. אַ גרויסער ספּעציאַליסט, ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט.

IV

דריטער דיאַגנאָז: „דאָס זאָגט מען נישט“

כ׳בלייב שטיין אויפן שוועל. ס׳איז אַ פּאַוויליאָן פון עטלעכע צימערן, פול מיט זונליכט, פאַרזען מיט פאַרשידענע מעדיצינישע אַפּאַראַטן און אַ צאָלרייכן פּערסאָנאַל. כ׳זע נישט קיין שום קראַנקע.

נאָך דעם גערויש און געפּילדער, וואָס כ׳האָב אָנגעטראָפן אין אַנ־דערע אָפּטיילונגען פון דער קליניק, ווער איך ממש איבערראַשט פון דער רחבותדיקייט און שטילקייט דאָ.

כ׳פיל זיך שרעקלעך אומבאַהאָלפן און איינזאַם.

כ׳פאַרשטיי: דער פּאַוויליאָן איז באַשטימט פאַר זעלטענע קראַנקע, פאַר די „אויסדערוויילטע“ פון דעם קעניג פון אַלע קראַנקייטן: דעם קאַנ־סער. אַ מין טויטן־אינדזל אין מיטן פונעם ים פון לעבן. איצט בין איך די איינציקע אין דעם קעניגרייך, וואָס שטייט אויפן שייד־וועג צווישן ביידע וועלטן.

אַ שניידיקער פראָסט נעמט דורך מיינע ביינער. כ׳זעץ זיך אַוועק וואַרטן אויפן דאָקטאָר. אַנטקעגן מיר אין אַן אָפענעם צימער פירן אַ פריילעכן שמועס צוויי קראַנקן־שוועסטער. איינע שיסט אָפט אויס אין אַ הילכיקן, האַרציקן געלעכטער. ס׳דערגייען צו מיר אָפּגעריסענע ווערטער. ס׳איז אַ רייד וועגן זייערע פריערדיקע און צוקונפטיקע וואַקאַציעס, ס׳פאַלן נעמען פון די שענסטע געגנטן ביים ים און אין די בערג. ביידע מיידלעך וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן ווערן

פריי פון דער אַרבעט, פון דער הייסער, טומלדיקער שטאָט, און מיט לוסט זיך קענען אָפּגעבן דעם פּוסט־און־פּאַסטעווען אונטערן פרייען הימל.

אונטער דער ווירקונג פון זייער לעבנס־לוסטיקייט ווערט ביסלעכ־ווייז מיין פאַרגליווערטקייט צעטייעט אין מיר.

ס׳האָבן פאַר מיר אויפגעלעבט מאַיעסטעטישע בערג, רייצנדיקע מיט זייער ווילדער שיינקייט, דער כוואַליענדיקער ים, שמעקנדיקע, גרינע לאָנקעס.

אָבער פאַר מיר, פאַר מיר איז אַלץ פאַרענדיקט. עס טונקלט מיין צוקונפט. אַלע מיינע האָפענונגען זענען מיט איין מאָל איבערגעשטראָכן געוואָרן.

אַ קאַנסער איז ביי מיר געווען דער סינאָנים פון טויט. אַן אומ־היילבאַרע קרענק, וואָס פריִער אָדער שפּעטער ענדיקט זי זיך מיט אַ טראַ־גישן סוף.

ווען ס׳איז מיר, גאָר זעלטן, אויסגעקומען צו הערן וועגן קאַנסער, איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן זינען, אַז ער קען זיין אַן עווענ־טועלע געפאַר פאַר מיר. עפּעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די מחלה וועט איבער מיר קיין שליטה נישט האָבן. גלייך איך וואָלט געווען פון דער נאַטור־אויס פאַרזיכערט קעגן איר. טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן עקזאָטישע קרענק, וואָס איז פון מיר אַזוי ווייט, ווייט, און וועט מיך קיינמאָל נישט דערגרייכן.

וועגן עצם קאַנסער האָב איך נאָר געוווּסט אַזוי פיל, אַז דאָס איז אַ ביאָלאָגישער אָנוווּקס, אַ מין געשפּענסט, וואָס לויערט אַזוי לאַנג אויפן מענטשלעכן לעבן ביז ער פאַרניכטעט עס.

דער נאָמען אַליין: קרעפּס, ראַק, האָט אין מיין פאַנטאַזיע אַרויסגערופן אַן אַסאָציאַציע פון אַ מין זאָאָלאָגיש מאָנסטער־וועזן מיט אומצאָליקע, דיי־נע, לאַנגע, שפּיציקע צווענגל־פּיסלעך, וואָס צעצווייגן זיך, עסן זיך איין אין מענטשלעכן קערפּער, זייגן אויס זיין חיות און דערשטיקן אים.

איצט פיל איך זיי אין מיר די דאָזיקע קלעשטשעס. זיי ציִען זיך צו מיין האַלדז, זיי ווילן מיך דערווערגן...

ס׳ווערט מיר אַזוי ענג אין דער קעל. דאָס האַרץ ווערט שטאַרק פאַר־קלעמט, אָט, אָט און עס וועט פּלאַצן.

בת־חיים

עס באַפאַלט מיך אַן אויסטערלישע מורא און איך ברעך אויס אין אַ שווערן, ספּאַזמאַטישן געוויין.

די קראַנקן־שוועסטער לויפן אַריין, שטייען־צו צו מיר:

— וואָס איז געשען?

איך בעט זיי זאָלן נישט האָבן פּאַראַיבל. מיינע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן. ס׳איז שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ׳שטייט אויפן שוועל פונעם טויט.

זיי נעמען מיך באַרויקן. איך האָב שלעכט פאַרשטאַנען, זאָגן זיי. קיין שום דאָקטאָר האָט מיר נישט געקענט אַזוי פּשוט מיטטיילן וועגן אַ קאַנסער — טענהן די גוטע מיידלעך. ס׳איז אַפילו לעכערלעך אַזוי צו טראַכטן. נישט אַזאַ פּנים און נישט אַזאַ אויסזען האָבן קאַנסער־קראַנקע... ס׳איז אַ מיספאַרשטייעניש. — אַלע וואָס קומען אַהער וויינענדיק, גייען אַרויס שמייכלענדיק, ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן גאָרנישט — זאָגט מיט איבערצייגונג איין קראַנקן־שוועסטער. אירע פּשוטע, גוטע ווערטער ווירקן באַרויִקנדיק. כ׳פיל ווי אַ באַלזאַם וואָלט זיך צעגאָסן איבער מיין אָנגעווייטיקט האַרץ.

אפשר האָבן טאַקע די אַלע דאָקטוירים געהאַט אַ טעות? אפשר וועל איך אויך אַרויסגיין פון דאַנען אַ צעשמייכלטע? איך באַרויִק זיך און דערפיל זיך פון ס׳ניי געזונט. און די גולקעס? זיי זענען דאָ...

דער אומרו נעמט ווידער טרייבן מיינע מחשבות. ס׳איז אוממעגלעך איך זאָל זיין אַזוי ערנסט קראַנק. איך וואָלט דען אַזוי גוט זיך געפילט, אַזוי אויסגעזען, געווען אין שטאַנד אַזוי פיל צו אַרבעטן?

ניין, אַ פאַטאַלן פעלער באַגייען די דאָקטוירים מיט מיר. פאַלש האָבן זיי אָפּגעשאַצט די סימפּטאָמען פון מיין קראַנקייט.

אָבער באַלד הייבט אויף דעם קאָפּ דער פאַרבאָרגענער וואָרעם אין מיר און נעמט נאָגן ביים האַרצן: „ביסט אַ פּחדן, האָסט נישט קיין מוט צו קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. ווילסט זיך אַליין אָפּנאַרן. אויב אַלע מעדיקער האָבן איינשטימיק אַרויסגעטראָגן אַזאַ דיאַגנאָז, איז נישטאָ קיין גרונד צו צווייפלען. דיין סוף דערנענטערט זיך... שוין נאָענט... נאָענט...״

אין זאַל אַריין קומט אָן אַן עלטער פּאָרל. זיי פאַרנעמען די ווייטער־דיקע צוויי שטולן, זיצן ערנסט, פרעגן זיך אויף א מעדיקער, וואָס איז נאָך נישטאָ. זיי רעדן גאָר נישט צווישן זיך. שפּעטער אַביסל קומט אַריין אַ מוטער מיט אַ יונגער טאָכטער און באַלד נאָך זיי אַ פרוי מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען.

דער ביז איצט ליידיקער חלל פילט זיך אָן מיט מענטשלעכן, לעבע־דיקן אָטעם און מיר ווערט פריילעכער אויף דער נשמה.

די אַנוועזנהייט פונעם קינד גיט מיר צו בטחון, אַז דאָ קומען אויך אַנדערע קראַנקע, וואָס האָבן אַ לאַנג לעבן פאַר זיך.

מ׳רופט מיך אַריין אין קאַבינעט פון פּראָפ. פּ. אַן עלטערער, הויכער, שלאַנקער מאַן מיט אַ שטרענגן געזיכטס־אויסדרוק.

אין דעם צימער געפינט זיך נאָך אַ צווייטער, אַ ייִנגערער דאָקטאָר ל.

מ׳זעצט מיך אַוועק אויף אַ שטול, איבער וועלכער עס הענגט אַ גרוי־סער עלעקטרישער לאָמפּ. דער פּראָפעסאָר באַטראַכט מיך אין שטיל־שווייגן. מיין פּנים איז שטאַרק באַהעלט פון דעם איבערמאָסיקן ליכט אי־בער מיין קאָפּ.

ווידער די זעלביקע פראַגע: ווען און ווי אַזוי האָב איך באַמערקט די גולקעס?

עס באַטראַכט מיך אויך דער דאָקטאָר ל. ביידע שמועסן שטיל צווישן זיך. איך כאַפּ נישט אויף קיין איין וואָרט. כ׳פיל אָבער אַרויס די ערנסט־קייט פון זייערע שטימען, פון די אָפּגעהאַקטע ווערטער. די אונטערזוכונג איז פאַרענדיקט.

— פּראָפעסאָר, ווי איז אייער דיאַגנאָז? כ׳בעט אייך... — פרעג איך אַ צאַפּלדיקע.

— דאָס וועל איך אייך נישט זאָגן, דאָס זאָגט מען נישט — פאַלט אַן ענטפער, וואָס פאַרגליווערט מיר נאָכאַמאָל דאָס בלוט אין מיינע אָדערן. ווידער איז פאַרלאָשן פאַר מיר יעדע ;שיין.

— מ׳דאַרף מאַכן אַן אַנאַליז, אַ ביאָפּסיע — גיט ער צו מיט אַזאַ גלייכגילטיקן טאָן, ווי מ׳שטעלט פעסט דאָס וועטער אין דרויסן.

אונטער זיין אַפּיטראָפּסות נעמט מיך דער אָנטיילנעמער אין דער קאָנ־סיליע, ד״ר ל. אויף אַ ספּעציעלן פרעג־בויגן פאַרצייכנט ער מיינע פּערסאָנאַליעס, מיינע ביזאיצטיקע שלאַפקייטן, די קרענק און דאָס שטאַרבן פון מיינע עלטערן און אַנדערע משפחה־מיטגלידער.

בשעת ער נעמט מיינע ענטפערס, לויפט מיר דורך דער געדאַנק, אַז מיינע תשובות וועלן אַריינגיין אין דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, וואָס וועט פאַר אַ וויסנשאַפטסמאַן דינען ווי אַ באַזע צו פאָרשן דעם קאַנסער בשייכות מיט אנדערע קרענק און א״ג ירושה־באַלאַסטונגען. איך טראַכט, אַז אויב ס׳זענען שוין געווען און וועלן נאָך זיין אַ סך אַנאַלאָגישע אַנ־קעטע־בויגנס מיט אַזעלכע ריינע אַנטעצעדענטן אַזוי ביי די עלטערן, ווי ביי די קראַנקע, ווי אין מיין פאַל, וועט דער פאָרשער האָבן אַ זייער אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע; נישט אויף פּאָזיטיווע, נאָר גיכער אויף נעגאַ־טיווע הנחות וועט ער מוזן בויען זיין טעזע וועגן דעם קאַנסער, וואָרום קיין לאָגישן צוזאַמענהאַנג צווישן די קראַנקייטן וועט ער נישט געפינען.

שוין אויסגעשעפּט אַלע פראַגעס. איך וווּנדער זיך וואָס עס פעלן צוויי פראַגן, וועלכע זענען מיר אויס צו זיין וויכטיק:

1) די ספּעציפישע פּרויען־קראַנקייטן, אָדער שוואַכקייטן וואָס זאָלן זיך האָבן פאָרמירט אין דער לעצטער צייט, און

2) דער אַלגעמיינער פיזישער צושטאַנד לעצטנס, ד״ה די ערשטע קענטיקע סימפּטאָמען פון דער קרענק.

די ערשטע פראַגע, האָט מיר אויסגעזען אויף אַזויפיל אינטערעסאַנט, אויף וויפל די פונקציע פון די ברוסטן איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אייער־שטאָק און בכלל מיטן געשלעכטס־אָרגאַן.

פון ערשטן מאָמענט אָן, זייט ס׳איז אַנטשטאַנען די געפערלעכע הי־פּאָטעזע פון מיין קראַנקייט, הערט נישט אויף צו עגבערן מיין מוח דער געדאַנק, אַז די קרענקלעכע פּראָצעסן פון דעם אייערשטאָק, וועלכע כ׳האָב דורכגעמאַכט צוריק מיט אַ צייט, האָבן זיך פאַטאַל אָפּגערופן אויף די פונקציעס פון די ברוסטן.

כ׳געדענק געננוי, אַז בשעת איך בין עטלעכע מאָנאַטן אַרומגעגאַנגען מיט געהכערטער טעמפּעראַטור צוליב אַ געוויסער, שלעכט דורכגעפיר־

טער כירורגישער אינטערווענץ, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אַנטצינדונג פון אייערשטאָק, זענען מיינע ברוסטן געווען שטאַרק פילעוודיק, און איך האָב אָפט געשפירט זייערע אַנאָרמאַלע רעאַקציעס.

האָט דער דאָזיקער פאַקט נישט געקענט האָבן קיין השפעה אויף דער אַפּשוואַכונג פון געוויסע געוועבן אין דעם ברוסט־קאַסטן, און לסוף גורם זיין די גרויסע אַנאָמאַליע וואָס הייסט קאַנסער? קען זיין אַז נישט, אָבער אפשר...? דאַרף אַזאַ פאַל נישט זיין אינטערעסאַנט פאַר אַ סטאַטיסטישן פרעג־בויגן?

ווי אַ סימפּטאָם פון דער קראַנקייט, האָט מיר אויך אויסגעזען וויכטיק דאָס, וואָס כ׳האָב לעצטנס פאַרלוירן עטלעכע קילאָ פון מיין וואָג. אַחוץ דעם האָב איך געפילט אַ שוואַכקייט ספּעציעל אין די הענט, בעיקר אין דער לינקער האַנט (ד״ה פון דער זייט, וווּ ס׳האָבן זיך פאָרמירט די גולקעס).

גאָר פילבאַר איז זי געווען ביי אַ צירקולאַרער באַוועגונג, ווי ביים שיילן פרוכטן, קאַרטאָפל אא״וו. די האַנט פלעגט מיר דעמאָלט ווערן אַנמעכטיק.

בשעת ד״ר ל. האָט אויסגעפילט דעם אַנקעטע־בויגן, האָב איך גע־וואָלט דערגאַנצן מיט אָט די איינצלהייטן די מאַטעריאַלן פון מיין קאַנ־סער־פאַל. אָבער כ׳האָב באַמערקט, אַז ער פאַרלאַנגט נאָר דירעקטע ענטפערס אויף די שאַבלאָן־פראַגן, מער נישט.

ד״ר ל. פירט מיך צו באַשטימען די דאַטע פון דער ביאָפּסיע. אויפן וועג פרעג איך מיין באַגלייטער, אין וואָס פאַראַ טעמפּ מיין קראַנקייט קען זיך אַנטוויקלען. ס׳גייט מיר אין דעם, צו וויסן וויפל ס׳איז מיר נאָך געגעבן צו לעבן.

איך רוף נישט אָן די קרענק ביים נאָמען. ווען איך דאַרף אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „קאַנסער״, כאַפּט מיך אָן אַ קראַמף אין האַלדז, כ׳פיל ווי די שטימבענדער וואָלטן זיך פאַרקנוילט און לאָזן נישט אַרויס קיין קלאַנג.

דער דאָקטאָר ענטפערט אויסמיידנדיק און באַרויקט, פאַר וואָס איך בין אים דאַנקבאַר. כ׳פיל, אַז ער זאָגט מיר נישט דעם אמת, אָבער איך האָב נישט מער קיין כוח אויפצונעמען די אויסטערלישעווירקלעכקייט.

מיט אַ וואַרעמער שטימע קלערט ער מיר אויף, אַז פאַר דעם אַנאַליז

בית־חיים

קען מען נאָך גאָרנישט פעסטשטעלן מיט זיכערקייט, ווייל עס קענען זיין פאַרשידענע טיבות פון אַזעלכע גולקעס.

אַ שוואַכע טרייסט בליצט דורך מיין פינצטער געמיט.

די ביאָפּסיע איז באַשטימט אויפן צווייטן טאָג. כ׳קען שוין „רויִק״ אַהיימגיין.

כ׳גיי ווי אַן אויטאָמאַט. דער שאַרפער פּיין איז אָפּגעטעמט. כ׳בין אויסגעשעפּט און ראַנגל זיך מער נישט מיט די אייגענע געפילן.

V

איך און די וועלט

כ׳גיי פאַרביי פאַרשידענע קאַנסולטאַריעס. אומעטום ראַיעט זיך פון מענטשן. ווען איך בין געקומען, האָב איך זיך געפילט ווי אַ טייל פון דער־אָ וואַרטנדיקער מאַסע, מיט וועלכער איך בין געווען פאַראייניקט אין דעם גורל פון קרענקען, אין דעם ספּעציפישן אומרו פון אויסקוקן די ריי צום דאָקטאָר און אין דעם אומגעדולדיקן דערוואַרטן פון אַ גיכער היילונג. איצט אָבער קוק איך אויף אַלעמען מיט אַנדערע אויגן. קיינער פון זיי איז נישט פאַראורטיילט צו אַ שנעלן טויט, אַזוי ווי איך. כ׳דערפיל זיך איינזאַם, אַזוי ווי איך וואָלט געווען דער טויט אַליין, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם לעבן. אונדזערע וועגן גייען זיך פונאַנדער.

איך טראָג דעם טויט אין מיר, דערפאַר קען איך שוין נישט טראַכטן מיט די קאַטעגאָריעס פון נאָרמאַלע מענטשן, וועמענס געדאַנקען־גאַנג איז דער בולטסטער אויסדרוק פונעם לעבן...

איך פיל זיך מער נישט ווי אַ מיטגליד פון קיין שום גרופּע. די פאָרעם „מיר" פאַלט אַרויס פון מיין וואָקאַבולאַר. מיין גייסטיקן און עמאָציאָנעלן צושטאַנד אַנטשפּרעכט נאָר די פאָרעם: „איך" און „זיי".

מערקווירדיק! מיט איין קלאַפּ זענען איבערגעריסן געוואָרן די פיל־צאָליקע פעדים, וואָס האָבן מיך פאַרבונדן מיטן מענטשלעכן אַרום.

מיין מאָדנע רעאַקציע פון אַוועקשטעלן זיך אויסער יעדן קאָלעקטיוו, פון פולשטענדיקער גייסטיקער איזאָלירטקייט, פון העכסטן עגאָצענטריזם, נאָך מער — פון קעגנשטעלן זיך דער גאַנצער וועלט — איז אַזאַ פּלוֹ־

צימדיקע און גוואַלדיק־שטאַרקע, אַז איך גיב זיך אָפּ פון איר אַ גענויען חשבון. איך בלייב איבערראַשט מיט זיך אַליין.

ווי איז מעגלעך אַזאַ בליץ־שנעלע פּסיכישע טראַנספאָרמאַציע?

מיטאַמאָל דערזע איך אין מיר אַליין אַן אינטערעסאַנטן אָביעקט פאַר אַ סטודיע איבער פּסיכישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אַ פּערזאָן, וועלכע שטייט אין אָנבליק פון טויט. אגב האָב איך פריִער ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן פון טויט־אורטיילן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן געריכט אָדער דורכן שיקזאַל אַליין (אומהיילבאַרע קראַנקייט), זיך פאַרטראַכט, ווי שרעקלעך ס׳מוז זיין דער באַוווסטזיין פון אַ נאָענטן סוף. און מיך האָט געעגבערט די פראַגע: וואָס לעבט דעמאָלט איבער אַזאַ מענטש? איצט געפין איך זיך אַליין אין אַזאַ לאַגע און קען אויף דעם געבן אַ קלאָרע תשובה.

מיט אינטערעס אָבסערוויר איך מיך אַליין ווי עפּעס אַ קוריאָז. כ׳פיל אַ צעצווייונג פון מיין „איך“.

איינער, דאָס איז דער חיהשער לעבנס־אינסטינקט, וואָס קלאָגט און ליאַרעמט מחמת דער נאָענטער טויט־געפאַר, און לעכצט נאָכן לעבן פאַר יעדן פּרייז.

דער אַנדערער, דער שכל הישר, זאָגט אונטער: אַלץ איז פאַרלוירן, ווייל מיט קאַנסער ראַנגלט זיך לאַנגע יאָרן די גאַנצע מעדיצינישע וועלט. און אומזיסט.

דער ערשטער וויל בשום אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן טויט, זוכט אַנצוכאַפּן זיך אין יעדער אילוזיע פון לעבן.

דער צווייטער מוסרט און חוזקט אָפּ פון דעם בלינדן חיהשן לעבנס־דראַנג. ער שטעלט אים אַנטקעגן די האַרטע לאָגיק און פאָדערט ווערדיק צו באַגעגענען דעם טויט.

איך ווער געריסן פון קעגנזעצלעכע געפילן און געדאַנקען: פון איין זייט דאָס גריבלען זיך אין די אייגענע וווּנדן, דאָס אַנטשטיין פון קרענק־לעכע פאַרשטעלונגען און אַבסורדאַלע אויספירן; פון דער צווייטער — דאָס אָפּטרייסלען זיך פון קאָשמאַרן, די אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן אַ קאַלטבלוטיקייט, וואָס זאָל דערלויבן צו רעאַליזירן מיינע אָנגעצייכנטע אויפגאַבן, פאַר וועלכע ס׳איז געבליבן אַזוי ווייניק צייט.

אין דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט צווישן געפיל און שכל נעמט אָקאָרשט די אויבערהאַנט די עמאָציאָנעלע צעטרייסלונג. די פּאַרטרייבט יעדע ראַציאָנאַלע הנחה. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום זיגט ווידער די ניכ־טערע לאָגיק. כ׳באַטראַכט מיך שוין אַליין מיט דעם גרעסטן סאַרקאַזם. כ׳פיל אַ טיפן איבל און פאַראַכטונג צו זיך אַליין. פאַרוואָס איז ביי מיר אַזוי חיהש שטאַרק דער לעבנסווילן? פאַרוואָס קען איך נישט אַנטקעגנגיין דעם טויט באַהערשט און רויק?

עס דאַכט זיך מיר, אַז די שרעק פאַר דעם טויט איז איצט ביי מיר אַזוי מוראַדיק גרויס נאָר דערפאַר, ווייל איך טראָג אים אויס אין מיר אין דער פאָרעם פון אַ מיסטעריעזן מאָנסטרום. יעדע אַנדערע פאָרעם פון טויט וואָלט מיר געוועזן לייכטער אויפצונעמען.

די שרעק פאַרן קאַנסער איז ביי מיר גרעסער ווי די שרעק פאַרן טויט.

***

עס נעמט מיך אָן אַ פאַרדרוס און אַ ווייטיק, פאַרוואָס כ׳האָב אַזוי ווייניק באַוויזן אויפצוטון. איך זע מיינע חלומות צערונענע. מיינע האָפענונגען זענען שוין אויף אייביק פאַרלוירן. פאַר מיינע אויגן גייען אַדורך די פאַרשידענע עטאַפּן פון מיין יונג לעבן. מיין גרעאַנגל פאַר גייסטיקן אַוואַנס, מיינע פריידן און זאָרגן, מיינע דערגרייכונגען און דורכפאַלן. מיינע רעיונות קערן צוריק צו דער קעגנוואַרט און אַן אומעט באַהערשט מיך. אַזויפיל שוועריקייטן אויסגעטראָגן, אַזויפיל צרות אויס־געשטאַנען, און איצט, ווען שוין זיך פאַראַנקערט ביי אַ מער זיכערן ברעג, איז געקומען מיין סוף. פאַרוואָס איז דער גורל אַזוי אַכזריותדיק אומ־גערעכט צו מיר? איז נאָך מיין כוס נישט געוועזן איבערפולט מיט בלוט און טרערן? — — האָט מען דאָך מיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ גערעאַטענע און אין יעדער סיטואַציע האָב איך מיר געקענט געבן אַן עצה. איצט בין איך אַזוי אויסטערליש הילפלאָז, אָנמעכטיק!

דאָס געפיל פון אָנמעכטיקייט באַשווערט מיין געמיט. איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ באַנק אין דעם רחבותדיקן הויף פון דער קליניק.

אַ פראַכטפולער טאָג. אויף דעם העל־בלויען הימל איז נישטאָ קיין וואָלקנדל. דער הויף און די מענטשן זענען באַגאָסן מיט זוניקער שטראַ־לונג.

די גרינע בלעטער און די ווייס־ראָזע בליטן לאָקן. די פייגעלעך שפרינגען פון צווייג צו צווייג, שטעלן זיך אַ רגע אָפּ און הוידען זיך, אויסזינגענדיק זייער פרייד אין אַ צווישטשען. איך קוק אויף זיי מיט אַ וויטיקלעכן סענטימענט. כ׳וואָלט זיי געוואָלט איינקריצן אויף אייביק אין מיין זכרון. דאָס קומענדיקע יאָר וועל איך זיי שוין נישט זען...

וויפל איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן? טעג, וואָכן אָדער אפשר חדשים?

דער אומרו באַוועגט מיך. כ׳גיי אַרויס אויף דער גאַס. מענטשן שפּאַ־נען אין אַ געדיכטן, לעבעדיקן שטראָם. פרויען אין קאָלירפולע, געבלימטע קליידער, מענער מיט אויפגעקנעפּלטע רעקלעך איילן. אַלץ איז איינגע־טונקען אין דער ליבער וואַרעמקייט, וואָס פילט אָן די הערצער מיט טרוימען, צינדט אָן די אויגן און צעגיסט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

און איך? — מיך נעמט אַרום אַ קעלט. כ׳בלייב שטיין ביי אַ דיקן בוים צו וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס.

צופוסנס פון בוים — פריש גראָז. פּלוצים שניידט מיר אַדורך אַ מוראדיקער געדאַנק, וואָס טרייסלט מיך אויף. אין גיכן וועט איבער מיר וואַקסן גראָז מיט בלומען. מיין מאַן ווייסט, אַז איך בין אַ ליבהאָבערין פון בלומען, ער וועט מיר זיכער באַצירן מיט זיי מיין קבר. פון אויבן וועט אַלץ זיין אַזוי רויק און עסטעטיש. דער קבר איינגעהילט אין דער אימהדיקער שטילקייט פון בית־עולם. אָבער אונטן?

אין מיין קרענקלעכער פאַנטאַזיע זע איך אַ טיפן גרוב. איך זע, ווי מ׳לאָזט אַרונטער מיין ארון און כ׳הער דאָס האַרצרייסנדיקע געוויין פון מיינע נאָענטע. איך באַקום אַזאַ רחמנות אויף זיי, אַז אויך פון מיינע אויגן נעמען זיך גיסן ביטערע טרערן.

איך אַנטלויף פאַר די נייגעריקע בליקן פון די פאַרבייגייער. איך באַ־דויער, וואָס כ׳האָב נישט מיט מיר מיינע טונקעלע ברילן און באַשליס מער אָן זיי נישט אַרויסצוגיין. איך פאַרקערעווע אין זייטיקע, שטילע גאַס־

לעך. כ׳שטעל זיך אָפּ ביי די שויפענצטער ביז כ׳וועל קענען איינהאַלטן דעם טרערן־אויספלוס.

איך באַמערק זיך אין שפּיגל און ווער אויפגעציטערט פון מיין אויסזען.

איינגעבויגן, אַן איינגעהויקערטע פּלייצע, צעשויבערט, די באַקן געל און איינגעפאַלן, רויטע, געשוואָלענע אויגן מיט טונקל־גרויע רייפן. די נאָז בלוי און פאַרשפּיצט, די ליפּן בלאַס און פאַרשנורט. כמעט אַ מת מיט אַ צעווייטיקט פּנים.

איך פאַרשעם מיך פאַר זיך אַליין. ווי אַזוי האָב איך מיך געקענט אַזוי איינברעכן? האָב איך נישט געמיינט אַלעמאָל, אַז איך האָב נישט קיין מורא פאַרן טויט?

נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, ווען מיינע נאָענטע צוזאַמען מיט מיליאָנען יידן זענען אַכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע באַרבאַרן און איך אַליין האָב מערערע מאָל געקוקט דעם טויט אין פּנים אַריין, האָב איך געגלייבט — איך בין שוין אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז ווען די ריי וועט קומען אויף מיר, וועל איך דעם מלאך־המות אויפנעמען אָן פּחד. האָב איך דאָך אַפילו עטלעכע מאָל אין אַנבליק פון שווערע נסיונות פרייוויליק אויסגעוויילט דעם טויטן־וועג נישט פילנדיק קיין שרעק.

און פאַרוואָס האָבן אַ סך פון מיינע ברידער און שוועסטער געפונען אין זיך דעם גוואַלדיקן גייסטיקן כוח צו באַגעגענען דעם טויט מיט אויפגעהויבענע קעפּ? זיי האָבן אפילו לאַנגע חדשים מוטיק זיך געגרייט צו אַ טראַגישן אָבער העראָישן טויט — אויפן שלאַכט־פעלד אַנטקעגן דעם בעסטיאַלישן שונא.

מיר דאַכט זיך, איך וואָלט געשטאָרבן מיט אַ לייכט געמיט, ווען מיט מיין טויט וואָלט איך עפּעס אויפגעטון לטובת מיינע נאָענטע, מיין פאָלק און לאַנד, אָדער סתם פאַר דער מענטשהייט.

מיין צעהיצטער מוח שאַפט שוין פאַנטאַסטישע סיטואַציעס, ווו איך בין די העלדין, וואָס איז זיך מקריב פאַרן לעבן פון אַנדערע. איך פיל זיך אַזוי דערהויבן!

אָבער דער רעאַלער חוש רופט מיך ווידער צוריק צו דערווירק־לעכקייט.

יאָ! אפשר איין זין וועט האָבן מיין טויט: טיילן דעם גורל פון מיינע מיטברידער, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון דעם גרעסטן בלוט־דורשטיקסטן קאַנסער פון אַלע צייטן און פעלקער — דעם דייטשן נאַציזם. ס׳וועט מיך מער שוין נישט עגבערן דער געדאַנק פאַרוואָס האָב איך זיי אַלע איבערגעלעבט.

מיט די לעצטע כוחות שטאַרק איך זיך. כ׳פאַרריכט מיין פריזור, פריש אויף די ליפּן, און פאַרקירעווע צוריק אויף דער הויפּט־גאַס, כדי אַהיים־צופאָרן.

דער אמניבוס, אין וועלכן כ׳שטייג איין, איז ענג געפּאַקט מיט יונג און אַלט. אויף די פּנימער פון אייניקע פּאַסאַזשירן איז אויסגעגאָסן אַ רויִקייט און צופרידנקייט. אויף אַנדערע — בלאַנדזשעט אַ טרויער, אומרו. אָבער יעדער פון זיי גייט אוודאי אַנטקעגן זיין צוקונפט, יעדער מיט זיינע פּלענער און האָפענונגען. נאָר מיך דערנענטערט יעדער שפּאַן צום טויט.

איך דערזע שוין פון ווייטנס מיין הויז. דער געדאַנקענגאַנג ווערט פון מיר אַליין אָפּגעווענדט צו מיין מאַן. וואָס וועל איך אים זאָגן? — איינס איז פעסט באַשלאָסן, — כ׳וועל אים נישט דערציילן דעם שרעקלעכן אמת.

קיינער איז מיר נישט אין שטאַנד צו העלפן, צו וואָס פאַרשאַפן אים פריצייטיק עגמת־נפש? איצט פאַרגעס איך וועגן מיר, איך בין מיט דער גאַנצער נשמה ביי אים.

ווי אַזוי אַלץ אַראַנזשירן, ער זאָל נישט דערגיין דאָס בייזע? ער זאָל נישט ליידן און זיך איינברעכן פּריִער, איידער...

ווי אַ שילערין פאַרן עקזאַמען חזר איך מיר איין די אויסגעטראַכטע ווערסיע, כדי זיך נישט אַרויסצוכאַפּן מיט אַ פאַרדעכטיק וואָרט. כ׳פּרוּוו אַרויסברענגען אַ לייכטן שמייכל, אָבער דאָס געלינגט מיר נישט. דאָס פּנים איז פאַרשטיינערט אין צער.

**
*

כ׳קום אַריין אין שטוב. מיין מאַן לויפט מיר אַנטקעגן מיט אומרו אין זיינע גוטע אויגן.

— וואָס האָט מען דיר געזאָגט? — פרעגט ער מיט אַן עמאָציאָ־נירטער שטים.

כ׳האָב זיך אַליין איבערגעשטיגן און טראָג אים אונטער אַ שמייכל, וואָס כ׳האָב אַרויסבאַקומען מיט עפּעס אַ געהיימען כּוח.

— וואַרשיינלעך, אַ מין פאַרהאַרטונג, אַ קלייניקייט. מאָרגן וועט מען מאַכן אַן אַנאַליז, וועט מען ערשט וויסן, צי ס׳איז נייטיק אויסצושניידן, צי נישט.

איך ענטפער פעסט, נישט פאַרהיקענדיק זיך.

מיין מאַן באַמערקט מיין בלאַסקייט און לאָזט מיך נישט אָפּ. איך פאַרענטפער זיך מיט מידקייט, נישט האָבן געפרישטיקט אאַ״וו.

— מאָרגן וועל איך דיך נישט לאָזן אַליין גיין צו דער ביאָפּסיע — פאַרזיכערט מיין מאַן.

דאָ קומט מיר שוין דאָס בלוט אין פּנים אַריין. איך דערפיל די גע־פאַר פון דערגיין מיין ביטערן סוד. איך נעם ענערגיש פּראָטעסטירן.

— ס׳איז אַבסאָלוט נישט נייטיק! ס׳איז פּשוט קינדיש דורכצולאָזן די אַרבעט צוליב אַזאַ נאַרישקייט — טענה איך. — דער אַנאַליז איז אַ לייכטער, נישט ווייטיקלעכער. ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה, מיר זאָלן ביידע פאַרלירן אַ האַלבן טאָג.

איך באַנוץ אַלע אַרגומענטן. עס געלינגט מיר. ער גלייבט מיר ווי שטענדיק, אַז איך זאָג דעם אמת.

נישט קוקנדיק מיין מאַן אין די אויגן, רעד איך הויך, שרייענדיק, זיך אַליין צו פאַרטויבן. אָבער פון אונטער די אויגן קוק איך אויף אים מיט אַ שרעקלעכן מיטלייד. ער פילט נישט אָפּ דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דערוואַרט אים. וואָס וועט מיט אים זיין נאָך מיין טויט? וועט ער איבערלעבן דעם אויסטערלישן קלאַפּ? וועט ער שלום מאַכן מיט זיין עלנטן, אומרחמנותדיקן גורל?

כ׳שטעל זיך פאָר זיין טיפע צעבראָכנקייט. כ׳זע אים אַ דערשלאָגענעם אין דער שווערסטער פאַרצווייפלונג. עס כאַפּט מיך אָן אַזאַ אומענדלעך רחמנות אויף אים.

איך מאַך דעם אָנשטעל פון אַ שטאַרק פאַרנומענער מיט עפּעס אַן אַר־בעט אין דרויסן, און דאָרט לאָז איך רינען די געזאַלצענע טרערן, וועל־

כע כ׳קען מער נישט איינהאלטן. פון דעם ווערט מיר אביסעלע לייכטער און ס׳גנבעט זיך ווידער אַריין א שאָטן פון האָפענונג. אפשר וועט דער מאָרגנדיקער אַנאַליז דאָך אַרויסווייזן, אַז ס׳איז נישט קיין ראַק, און איך בין טאקע געזונט?

מיר זעצן זיך עסן מיטאָג. מיין מאַן איז אויסגעהונגערט. ער עסט מיט אַפּעטיט, אָבער מיר איז שווער צו שלינגען. מיין האַלדז איז אויס־געטרוקנט און איינגעשרומפּן.

דאָס עסן האָט שוין נישט קיין באַדייטונג פאַר מיר — טראַכט איך. אויב מיר וואָלטן געלעבט אין אַ הונגער־צייט, וואָלט אייגנטלעך געוועזן אַ שאָד יעדער ביסן פאַר מיר. סיי־ווי־סיי בין איך אַ פאַרלוירענע. אָבער דאָ הי איז עסן נישט קיין פּראָבלעם.

קענטיק, אַז מיין מאַן וויל מיך צעשטרייען און דערציילט מיר עט־לעכע וויצן. איך רעאַגיר אינסטינקטיוו, ווי אין די אַלטע, גוטע, געזונטע צייטן — מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

איין מינוט טראָג איך מיך אַריבער אין אַן אַנדערער וועלט פון זאָרגלאָזיקייט, פון פרייד. אָבער פּלוצים גיט מיר אַ שטאָך אין האַרצן: מיין מאַן האָט גענומען מיין גאָפּל. ער איז זייער אַ באַרעדעוודיקער, מיין מאַן. האָט ליב בשעת די מאָלצייטן צו פירן אַ לעבהאַפטן געשפּרעך און רעדנדיק קוקט ער אויף מיר. צוליב דעם זעט ער נישט אָפט זיין טעלער און טיש־געדעק. ער פאַרבלאָנדזשעט צו מיינע מכשירים, וועלכע ער דער־זעט גיכער.

אויך דאָס מאָל האָט ער, לויט דער אַלטער געוווינהייט, געכאַפּט מיין גאָפּל, און איידער איך האָב באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט דער גאָפּל זיך שוין געפונען מיט אַ ביסן אין זיין מויל.

כ׳האָב אויפגעצאַפּלט, גלייך אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט מיר אַדורכגעלאָפן איבערן קערפּער. אין דעם אויגנבליק האָב איך דערזען אַ טויט־געפאַר איבער זיין קאָפּ.

אין מיין זכרון האָט גראָד אויפגעטויכט די דערינערונג, — ערגעץ האָט מען מיר דערציילט, אַז מ׳האָט נאָכן טויט פון אַ קאַנסער־קראַנקן

פאַרניכטעט אַלע זיינע פּערזענלעכע חפצים. איצט איז עס מיר פּלוצים אַרויסגעשוווּמען פונעם אונטערבאַוווּסטזיין. איך האָב דערזען אין מיר אַליין און אין יעדער זאַך, וואָס קומט אין דירעקטער באַרירונג מיט מיר, אַן עווענטועלן, פּאָטענציעלן פאַרשפּרייטער פון דער טויט־ברענגענדיקער קרענק. אין אַ בליציקער שנעלקייט דערשיינט פאַר מיינע אויגן אַ בילד, וואָס כ׳האָב נישט לאַנג אויפגעכאַפּט: צוויי דאָקטוירים וואַשן זיך לאַנג און זאָרגפול זייערע הענט נאָכן באַטראַכטן מיך.

די אַסאָציאַציע פון די צוויי פאַקטן טריפט מיר דאָס בלוט פונעם האַרצן.

מיט די לעצטע כוחות הייב איך אויף דאָס גלאָז מיט וויין צום מויל. איך דערקוויק זיך און דערפיל אַ נייעם לעבנס־שטראָם אין מיינע אָדערן.

איך קוק נאָך מיט אַ שוידער אויף דעם גאָפּל אין מיין מאַנס מויל. אָבער גיך טרייסל איך מיך אָפּ פון דעם וויסטן קאָשמאַר.

— ביסט ווידער אַרויס מיט דיין היסטעריע? — הער איך אין מיר שרייען אַן אינערלעך קול. — אויב אַ קאַנסער וואָלט געווען אַנשטעקנדיק, ווען ס׳וואָלט געווען דער מינדסטער חשד אין דער הינזיכט, וואָלטן דאָך שטרענג איזאָלירט געוואָרן אַלע קאַנסער־קראַנקע. ס׳איז גאָר לעכערלעך צו טראַכטן, אַז דורכן מויל קען מען אָנשטעקן, ווען די קרענק געפינט זיך גאָר אונטערן אָרעם — אַפּעלירט צו דער לאָגיק מיין צווייטער „איך״.

— און פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז דיין האַלדז איז אויך נישט אָנגעגריפן? — פרעגט מיך ווידער מיין סקעפּטישע העלפט. ס׳קען דאָך זיין, אַז דאָס שטיקעניש איז נישט נאָר אַ נערוועזע דערשיינונג. דאַכט זיך דאָך מיר נישט איין מאָל, אַז די קאַנסער־קלעשטשעס ציִען זיך צום האַלדז און דריקן מיך און שטיקן... דער קרעפּס איז אַזאַ גרויזאַמע און נאָך ווייניק אויסגעפאָרשטע קרענק, אַז ס׳קען זיין אַ ספק, צי זי איז נישט אָנשטעקיק אין געוויסע סטאַדיעס און ביי אַ סיסטעמאַטישן קאָנטאַקט. האָט דאָך דער מערקווירדיקער בראַזיליאַנער פאָרשער, ד״ר לאַורעאַנאָ, אַוועקגעגעבן דאָס לעבן פאַר אַ קרבן פון זיינע עקספּערימענטן איבערן קאַנסער. מיט וואָס פאַראַ קראַפט איז אַריינגעוואַקסן אין זיין קערפּער דער ספּעציעל אַפּליקירטער קאַנסער־געוועב, אַז נישט געקוקט אויף די זאָרגפולע

אָבסערוואַציעס און שפּעטערדיקע אָנשטרענגונגען פון די באַרימטסטע ספּעציאַליסטן, איז געווען אוממעגלעך צו ראַטעווען דעם העלדישן מעדי־קער. געוויס איז פאַראַן אַ גרונטיקער אונטערשיד צווישן אַריינפלאַנצן אַ קרעפּס־געוועב דירעקט אין קערפּער און דעם בלויזן אָנרירן אַ קעגנ־שטאַנד, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט אַ קאַנסער־קראַנקן אבר.

כ׳קען מיט זיך אַליין נישט אַדורכקומען. ס׳מאַטערן מיך די אייגענע ספקות. איך באַשליס אויף יעדן פאַל זיך צו איזאָלירן פונעם אַרום און שטרענג אָפּהיטן, אַז קיינער זאָל נישט קומען אין אַ נאָענטן, דירעקטן קאָנטאַקט נישט מיט מיר און נישט מיט מיינע פּערזענלעכע זאַכן.

און ווען איך זע, אַז אימיצער רירט אָן מיין געפּעס אָדער האַנטעך, רייסט זיך מיר אָפּ דאָס האַרץ פאַר שרעק. מיט טיפער מורא אָבסערוויר איך אַליין אין מיר די רעאַקציעס, וואָס זענען נישט באַזירט אויף קיין שום שכל. דער אינסטינקטיווער פּחד פאַרן קאַנסער טרעט מאָמענטנווייז אַרויס מיט אַזאַ גוואַלדיקער קראַפט, אַז ער פאַרבלענדט אין מיר דעם קלאָרן פאַרשטאַנד. אין מוח שאַפן זיך פאַנטאַסטישע, געפערלעכע פאַר־שטעלונגען, פון וועלכע מיינע נערוון ווערן שטאַרק אָנגעצויגן. עס קאָסט מיך אַ סך אָנשטרענגונגען, אַז דער שכל־הישר זאָל ווידער קומען צום וואָרט.

כ׳גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דעם צושטאַנד באַגינסטיקט מיין פול־שטענדיקע אומוויסנהייט אין דער מאַטעריע פון דער קאַנסער־ קראַנקייט.

מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף אַ געלעגנהייט צו קענען גיין אין אַ ביבליאָטעק אויפזוכן די ליטעראַטור וועגן דעם ענין.

***

אין מיין טיפן אומגליק האָב איך נאָך אַ גליק, וואָס איך בין שטאַרק פאַרנומען, פאַריאָגט, און האָב נישט צופיל צייט אַריינצוטראַכטן אין זיך.

די חברים פון מיין אַרבעט ווייסן וועגן מיינע באַזוכן ביי די דאָק־טוירים, אָבער כ׳קען ביי זיך בשום אופן נישט פועלן זיי איבערצוגעבן דעם אויסטערלישן אמת. כ׳האָב דאָס געפיל פון אַ שרעקלעכער חרפּה.

אויף זייערע צודרינגלעכע פראַגן זאָג איך, אַז מיינע קראַנקייט־סימפּטאָמען זענען ערנסטערע, ווי איך האָב זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. דאָס באַווייזט מיר די באַאומרויִקנדיקע אויפפירונג פון די מעדיקער.

אַלע ווייסן שוין וועגן דער מיסטעריעזער גולקע אונטערן אָרעם. אַז ס׳עקזיסטירט אויך אַ צווייטע, פאַרבונדן דורך אַ דריטער, לענגלעכער פאַרהאַרטונג, האָב איך שוין נישט קיין מוט צו דערציילן.

פון אַלע זײַטן ברענגט מען מיר נייע ידיעות וועגן „אַנאַלאָגישע" פאַלן ביי אנדערע פרויען. אַלע האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין לעבנס־געפערלעכע. און יעדעס מאָל (הגם איך ווייס, אז מיינע פריינדינס קלייבן זיך נישט פונאַנדער אין מיין ענין), לייכט דאָך אויף אין מיין גע־מיט אַ פונק האָפענונג. אפשר?...

ס׳איז מיר שווער זיך צו קאָנצענטרירן, דענקען סיסטעמאַטיש, דיס־ציפּלינירט. ווען ס׳געלינגט מיר דאָך אַ פּאָר מינוט מיטן רעיון זיך אַרויסצוהייבן צו די אַבסטראַקטע, אַזוי ווייטע און פאר מיר איצט מינ־דערוויכטיקע פּראָבלעמען, ווערט דער געדאַנק באַלד איבערגעקרייצט דורך דער שניידיקער שרעק: קאַנסער...

אָבער איך פיל אויף מיר די אַחריות פאַר איבערלאָזן נאָך זיך אַלץ אין אָרדענונג און דאָס צווינגט מיך טיילווייז זיך צו באַהערשן. דערפאַר פיל איך זיך נאָך צום בעסטן ביי דער אַרבעט. דאָ פליסן מיר די שעהן גיכער.

אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט געפין איך מיך, ווען ס׳ווערן באַהאַנ־דלט פּראָיעקטן פאַר דער צוקונפט .

איך הער זיך צו מיט אַ ווייטיקלעכן שמייכל פון אַ מענטשן, וועלכן גאָרנישט גייט שוין אָן, וואָרעם ער שטייט אויף דער שוועל פון יענער וועלט. ס׳איז נישט געבליבן קיין שפּור פון מיין פריערדיקן טעמפּערא־מענט און ענטוזיאַזם. מיין נשמה איז אויסגעלאָשן. נאָר זעלטן, גאָר זעלטן פאַרגעס איך זיך אַ ווייל, צינד זיך אָן פאַר עפּעס, אָבער באַלד דערמאָן איך מיך אין מיין לאַגע, און דער אינטערעס לעשט זיך ווידער.

***

ווען איך געפין זיך אין דער היים, דערמאָן איך מיך, אַז כ׳האָב אַמאָל געלייענט אין אַן אויסלענדישער צייטשריפט וועגן איינעם, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ קאַנסער־קראַנקייט און איז אַרויס געזונט.

איך האָב עס געהאַט געלייענט מיט אַ גרויסן, אינערלעכן ציטער. טיף האָבן מיך גערירט דעם קראַנקנס מאָראַלישע און פיזישע ליידן.

און אַט זיץ איך ווידער און שלינג מיט טיפער עמאָציע יעדעס וואָרט פון דער זעלבער אָפּהאַנדלונג:

אַ יונגער, פעיִקער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ גליקלעכער מיט זיין נאָר־וואָס געהייראַטער פרוי און מיט זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, האָט פּלוצים דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין מאָגן. די זייט איז רויט און געשוואָלן און די טעמפּעראַטור איז געשטיגן ביז 40 גראַד. דער מעדיצינישער דיאַגנאָז: אַ מין מאַלאַריע. בעת אַ צווייטן אַטאַק האָט ער געליטן נאָך שטאַרקערע ווייטיקן. ער איז געוואָרן אַלע מאָל שוואַכער און פאַרלוירן פון דער וואָג. די דורכגעפירטע אָפּעראַציע האָט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז קראַנק אויף אַ קאַנסער אין דער זייט פון אַ ניר.

ביים לייענען נעמט מיך אַדורך אַ שוידער. דער דאָקטאָר האָט אינפאָרמירט דעם קראַנקן, אַז אים בלייבט נאָך נאָר צוויי וואָכן צו לעבן און אים געראָטן צו מאַכן אַ צוואה.

איך קען גאָרנישט באַגרייפן, ווי אַ מעדיקער קען זיין אַזוי אכזריות־דיק לגבי אַ פּאַציענט. אין פאַרגלייך מיט אים זענען דאָך מיינע דאָקטוירים געווען מלאכים...

שפּעטער האָט מען דעם קראַנקן אַרויסגעשיקט אין אַ צווייטן שפּיטאָל, ווו מ׳האָט אָנגעוואָנדן אויף אים x־שטראַלן. נאָך דריי חדשים האָט מען באַמערקט דעם נס, וואָס איז מיט אים פּאַרגעקומען. דער קאַנסער־טומאָר איז פאַרשוווּנדן. די ראַדיאָגראַפישע אויפנאַמעס זענען געווען פולשטענדיק ריינע. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך באַוויזן אַ נייער טומאָר אויף אַן אַנדער אָרט, וועלכער איז ווידער אויסקורירט געוואָרן, דאָס מאָל דורך אַן אָפּעראַציע און מיט x־שטראַלן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער טומאָר האָט זיך איבערגעחזרט פיר מאָל — איז דער ,העלד היינט פולשטענדיק געזונט. ער עצהט אַלע קראַנקע פון דער גאַנצער וועלט —

וועלכע האָבן אים געבעטן אַנצווויזן די רעצעפּטן קעגן קאַנסער — נישט צו פאַרלירן די האָפענונג און דעם גלויבן, ווייל זיי העלפן באַזיגן דעם קרעפּס. ער איז זיכער, אַז אויב ער וואָלט געהאָרכט די עצה פון זיין דאָקטאָר צוצוגרייטן אַ צוואה, און אַ רעזיגנירטער געוואַרט אויפן טויט, וואָלט ער איצט זיך שוין נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע.

אַלץ האָב איך איבערגעלייענט מיט איין אָטעם און מיט גאָר אַנדערע געפילן, ווי דאָס ערשטע מאָל. איצט האָב איך אין דעם מערקווירדיקן פאַל געפונען אַ געוויסע טרייסט פאַר מיר. אָבער איך האָב נאָר געקענט מקנא זיין דעם דאָזיקן מענטש צוליב זיין טיפן, אומגעוויינלעכן גלויבן אין לעבן. ווו נעמט מען אַזאַ בטחון? שוין ביים ערשטן אָנדייט וועגן אַ קאַנסער האָב איך זיך אַזוי איינגעבראָכן, אַז איך בין גאָרנישט אין שטאַנד צו טראַכטן וועגן אויסהיילן זיך. לויט מיין ביז־איצטיקן באַגריף, איז קאַנסער געווען אַ סינאָנים פון טויט. דער־אָ פאַל וואָלט געדאַרפט אונטערגראָבן די דאָזיקע איבערצייגונג, אָבער מיין טיפער סקעפּטיציזם דערלאָזט נישט קיין דערמוטיקונג. אדרבה, ער זאָגט מיר אונטער, אַז דער פאַל פון איבערלעבן איז אַן אויסנאַם, אַ יוצא מן הכלל, דערפאַר טאַקע איז ער דערגאַנגען צו די שפּאַלטן פון זשורנאַל. אַ קוריאָז.

און נאָך איין זאַך האָט מיר פאַרחושכט מיין געמיט. אַזש פיר מאָל האָט זיך צו דעם אויבן־דערמאָנטן אומגעקערט דער עקשנותדיקער קאַנ־סער, נאָך דעם ווי דער חולה איז שוין געווען אויסקורירט פון אים.

איז וואָס פאַראַ פּערספּעקטיוון קען איך אין בעסטן פאַל פאַר מיר זעען? די כסדרדיקע אומזיכערקייט, דאָס מוראדיקע געפיל, אַז דער קרעפּס לויערט אויף מיין קאָפּ.

ווען איך דערגרייך שוין צום אָפּגרונט פון די שוואַרצע דמיונות, שלאָגט דורך צו מיר אַ בלאַסער שאָטן פון אַ לעבנס־שטראַל: איז אפשר מיין פאַל אַ לייכטערער? איך האָב דאָך נישט קיין שום ווייטיקן, קיין געהעכערטע טעמפּעראַטור. אפילו די גולקעס פיל איך נישט, סיידן איך טאַפּ זיי אָן מיט דער האַנט. אפשר איז עס בלויז דער אָנהויב, וועלכן מ׳קען גיכער אויסקורירן?

בית־חיים

און ווידער טויכן אויף פּאַר מיר די טויט־ערנסטע פּנימער פון די דאָקטוירים. עס פאַרשווינדט אויך דער בלאַסער שיין פון טרייסט. איך פאַרזינק אין פאַרצווייפלונג.

וועלנדיק פאַרטרייבן מיין מרה־שחורה, לייגט פאָר מיין מאַן צו גיין אין קינאָ, צו פאַרברענגען די פרייע צייט און נישט טראַכטן וועגן מיין סיטואַציע, נעם איך גערן אָן זיין פּראָפּאָזיציע. מיר גייען אויף אַ לייכטע קאָמעדיע. דער פילם האָט מיך אויפגעהייטערט. עטלעכע מאָל האָב איך, לויט מיין אַלטער געוווינהייט, זיך צעלאַכט אויפן קול, אָבער באַלד האָט מיך אַדורכגעשפּיזט די דערינערונג וועגן מיין מצב. דאָס געלעכ־טער איז פאַרשטיקט געוואָרן אין מיין האַלדז.

VI

די ביאָפּסיע

נאָך אַ כמעט שלאָפלאָזער נאַכט פול מיט קאָשמאַרע חלומות בשעת אַ קורצן דרימל, גיי איך אין דער פרי דורכפירן די ביאָפּסיע.

כ׳מוז איבערוואַרטן עטלעכע אָפּעראַציעס ביז עס קומט מיין ריי. לסוף רופט מען מיך. כ׳גיי אַריין ציטערנדיק — וואָס וועט זיך אַרויס־ווייזן?

אַחוץ די צוויי שוין פון פריִער באַקאַנטע דאָקטוירים, פּראָפ׳ ר. און ד״ר ל., געפינען זיך דאָ צוויי קראַנקן־שוועסטער, ווי אויך מעדי־צינישע אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן.

די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער זענען אין ווייסע כאַלאַטן און ווייסע מאַסקעס, פאַרבונדענע פון אונטער דער גאָמבע ביז כמעט צו די אויגן.

מ׳הייסט מיך זיך לייגן אויף דעם אָפּעראַציע־בעטל. איין קראַנקן־שוועסטער האַלט מיך צו ביים קאָפּ, אַ צווייטע בינדט מיר צו די רעכטע האַנט צום בעטל. דאַן האַלט זי מיר אונטער פעסט די לינקע האַנט. מ׳פאַרדעקט מיר דאָס געזיכט. כ׳פיל אַ שטאָך אונטערן אָרעם — דאָס איז מסתמא די אַנאַסטעזיע־איינשפּריץ. באַלד דערשפּיר איך אַ שאַרפן ווייטיק — דאָס צייכנט מען מיר אָן די קאָנטורן פון דער פאַרהאַרטונג — קלערט מיר אויף דער כירורג.

כ׳בין אַנטוישט. כ׳האָב מיר נישט געהאַט פאָרגעשטעלט אַזוינס. איך האָב געמיינט, אַז די פּראָצעדור וועט זיין אַ מער איינפאַכערע. אָבער

דאָס איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם שפּעטערדיקן אויסטערלישן ווי, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפציטערן ביז צו די טיפסטע טיפענישן. כ׳פיל ווי אַ שטילעט שניידט מיך איין אונטערן אָרעם, בויערט אין מיין לייב און דראַפּעט ווי מיט אַ טעמפּן שפּיץ אין מיין לעבעדיקן פליש.

דאַכט זיך, אַט־אַט און איך ווער אין גאַנצן דורכגעלעכערט. אַ מורא־דיקער ווילדער ווייטיק נעמט מיך אַדורך. כ׳ציטער אין גאַנצן. די ציי־נער קלאַפּן — כ׳קען נישט אַרויסברענגען קיין מענטשלעכן קלאַנג. כ׳סקאָמליע ווי אַ צעוויי־טיקטער הונט. אַ ווייטיק וואָס צענעמט, הייבט דעם מוח, צעטרייסלט אים ביז משוגעת. כ׳שפּיר ווי מ׳וואָלט עפּעס געוויקלט און געוויקלט און איך הער אַ שאָרך און ווידער שניידט זיך אַריין אין מיר דער אינסטרומענט און ער שטעלט זיך אָפּ, ווי ער וואָלט אָנגע־טראָפן אויף אַ האַרטע שטערונג. אפשר אַ ביין? דאָס דריקן אויף אים, דאָס רייבן און צופּן רופן אַרויס שווידערלעכע יסורים, באַגלייט דורך אַ צאַפּלען פון גאַנצן גוף.

אין דעם מאָמענט דאַכט זיך מיר, ווי מ׳שטופּט אַריין אַ סאָנדע. איך הער גלייכצייטיק, ווי עס באַוועגט זיך אין די הענט פונעם אַפּעראַ־טאָר אַ לאַנגע זאַך, ווי אַ רערל, און ווידער אַ וויקלעניש און אַ דרייעניש.

עס פאַרקלעמט מיך ביים האַרץ און איך פאַל אין אַ האַלב־חלשות. אַ ווייטיקלעכע שוואַכקייט נעמט אַרום אַלע מיינע אברים. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳פאַל אַריין אין עפּעס אַ טיפן תהום. כ׳האָב שוין אַפילו נישט קיין כוח צו וואָיען, אָבער מיין באַוווסטזיין הערט נישט אויף צו אַרבעטן. איך הער אַלץ און פיל דאָס שמערצלעכע גראַבלען אונטער מיין אָרעם.

— מיר ענדיקן שוין באַלד — דערגייט צו מיר ווי פון אַ ווייטן חלל דאָס קול פון פּראָפ׳ ר., וואָס זאָגט נאָך עפּעס שטיל צום ד״ר ל.

איך וויל זיך אָנרופן, אַז כ׳בין פאַרחלשט פונעם ווילדן ווייטיק. אַ טיפע אָנמאַכט האָט מיר אָבער אַוועקגענומען דאָס לשון.

איין אויגנבליק שטילן זיך די יסורים. און באַלד ווער איך ווידער אויפגעציטערט פון אַ נייעם, נאָך שטאַרקערן שמערץ — אַ שאַרפע נאָדל שפּיזט מיר אַדורך דאָס לייב. אַזוי חזרט זיך דער שווידער איבער איי־ניקע מאָל. כ׳מיין, אויב עס וועט נאָך לענגער דויערן, וועט עס מיך צעזעצן. כ׳הייב אָן צו וואָיען מיט אַ פאַרדעמפּטער שטים.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער פּראָפעסאָר דעם כירורג.

— אַ בלוט־געפעסל — ענטפערט דער לעצטער.

כ׳פאַרשטיי, אַז עס האָט זיך געעפנט אַ שטאַרקערער בלוט־אויסגוס און וווּנדער זיך, וואָס איך פיל נישט קיין וואַרעמקייט פון רינענדיקן בלוט.

איך זינק ווידער אין חלשות.

נאָר די טרייסט־ווערטער פונעם אָפּעראַטאָר: „איך ענדיק שוין" זענען פאַר מיר אַ צייכן, אַז צו מיין טיפער פּיין וועט באַלד קומען אַ סוף. און דער סוף איז געקומען.

— אַלץ פאַרענדיקט — זאָגט דער דאָקטאָר — איר דאַרפט קומען אין דריי טעג אַרום.

איך ליג ווי פאַרשטיינערט.

די קראַנקן־שוועסטער וואַשט אַרום די וווּנד און באַנדאַזשירט זי. זי דעקט מיר אויף דאָס פּנים און בינדט מיר אויף די האַנט.

מ׳הייסט מיך זיך אויפזעצן, אָבער איך קען נישט. אַלץ וואַרפט זיך אין מיר. מ׳העלפט מיר זיך אויפשטעלן, אָבער איך קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס. אַלץ דרייט זיך אַרום מיר. כ׳קען נישט איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

מ׳טראָגט מיך אַראָפּ אויף אַ בעטל און מ׳לייגט מיך אַוועק אין אַ צימער זיך אָפּרוען.

דער טעמפּער ווייטיק טרעט נישט אָפּ. יעדע אָנשטרענגונג צו באַוועגן דעם קראַנקן אָרעם פאַרשאַפט מיר שרעקלעכע יסורים.

איך פּרוּוו מיך אויפזעצן אויפן בעטל און פאַל צוריק. דער קאָפּ הענגט אַראָפּ אָנמעכטיק. איך וויל בעטן אַרויסרופן עמעצן פון מיין משפחה, אָבער כ׳וואַרף באַלד אָפּ דעם געדאַנק. זיי וועלן זיך שטאַרק דערשרעקן, און מיר וועלן זיי במילא נישט קענען העלפן. כ׳וויל בעסער ליגן נאָך אַביסל, ביז כ׳וועל קומען צו זיך און זיך קענען אַליין שטעלן אויף די פיס.

נאָך אַ שעה אָפּרו האָב איך זיך קוים אויפגעשטעלט אויף די וואַקלדיקע פיס. ווי אַ שכור בין איך אַרויס אויפן גאַס. די לופט האָט מיך

אַביסל אויפגעפרישט, אָבער דער גאַנצער אָרעם ווייטיקט ווי אַן אָפּענע ווונד. קוים מיטן לעבן האָב איך זיך דערשלעפּט אַהיים.

אַן עסן און אָן טרינקען האָב איך זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין בעט און אין דעם שלאָף האָב איך ערשט געפונען אַ באַרויִקונג.

די ווייטיקן אונטערן אָרעם האָבן אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. צוויי טעג בין איך געלעגן אין בעט, ערשט אויפן דריטן טאָג האָב איך זיך ביסלעכווייז אויפגעהויבן. אַ לענגערע צייט נאָך בין איך אַרומגעגאַנגען אַן איינגעבראָכענע פון דעם ביאָפּסיע־קאָשמאַר און זיך נישט געקענט פון אים אָפּטרייסלען.

דעם אויסערגעוויינלעכן ווייטיק וועל איך מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן און וועל נישט אויפהערן שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס האָט מען מיר נישט פאַרטויבט די יסורים? פאַרוואָס האָט מען מיר איינגע־שפּריצט אַזאַ שוואַך־ווירקנדיקע אַנאַסטעזיע? אָדער אפשר האָט זי פאַר־פעלט איר ווירקונג גראָד אין דעם פאַל? פאַרוואָס פאַראַ זינד האָט מען אויף מיר אויסגעפירט אַזעלכע גיהינומדיקע טאָרטורן?

אַ צייט שפּעטער האָב איך נאָכגעפאָרשט ביי אַנדערע פרויען, וועל־כע האָבן אויך געהאַט דורכגעמאַכט ביאָפּסיע־אָפּעראַציעס, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין איינע האָט נישט געפילט קיין איבעריקס שטאַרקע ווייטיקן.

האָט מען זיי געגעבן בעסערע און ווירקזאַמערע אַנאַסטעזיע־מיטלען? ביז היינט איז עס פאַר מיר געבליבן אַ סוד, פאַר וואָס גראָד מיר האָט די ביאָפּסיע פאַרשאַפן אַזעלכע אומבאַשרייבלעכע ווייטיקן.

ס׳זענען אַריבער היפּשע עטלעכע טעג ביז די ווונד האָט זיך פאַר־וואַקסן. זי איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק נישט קיין גרויסע, בסך־הכל אַ פיר צענטימעטער. און איך האָב זיך טאַקע געוווּנדערט, ווי אַזוי האָט אַזאַ קליינער שניט געקענט גורם זיין אַזעלכע טיפע שמערצן. שטאַרק ווײ־טיקלעך איז אויך געווען דער מאָמענט, ווען מ׳האָט מיר אַראָפּגענומען די „פּונקטן" (די פעדים). צום גליק האָט עס נאָר געדויערט אַ קורצע רגע.

VII

די פײנלעכע דערוואַרטונג

די טעג פון וואַרטן אויפן רעזולטאַט פון דער ביאָפּסיע האָבן זיך געצויגן לאַנג און שווער. עס איז געווען די פּײן פון אומזיכערקייט און אומקלאָרקייט.

ווען כ׳האָב געזען, ווי אויסטערליש לאַנג עס דויערט דאָס דורכפירן דעם אַנאַליז, האָב איך אָנגעהויבן פאָדערן, מ׳זאָל מיר אַרויסגעבן די מאַ־טעריע (דאָס פלייש פון מײַן לײַב!), כּדי זי צו לאָזן אונטערזוכן אין אַ פּריוואַטער לאַבאָראַטאָריע. אָבער אומזיסט — אפילו דאָס האָב איך נישט געקענט פּועלן.

מײַנע נערוון ווערן געריסן פון אומרו. עס האַלט אין איין האַמערן מײַן מוח: לעבן אָדער טויט?

אין מײַן קרענקלעכער סופּערסענסיביליטעט בײַטן זיך אָפּט די שטי־מונגען. איך ווער געוואָרפן פון איין עקסטרעם צום צווייטן. אין דער טיפסטער פאַרצווייפלונג שײַנט פּלוצים אויף אַ שטראַל פון האָפענונג, אָבער ער ברענט זיך באַלד איבער ווי אַ שטרויעלע. איך פאַל ווידער אַרײַן אין אַ דערדריקנדיקער דעפּרעסיע.

די נעכט ציִען זיך אָן אייביקייט. פון די בייזע חלומות וועק איך זיך איבער אַ דערשראָקענע, אַ באַגאָסענע מיט שווייס.

כ׳ווייס שוין נישט וואָס איז ערגער: די נאַכט, צי דער טאָג. פאַר מיר ציט זיך אַ דורכווייסיקער גיהנום.

***

זונטיק זענען געקומען פריינד אונז באַזוכן. איך האָב אָנגעזאָגט מיין מאַן: קיין פּיפּס נישט טון וועגן מיין קרענק. איך וויל נישט זיין די טעמע פונעם געשפּרעך, נישט אויסהערן קיין מיינונגען.

איך קריך ממש פון דער הויט צו ווייזן זיך פריינדלעך און גע־זעלשאַפטלעך. מיט געצוווּנגענע שמייכלען וויל איך פאַרמאַסקירן דעם יאָמער, וואָס נעסטיקט אין מיר. ווייזט אויס, אַז נישט תמיד געלינגט עס מיר. אונדזער פריינד פרעגט מיך מיט פאַרדאַכט, ווי איך פיל זיך. עפּעס געפעלט אים נישט מיין אויסזען. ער לייגט פאַר אויסצונוצן דעם שיינעם אָוונט אויף אַ שפּאַציר אין צענטער־שטאָט. און אָט זענען מיר שוין צווישן דעם געווירבל פון מענטשן, וואָס טראָגט זיך אין אַ געדיכטן שטראָם אַהין און צוריק.

די רייכקייט פון די אויסשטעל־פענצטער, דער שיין פון די קאָליר־פולע נעאָן־ליכט פאַרבלענדן ממש די אויגן. יעדעס מאָל באַצויבערט אונדז אַן אַנדערע פּראַכט. אונדזערע פריינד האָבן שוין צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון זאַכן, וואָס זיי דאַרפן זיך איינשאַפן צום פרילינג־סעזאָן.

איין מאָמענט האָט זיך אויך אין מיר אָנגעצונדן מיין אַלטע ליידנ־שאַפט פאַר שיינע זאַכן. איך בין צוגעשמידט געוואָרן צו אַ שויפענצטער מיט אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן. אָבער באַלד האָט מיר ווי אַ שלאַנג אַ ביס געגעבן אין האַרץ: דאַרף איך עס דען? וועל איך עס דערלעבן צו טראָגן?

מיט ווייטיק רייס איך אָפּ מיינע אויגן פון די לאָקנדיקע שיינקייטן.

***

אויסגעלאָשן אַלע טרוימען. איך דאַרף שוין גאָרנישט. קיין ציל באַ־לייכט מיין וועג. כ׳גיי אַרום ווי אַן אויטאָמאַט, מעכאַניש און אינדיפע־רענט. בלויז איין אינטערעס איז מיר נאָך געבליבן: דאָס אויסקוקן אויפן רעזולטאַט פון דער ביאָפּסיע. אָבער אויך דאָס איז נישט מער ווי אַ פּאַסיווער צושטאַנד, אַליין אַ שטיק טויט לעבן, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדרוקן. ווייל וואָס פאַראַ ווערט קען שוין האָבן אַזאַ לעבן, ווען דו ביסט געצוווּנגען צו זיין אַ פּאַסיווער צושויער פון דיין גיכן פאַרגיין?

מיר דאַכט, ווי איך וואָלט שוין געשטאַנען אויסער דעם קרייז פון לעבן, און „מיט אַ געניט אויג" געקוקט אויף דעם פון אַ זייט. איך שאַץ איבער אַלע ווערטן. ווי נישטיק און קליינלעך זעט מיר אויס צו זיין דעם מענטשנס איינרייסן נאָך מאַטעריעלע גיטער, ווי נאַריש און פוסט — די פּערזענלעכע אַמביציעס. ווי דער זאַטער מיט יאָרן און לעבנס־דערפאַרונגען קהלת, בין איך אויך גרייט צו זאָגן: „הבל הבלים"... נאָר איין זאַך קען געבן אינהאַלט און באַשיינען דאָס לעבן און אַפילו דעם טויט — אַן אידעאַל פון פרייהייט און גערעכטיקייט. רק פאַר דעם לוינט זיך צו לעבן, און אויב נייטיק — אויך צו שטאַרבן.

אָבער שטאַרבן יונגערהייט ווי אַן אָנמעכטיקער קרבן פון אַ ראַק?
— דאָס איז דער פּיינלעכסטער אומזין פונעם טייוול אַליין!

**
*

איך כאַפּ זיך, אַז איך גיי אָפּט אַרום מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. כ׳קען נישט פאַרטראָגן דאָס ליכט.

מיין טראָט איז געוואָרן לייכטער, אומזיכערער, גלייך דער באָדן אונטער מיינע פיס וואָלט נישט געווען גענוג פעסט... מיט שטוינונג באַמערק איך, אַז איך גיי נישט ווי פאַר דער קרענק אינדערמיט טראָטואַר, נאָר אינסטינקטיוו שאַר איך זיך אונטער די ווענט.

דעם קאָפּ האַלט איך אַראָפּגעלאָזט — כ׳וויל פאַרנעמען וואָס ווייניקער פּלאַץ און בלייבן אומבאַמערקט.

איך מייד אויס מענטשן. מאָמענטנווייז פיל איך זיך ווי אַ קרעציקע.

וואָס פאַראַ פּאַנישע שרעק וואָלט באַהערשט די מענטשן, וואָס שמייכלען אַזוי ליבלעך צו מיר, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז איך טראָג אַ קרעפּס אונטער מיין אָרעם!

אין מיין צעצווייפלונג באַנעם איך פּלוצלינג, אַז מיך באַהערשט אַ נעוראָז, אַז מיינע רעאַקציעס גייען אַרויס אויסער די נאָרמאַלע ראַמען. און דערגייט דאָס צו מיין באַוווּסטזיין, נעם איך יאָגן פון זיך די בייזע געשפּענסטער. איך גלייך זיך אויס, פריש זיך אויף מיט אַביסל פּערפום, וואָס כ׳טראָג לעצטנס כסדר מיט מיר, הייב אויף דעם קאָפּ און שפּאַן

מיט אַ פּעסטערן טראָט אַזוי לאַנג ביז... ביז איך ווער ווידער נישט פאַר־פלייצט דורך אַ כוואַליע פון מרה־שחורה.

***

איך פּרוּוו לייענען, אָבער כ׳קען נישט קאָנצענטרירן די געדאַנקען. די געלייענטע שורות דערגייען צו מיר ווי פּוסטע קלאַנגען. זייער זין ווערט פאַרטויבט דורך די באַומרויִקנדיקע אויסדרוקן פון מיינע דאָק־טוירים. די דאָזיקע ווערטער שוועבן איבער מיר ווי שוואַרצע קראָען, וואָס זאָגן אָן בייזע נביאות.

איין מאַטעריע דערוועקט יאָ מיין אינטערעס, דאָס איז די ליטעראַטור און פילאָסאָפיע פון טויט. אַ שאָד, וואָס כ׳האָב פון דעם מין ווייניק מאַטע־ריאַל אין מיין ביבליאָטעק. כ׳דערמאָן זיך, אַז דער פּחד פאַרן טויט האָט אַרומגעכאַפּט די גרעסטע מייסטער פון דער ליטעראַטור: געטהע, בייראָן, טאָלסטאָי און זיי דערפירט צו אַ גרויסן קריזיס.

אָבער די שרעק פאַרן טויט איז אויך געווען אַ מעכטיקער אימפּולס אין זייער שאַפן.

איך באַדויער באַזונדערס, וואָס כ׳האָב נישט אונטער דער האַנט די ווערק פון טאָלסטאָי, וועלכער האָט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער מענטשלעכער נשמה, נישט נאָר אין דער פּראָבלעמאַטיק פון איר לעבן, נאָר אויך פון טויט.

וואָלט איך ביי אים געפונען אַ טרייסט?

ווערדליק דער טעאָריע פון דעם גאון פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז דער טויט נישט שרעקלעך פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט „נאַטירלעך״ און „גוט״ לויט דעם פּרינציפּ פון ליבע, ווי דעם אמתן קוואַל פון מענטש־לעכן גליק, מחמת זיי שטאַרבן נישט אָפּ אין גאַנצן, נאָר בלייבן לעבן אין דער אייביקייט ווי אַ טייל פון כלל. אָבער פאַר די, וואָס האָבן געלעבט קעגן די געזעצן פון דער נאַטור — אין שקר און פאַלשקייט — איז דער טויט אַ שוידערלעכע טראַגעדיע, פאַרבונדן מיט אויסטערלישע, גייס־טיקע יסורים.

צו וועלכער קאַטעגאָריע געהער איך?

איך האָב געהאַט אַ קאַנסער

צו דער ערשטער קען איך נישט געהערן, וואָרעם מיינע לעבנס־באַדינגונגען אין צייט פון עקאָנאָמישע קריזיסן, ראַסן־רדיפות, עקסטערמינאַציע און גענאָסיד, זענען דאָך געווען קעגן יעדן נאַטירלעכן און מענטשלעכן געזעץ.

איך געהער אויך נישט צו דער צווייטער גרופּע, ווייל נישט געקוקט אויף די אומגינסטיקע אומשטענדן, האָב איך זיך געראַנגלט פאַר אַ ווירדיק לעבן, פאַר געבן אים אַ געזעלשאַפטלעכן זין.

און דאָך... דאָך לייד איך פּסיכיש אויסערגעוויינלעך צוליב מיין נאָענטן סוף.

אין איין פּרט מוז איך מיט באַוווּנדערונג באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דער טעזע פון דעם גרויסן פּסיכאָלאָג וועגן די ליידן פאַרן טויט. טאַקע אין אָנבליק פונעם טויט זענען מיינע גייסטיקע יסורים גרעסער, ווייל כ׳האָב נישט, טראָץ אַלעם, געלעבט אַזוי „גוט״, ווי כ׳האָב עס געוואָלט, און נישט פאַרווירקלעכט אַלע מיינע צילן.

די דאָזיקע פעסטשטעלונג האָט נאָך מער פאַרגרעסערט מיין פּיעטעט פאַר דעם גרויסן מייסטער, אָבער קיין זעלישע באַרויִקונג ברענגט זי מיר נישט.

און אוודאי קען איך נישט געפינען קיין טרייסט אין דער שפּעטערדיקער טעאָריע פון טאָלסטאָי, לויט וועלכער די שרעק פאַרן טויט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פייערלעכער דערוואַרטונג פון דעם גרויסן, געטלעכן אַקט.

ביי מיר איז דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער. איך קען בשום אופן נישט פאַרמינערן אין מיר דעם פּחד פאַרן טויט. אדרבא, מיט יעדן שריט נעענטער צו אים שטייגט דער שוידער אין מיר.

אויך ביי אַנדערע פילאָסאָפן געפין איך נישט די געגאַרטע טרייסט און באַרויִקונג.

מיין רעיון פאַרהאַלט זיך לענגער אויף דער שיטה פון דעם סקעפּטיקער שאָפּענהויער.

כ׳לייען מיט איין אָטעם. דער תמצית פון זיין לערע: דער פּערפּענדיקל פון לעבן וויגט זיך צווישן זיינע צוויי ענד־צילן: יסורים פון איין זייט, אומעטיקייט און לאַנגווייליקייט פון דער אַנדערער. אין דער מיט —

אַ קליינע, פֿאַרשווונדערע רגע פֿון הנאה. די פֿאַרשטעלונג פֿון גליק איז אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע. די מאָטיוון פֿון פֿרייד זענען גאָר ווייניק לגבי די מאָמענטן פֿון פּיין. די צייטווייליקע הנאה פֿון איינעם איז פֿאַרבונדן מיט ליידן פֿון אַ צווייטן (צ״ב אַ וואָלף פֿאַרציקט אַ שעפּעלע). אייך טרייסט צו די ליידן איז דאָס, וואָס ס'וועט ווען־עס־איז זיין אַ סוף — דער טויט. ס'לוינט זיך נישט צו לעבן. די וועלט איז נישט מער, ווי אַ בלינדער אומזין — פּירט אויס דער מאָדערנער קהלת.

ניין, טראַגישער פֿילאָסאָף! נישט אמת, אַז דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט בלויז פֿון ליידן, און אַז די „קליינע הנאה" מוז זיין אויפֿן חשבון פֿון איי־גענע אָדער פֿרעמדע צרות. איז דאָך פֿאַראַן אַ גרויסע סקאַלע פֿון פֿאַרגע־ניגנס, וואָס זענען נישט פֿאַרבונדן מיט קיינעמס יסורים. ווען איך הער אַ שיינעם קאָנצערט, פֿאַרשאַפֿט עס מיר אַ גייסטיקן תענוג און דער אויס־פֿירערליידט לחלוטין נישט. אָדער למשל די ווונדערלעכע פֿרייד פֿון שאַפֿן ווערטן לטובת דיינע נאָענטע, דיין פֿאָלק אא״וו. אמת, מ'זייט טאַקע אַמאָל מיט טרערן, אָבער מ'שניידט אויך מיט געזאַנג. און דאָס איז דאָך דער צוועק פֿון אונדזער לעבן. אויב דער מענטשלעכער קיום איז אַ ים פֿון ליידן, איז דאָך דער גאַנצער קאַמף פֿון מענטשלעכן מין פֿאַר פּראָגרעס געצילט אויסצוברייטערן די קליינע אינדזלען פֿון הנאה, דעראָבערן וואָס מער „טעריטאָריע" פֿון פֿרייד.

דאָס לעבן איז אַ שווערער געראַנגל נאָך דעמאָלט, ווען עס לויכט נישט צו קיין שום ציל.

דער פֿאַקט אַליין, וואָס דער מענטש קלאַמערט זיך אינסטינקטיוו מיט אַלע כוחות אין דעם לעבן, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די „קליינע הנאה" איז קוואַליטאַטיוו אַ סך גרעסער ווי די גרויסע יסורים, אַז דאָס לעבן, ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, איז נאָך אַלץ בעסער ווי דאָס נישט־זיין, דער טויט.

אויב איך בין קיינמאָל נישט מסכים געווען מיט אַזעלכע דעסטרוק־טיווע אָנשויונגען פֿון אַ שאָפּענהויער אָדער אַ ווייניגער, זע איך איצט אויפֿן שייד־וועג פֿון לעבן און טויט נאָך בולטער זייער גרונטלאָזיקייט, און — דאקעגן — דעם גרויסן באַטייט פֿון דעם קאָנסטרוקטיוון וועלט־באַנעם.

***

איך האָב געזוכט ביי די פילאָסאָפן דערמוטיקונג און נישט געפונען.

צו פילאָסאָפיע טרייבט מיך דער אומרו, אָבער דער קאַנסער אַלאַר־מירט.

פון מאָמענט, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגערוקט דער פאַרדאַכט וועגן דער פאַטאַלער קרענק, באַגער איך זיך צו באַקענען מיט אַ וויסנשאַפטלעכער אויפקלערונג וועגן דעם קאַנסער.

איך נוץ אויס אַ פרייען נאָכמיטיק און גיי אין אַ ביבליאָטעק.

מיט ציטערדיקע הענט בלעטער איך די פּאָליעס פון מעדיצינישע ביכער. איך פּלאָנטער זיך אין לאַבירינט פון שווערע, ספּעציפישע טער־מינען. פון דעם אַלעם שאַף איך זיך אַזאַ באַגריף וועגן דער קרענק:

מחמת נאָך אומבאַקאַנטע סיבות הערן אויף אייניקע צעלן נאָרמאַל צו פונקציאָנירן און פאַרוואַנדלען זיך אין טומאָר־צעלן מיט אַ נייגונג צו אומאויפהערלעכע עקספּאַנסיע אויפן חשבון פון די שכנותדיקע, געזונטע געוועבן. דער איינציקער וועג צו שטערן די שנעלע אינוואַזיע, וואָס דראָעט אָפט מיט גרויסע שמערצן און לסוף מיט טויט, איז כירורגיש זיי צו באַזייטיקן.

כ׳וואָלט וועלן נאָכזוכן מער דאַטעס, נאָר כ׳באַוויז נישט. מ׳פאַר־מאַכט די ביבליאָטעק.

אויפן וועג און אין דער היים קען איך נישט אויפהערן טראַכטן וועגן דעם איבערגעלייענטן. — וועלן זיך אפשר ביי מיר אין די נאָענטסטע טעג אָנהייבן די יסורים? וועט דער קרעפּס גיך זיך צעוואַקסן?

איך לייג אַרונטער מיין האַנט אונטערן קראַנקן אָרעם: ווי האַלט עס מיט מיינע פאַרהאַרטונגען? איך ציטער אויף אין גאַנצן. די גולקעס זענען אין דער צייט היפּשלעך אויסגעוואַקסן, ציִען זיך לענג־אויס שוין אויפן אָרעם אַרויף.

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע עקספּאַנסיע! — ווער איך אויפגעשווידערט. אָט־אָט וועט דער ראַק מיט זיינע מאַצקעס מיך דערשטיקן.

ס׳ווערט מיר דושנע. עס פאַרפעלט מיר לופט צו אָטעמען. דאָס פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. די קני ברעכן זיך איין. מיט די לעצטע כוחות זעץ איך זיך אַוועק אויף דער נאָענטסטער שטול.

בת־חיים

דאָס פון שרעק פאַרענדערטע, עפּעס ווי אויסגעקרימטע פּרצוף, וואָס איך דערזע אין שפּיגל, רופט אַרויס א ווידערווילן צו זיך אַליין.

— מענטש! ברעך זיך נישט איין פאַר דער צייט!

נעם דיך אין די הענט אַריין! קעמף פארן לעבן! נאָך איז נישט אַלץ פאַרלוירן! — הער איך אַן אינערלעכע שטים אין מיר.

„דער איינציקער וועג צו שטערן די שנעלע אינוואַזיע... איז כירורגיש זיי צו באַזייטיקן" — דערמאָנט מיך דאָס זעלבע קול.

— זיי שטאַרק, פאַרליר נישט דעם מוט! — ווערט אַלע מאָל דרייס־טער מיין אָפּטימיסטישער איך.

איך פריש זיך אויף, אין אָוונט גיי איך אין טעאַטער. איך באַשליס יעדן אָוונט ערגעץ אַנדערש צו פאַרברענגען.

VIII

אין דער לאַבאָראַטאָריע

כ׳גיי נאָכאמאָל אין דער לאַבאָראַטאָריע. דער אַנאַליז איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. עס איז שוין מער ווי אַ וואָך צייט. איך מאַך דאָרט אַ סקאַנדאַל.

— ווי קען מען אַזאַ דרינגענדיקן ענין, וואָס יעדער טאָג קען דעצידירן וועגן לעבן, אַזוי פאַרנאַכלעסיקן? כ׳גיס אויס מיין ביטער געמיט אויף זייערע קעפּ. כ׳פאָדער קאַטעגאָריש מיר אַרויסצוגעבן דעם אויסשניט פון מיין גולקע. איך וועל אים אַוועקגעבן אַנדערש־וווּ צו אַנאַליזירן. כ׳וויל בשום אופן נישט אָפּטרעטן.

מיין ענערגישע האַלטונג ווירקט. אין מיין קעגנוואַרט טרעט מען צו צו דער אַרבעט. איך בעט די לאַבאָריסטין, זי זאָל מיר דערלויבן בייצוזיין. קענטיק, כ׳האָב אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק. אפשר דער ציטער פון מיין שטים, די שרעק אין מיינע אויגן האָבן אַרויסגערופן איר רחמנות. זי הייסט מיר קומען אין אַ 10—15 מינוט אַרום, נאָכן אַוועקגיין פונעם שעף.

און אָט זיץ איך שוין אין לאַבאָראַטאָריע־צימער. דער טיש און די פּאָליצעס זענען פול מיט פאַרשידענע אינסטרומענטן, פלעשלעך און סלאָיקעס מיט כעמישע שטאָפּן, גלעזערנע רערלעך מיט בלוט, מיט שפּייעכץ און אַנדערע.

די לאַבאָריסטין ברענגט צו דעם אויסשניט פון מיין פלייש. די אויגן קריכן מיר ממש אַרויס פון קאָפּ.

איך קוק זיך איין ביז ווייטיק אין אַ לענגלעך, גלייך אויסגעפּאָרעמט

שטיקל וואַקס, אין וועלכן ס׳איז אַריינגעזעצט אַ שטיקל פלייש־געוועב. דאָס לעצטע איז ווי צונויפגעוואָקסן מיט זיין וואַקסענער ראַם.

די לאַבאָריסטין נעצט איין די אויבערפלאַך מיט פאַרשידענע כעמישע שטאָפן און מיט אַ ספּעציעלער מאַשינקע שניידט זי אָפּ עטלעכע דורכזיכטיקע פּלאַסטערלעך אַ סך דינערע ווי אַ האָר. איינציקע רייסן זיך אַפילו איבער צוליב דער אויסערגעוויינלעכער דינקייט. די פּלאַסטערלעך לייגט זי אַריין אין אַ דורכזיכטיקער פליסיקייט, ווו ס׳שווימען שוין פון פריער אַרום עטלעכע אַזעלכע אויסשניטלעך.

— וואָס איז דאָס? — פרעג איך מיט פאַרוווּנדערונג.

— כ׳מאַך גלייכצייטיק נאָך איינעם אַ דרינגענדיקן אַנאַליז — ענטפערט די לאַבאָריסטין.

איך דערשרעק זיך. כ׳האָב מורא, אפשר וועלן זיי זיך אויסמישן, עס וועט געשען אַ טעות.

איך דריק אויס פאַר דער לאַבאָריסטין מיין מורא.

זי באַרויקט מיך. די פאָרמען פון דיביידע אויסשניטן זענען פאַרשידנאַרטיקע, זאָגט זי. זי האָט אַ לאַנגיעריקע פּראַקטיק אויף דעם געביט. אין איין צייט קען זי מאַכן עטלעכע אַנאַליזן און נישט באַגיין קיין שום פעלער.

מיך טיאָכקעט דאָך עפּעס ביים האַרצן. אפשר קען זי טאַקע אין איילעניש עפּעס פאַרטווישן? — אין מיין אַנאַליז וועלן אַריינגיין פרעמדע עלעמענטן און פאַרקערט. און אַז מיין אַנאַליז וועט יאָ אָדער נישט אַרויסווייזן אַ קאַנסער, קען מען דאָס אָננעמען פאַר פולשטענדיק ריכטיק?

מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט פאַרש איך נאָך די באַוועגונגען פון אירע הענט, צי טראָגט זי איבער אויף „מיין״ גלעזעלע די פּלאַסטערלעך פון דעם שטיקל וואַקס, וואָס איז באַצייכנט מיט מיין נאָמען.

טיילמאָל אַנטשטייט ביי מיר אַ צווייפל וועגן דער ריכטיקער צוגעהעריקייט פון די פּלאַסטערלעך. אָבער ס׳וואָלט געווען צו חוצפּהדיק פון מיין זייט, איר צו שטערן אין דער אַרבעט. און איך דערדריק אין מיר די ספקות־געפילן.

מיר פאַרפירן אַ געשפּרעך.

די באַקטעריאָלאָגין, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט א זייער סימ־פאַטיש געזיכט, דערציילט וועגן זיך. זי אַרבעט שוין 15 יאָר און האָט דערגרייכט פערפעקטקייט אין איר פּראָפעסיע.

זי פרעגט מיך אויס מיט אינטערעס וועגן מיין עבר, די איבערלעבע־נישן בשעת דער מלחמה, וועגן לעבן אין אייראָפּע בכלל. זי ווייזט אַרויס אַ גענוגנדיקע אָריענטאַציע אין די געשעענישן פון די לעצטע יאָרן, פאַרדאַמט שארף דעם היטלעריזם. זי פרעגט מיך אויך אויס וועגן די סימפּטאָמען פון מיין קרענק. ס'איז די ערשטע פּערזאָן, מיט וועלכער איך טייל זיך אויפריכטיק מיט מיינע פיינלעכע געדאנקען, מיט מיין פחד פאַרן קאַנסער.

מיט אַ חנעוודיקן, נאַטירלעכן, אָדער גוט אָנגעשטעלטן שמייכל, באַמערקט זי:

— נישט אַזוי זעט אויס אַ קאַנסער־קראַנקע. זי וויל מיך באַרויקן. ס'לאַכן צו מיר אירע מילדע, ברוינע אויגן און דאָס שיין אויסגעשניטענע מויל מיט די שניי־ווייסע ציין.

עס קומען מיר אין זכרון די ענלעכע טרייסט־ווערטער פון די קראַנ־קן־שוועסטער אין פּאַוויליאָן.

אירע רייד ווירקן. עס צעברענט זיך אַ פייערל פון האָפענונג אין מיין נשמה.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אַנאַליז, בעט איך די פרוי מיר צו זאָגן דעם רעזולטאַט. איר דערפאַרונג דערלויבט איר מסתמא צו באַשטימען דעם כאַראַקטער פונעם אַנאַליזירטן אויסשניט.

זי פאַרזיכערט מיך אָבער, אַז צו איר געהערט נאָר די טעכנישע אַרבעט און דעם דיאַגנאָז שטעלט פעסט דער שעף־דאָקטאָר אַליין.

שפּעטער גיט זי מיר איבער וועגן אייניקע פאַלן פון טומאָרן, ווו ס'איז נייטיק געווען דורכצופירן באַלדיקע אָפּעראַציעס. די דאָזיקע זענען געלונגען און די פּאַציענטן פילן זיך גוט ביז אויפן היינטיקן טאָג.

די דערציילונג רופט אין מיר אַרויס דעם חשד, אַז זי אָריענטירט זיך יאָ אין דעם אַנאַליטישן מאַטעריאַל, נאָר וויל מיר נישט אַנטפּלעקן דעם אמת. דאַקעגן גרייט זי מיך צו צו דער טרויעריקער בשורה.

„מיין" גלעזעלע מיט די דינינקע פלאַסטערלעך איז שוין געהעריק אויסגעפולט. ס׳איז געבליבן דורכצופירן דעם לעצטן פּראָצעס: רויטלעך זיי צו באַפּאַרבן און לאָזן עס אין אַזאַ צושטאַנד אַ געוויסע צייט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ בייזער טומאָר באַקומט אַ פיל שטאַרקערע קאָלאָראַציע, און אַז אונטער דעם מיקראָסקאָפּ שיידן זיך אויס זיינע קעמערלעך ווי פאַרגרעסערטע, דעפאָרמירטע און צערו־דערטע אין פאַרגלייך מיט נאָרמאַלע.

אַזוי ווי ס׳דערנענטערט זיך שוין 12 אַזייגער און דער שעף איז נאָך אַלץ נישט געקומען, זענען שוין נישטאָ קיין אויסזיכטן, איך זאָל נאָך היינט באַקומען דעם רעזולטאַט פון אַנאַליז.

איך באַדאַנק די פריינדלעכע באַקטעריאָלאָגין און טראָג ווידער אַוועק מיט זיך אַ שטורעם פון שלעכטע פאָרגעפילן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביז צומאָרגנס אין דער פרי ציט זיך די צייט ממש ווי אַן אייביקייט.

דער אומרו יאָגט מיך פון אָרט צו אָרט, פון איין אַרבעט צו אַ צווייטער. כ׳גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז ס׳איז זינלאָז, איך זאָל קאָנטינואירן מיין באַשעפטיקונג, אָבער איך האָב מורא צו בלייבן אַליין מיט דער טאָרטור אין מיין נשמה. איך וויל אַנטלויפן פון זיך אַליין און זוך פאַרגעסנקייט ביי דער אַרבעט.

אויך מוזיק און קינאָ זענען נישט בכוח מיך צו צעשטרייען. אַלע מיינע חושים זענען אָנגעשטרענגט אין איין ריכטונג — דער מאָרגנדיקער רעזולטאַט.

דער קאָפּ טוט וויי, ווי ער וואָלט געווען איינגעפּרעסט אין אייזערנע רייפן. אויך דאָס בעט ברענגט מיר נישט די דערוואַרטעטע מנוחה. איך דריי זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. ס׳איז מיר האַרט דאָס געלעגער. ס׳ברענט און שטערט דאָס קישן. כ׳קען קיין אויג נישט צומאַכן.

כ׳הער דעם מאָנאָטאָנעם גאַנג פון זייגער. די פאַרשמאַכטע אויגן שטעכן מיר פון אַריינקוקן אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש.

אין דער לאַנגער נאַכט דרינגט לסוף אַריין אַ שיין פונעם אָנקומענ־דיקן טאָג.

איך האָב געהאַט אַ קאַנסער

ס'איז היינט דאָנערשטיק, פונקט צוויי וואָכן זייט כ'האָט צום ערשטן מאָל באמערקט די פּאַטאַלע גולקעס.

נישט מער ווי 14 טעג — און דאכט זיך יאָרן גאנצע, אָנגעשוואָלענע מיט צרות און ליידן.

איך טו זיך אָן אין דער שטיל און שאַר זיך אַרויס פון שטוב, כדי נישט אויפצוועקן מיין מאַן.

כ'בין צופרידן, וואָס ער שלאָפט נאָך און זעט מיך נישט אין מיין דענערווירונג.

IX

אַ בייזער טומאָר!

איך קום אין דער לאַבאָראַטאָריע צו פרי. כ׳מוז וואַרטן אַ לענגערע צייט. ווען מ׳עפנט זי ענדלעך, פיל איך, ווי די פיס ברעכן זיך איין אונטער מיר.

נאָך נעכטן איז דער אַנאַליז אַוועקגעשיקט געוואָרן צום שעף, וועלכער האָט זי איבערגעגעבן צו מיין דאָקטאָר.

ווידער אַ לאַנג וואַרטן. דאָס שטרענגט אָן מיינע נערוון אַזש דער קאָפּ נעמט וויי טון.

ווען דער מעדיקער קומט לסוף אָן, לויף איך פשוט אַריין צו אים און פון מיין פאַרקוועטשטער קעל פּרעס איך קוים אַרויס די פראַגע:

— דאָקטאָר, וואָס פאַראַ רעזולטאַט?

ער וואַרפט אויף מיר אַ בליק פול מיטלייד...

אין דעם מאָמענט בין איך אים דאַנקבאַר פאַר זיין געפיל. ער זעט אין מיר נישט נאָר אַ מעדיציניש אָביעקט, נאָר אויך אַ לעבעדיקן מענטשן.

ער ענטפערט מיר נישט. ער מאַכט אַן אָנשטעל פון אַ שטאַרק באַשעפטיקטן. כ׳שטויס זיך אָן, אַז כ׳האָב אים אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער ווייסט נישט ווי אַזוי מיר איבערצוגעבן די שרעקלעכע בשורה.

מיין נערוועזע אָנשטרענגונג פּלאַצט. אַ פראָסט נעמט מיך אַדורך.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַ טרויעריקער שטים, רופט זיך ענלעך אָן דער דאָקטאָר:

— ליידער האָב איך פאַר אייך נישט קיין גוטע ידיעה. מ׳דאַרף ווי צום שנעלסטן אָפּערירן. אַ בייזער טומאָר!

— אַ סך דאַרף מען שניידן? — פרעג איך, ווי נישט מיט מיין קול.

דער מעדיקער מאַכט זיך נישט הערנדיק. כ׳זע, די פראַגע האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ נאָך גרעסערער קאָנסטערנאַציע.

אַנשטאָט צו ענטפערן, רופט ער מיך מיטצוגיין.

ער וועט קאָנסולטירן, זאָגט ער, מיט א פּראָפעסאָר, אַ גרויסן ספּע־ציאַליסט.

מיר קומען אַריין אין קאַבינעט פון אַן אַלטן, גרייז־גראָען דאָקטאָר. מיין פירער רופט אים אַוועק אין אַ זייט און רעדט מיט אים שטיל.

דער פּראָפעסאָר באַטראַכט די קריטישע זאָנע אונטער מיין אָרעם און זאָגט:

— אָפּערירן אַזוי שנעל ווי מעגלעך!

איך חזר איבער מיין פריערדיקע פראַגע.

דאָס מאָל פאַלט אַ שרעקלעכער ענטפער:

— וואַרשיינלעך...

אַ שווארצער, געדיכטער שאָטן איז פאַרביי מיינע אויגן. אַלץ אַרום דרייט זיך אין כאַאָס. עס טאמלען מיר די פיס. כ׳שפּאַר זיך אָן אין טיש נישט אומצופאַלן. דאָס דויערט נאָר איין אויגנבליק.

און אָט שטיי איך שוין ווידער מיטן פולן באַוווסטזיין אנטקעגן דעם דאָקטאָר. כ׳פיל ווי צוויי ריטשקעלעך טרערן פליסן מיר איבער די באַקן, אָבער כ׳קען זיי נישט איינהאלטן.

דער פּראָפעסאָר איז אַרויס. ד״ר ל. פּרוווט מיך באַרויִקן.

— ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, כ׳ווייס ווי פּיינלעך דאָס איז פאַר אייך, אָבער וואָס קען מען טון?

— דאָס איז דאָך אַן אויסטערלישע אָפּעראַציע — שטאַמל איך קוים אַרויס.

— ס׳איז אַ שווערע אָפּעראַציע — ענטפערט ער מיר און וויל נאָך עפּעס צוגעבן. אָבער אין דעם מאָמענט רופט מען אים אַרויס.

אויף גיך שרייבט ער מיר אָן אַ צעטל אויף צו מאַכן אַ ראדיאָגראפיע פון דעם ברוסטקאַסטן און אייניקע אַנאַליזן.

איבערגעבנדיק מיר די אָנווייזונגען, זאָגט ער, אַז תיכף נאָך דעם ווי אַלץ וועט זיין אַדורכגעפירט, וועט מען מאַכן די אָפּעראַציע.

מיין מוח קרייצט דורך אַ געדאַנק: כ׳וועל מיך נישט לאָזן אָפּערירן!

מיט בליי־שווערע פיס שלעפּ איך זיך צום אַרויסגאַנג.

מיטאַמאָל פאַלט מיר איין: כ׳וויל מיט מיינע אייגענע אויגן זען דעם רעזולטאַט פון מיין אַנאַליז.

כ׳ווייס נישט ווו דער דאָקטאָר איז אוועק.

אַ נייע קראַמפּט נעמט מיך יאָגן פון איין אַמבולאַטאָריע צו דער צווייטער.

— אָט אין דעם אָפּעראַציע־זאַל איז ער! — ווייזט מיר אָן אַ קראַנקן־שוועסטער. — וואַרט דאָ אויף אים! — גיט זי צו, אָנקוקנדיק מיך מיט פאַרדאַכט.

איך זעץ זיך אַוועק אין דער נאָענט. פון אָפּעראַציע־זאַל גייט אַרויס אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אַ ווייסער מאַסקע אויפן מויל. זי קומט באַלד צוריק מיט נאָך איינער, האַלטנדיק אין דער האַנט א כלי מיט בלוט.

— אַ שווערער פאַל — זאָגט די ערשטע צו דער צווייטער.

די ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן ווי אַן עכאָ פון אָקאָרשט געהערטן קלאַנג.

אוודאי, דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז מיין אָפּעראַציע איז אַ שווערע.

אויף וואָס אָפּערירט מען דעם דאָזיקן קראַנקן?

ביים זאַל שטייט אַ גרופּקעלע מענטשן, ווייזט אויס, קרובים און פריינט פון דעם אָפּערירטן. שרעק און דערוואַרטונג קוקן אַרויס פון זייערע פּנימער.

איך וואַג נישט קיינעם צו פרעגן.

פּלוצים פאַלט אַ שוואַרצער שאָטן אויף דער טיר. מיט אַ געמאָסטע־נעם, מאַיעסטעטישן טראָט שפּאַנט אַריין אין זאַל אַ גלח מיט אַ קליין, שוואַרץ געבעט־ביכעלע אין דער האַנט.

... „אַ שווערע אָפּעראַציע״...

ביי מיר וועט אויך דאָס זעלבע פּאַרקומען, נאָר אָן א גלח. ס׳שווינדלט מיר פאַר די אויגן. אין צווישן רייסט זיך אריין א ווייסע געשטאַלט. זי שניידט דורך די טונקלקייט.

מיין דאָקטאָר גייט אין דער ריכטונג צו מיר.

איך שטעל זיך האַסטיק אויף.

— הער דאָקטאָר, כ׳בעט אייך, גיט מיר מיין אַנאַליז.

— ניין, אייך נישט, נאָר אַ מעדיקער קען איך אים אַרויסגעבן. ער קען מיך אָנרופן טעלעפאָניש. דאָ האָט איר מיין נומער.

— גלייבט ער נאָך אַלץ, אַז איך גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג פון מיין מצב? — ווונדער איך זיך.

הלוואי וואָלט עס טאַקע אַזוי געווען! ליידער איז מיר קלאָר מיין שווערלעכע קרענק.

ווי לאַנג קען איך נאָך אַזוי לעבן?... הייסט דאָס אויך לעבן? זיין איבערגעגעבן די גרעסטע טאָרטורן און פּאַסיוו אַרויסקוקן און אפשר בעטן אויף זיך דעם טויט, ווי אַ דערלייזונג? ניין! שוין ליבער זיך לאָזן אָפּערירן און אַ סוף צו דעם אַלעם! עצהן דאָך אַלע דאָקטוירים צו מאַכן די אָפּעראַציע. הייסט דאָס, אַז דער עווענטועלער טויט איז בעסער פאַרן קראַנקן ווי דיליידן, וואָס ער האָט אויסצושטיין. און פון דער צווייטער זייט קען דאָך אַמאָל אויך זיין אַ שאַנס פון בלייבן לעבן...

***

איך גיי אַריין אין דער ראַדיאָגראַפישער אָפּטיילונג און בעט מיר צו מאַכן די רענטגען־אויפנאַמע.

דער אָנגעשטעלטער הייסט מיך קומען אין אַ וואָך אַרום.

— מיין פאַל איז זייער דרינגענדיק. יעדער טאָג קען דעצידירן.

— אַלע פאַלן זענען ביי אונדז דרינגענדיקע — ענטפערט ער קאַלטבלוטיק, נישט קוקנדיק אַפילו אין מיין זייט.

איך בעט אים צו פאַרשטענדיקן זיך מיט ד״ר ל.

— ס׳האָט נישט קיין באַדייטונג. פריִער איז אוממעגלעך. יעדער מוז וואַרטן זיין ריי.

וואָס פאַראַ פאַלשער ביוראָקראַטישער צוגאַנג — טראַכט איך מיט פאַרדרוס — ס׳וואָלט כדאי געווען צו פרעגן דעם שעף, צי אין זיין גרויסער קליניק זענען ווירקלעך אַלע פאַלן גלייך. אויפווייזן אים, אַז ס׳איז נישט קיין ריכטיקער אַרבעטס־פּרינציפּ.

אָן מיינע סקאַנדאַלן וואָלט איך געדאַרפט וואַרטן אַ דריי וואָכן אויפן

רעזולטאַט פון דער ביאָפּסיע — אַזוי דויערט „נאָרמאַל" — האָט מעז מיך אינפאָרמירט. אויב מ'וועט צו דעם צוגעבן די צייט ביזן מאַכן די ראַדיאָגראַפיע און אַנדערע נייטיקע אַנאַליזן און שפּעטער דאָס וואַרטן אויף אַ בעטל, וועט זיך באַקומען אַ פאַרלוסט פון ווייניקסטנס פינף ביז זעקס וואָכן. איז עס נישט צופיל, ווען די צייט ווערט באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן שונא פונעם קאַנסער? קען אַזאַ וואַרטן נישט דעצידירן נעגאַטיוו אויף דעם אויסגאַנג פון דער אָפּעראַציע?

דאָס אַלץ וואָלט איך געוואָלט זאָגן דעם שעף, נאָר איך רעזיגניר דערפון. איך האָב איצט נישט קיין כוח און קיין געדולד צו דעם.

איך באַשליס יעדנפאַלס מער אין דער קליניק נישט צו קומען און אויף ווייטער זיך צו ווענדן צום באַוווּסטן כירורג, ד״ר ק.

איך גיי אַראָפּ פון די שטיגן, אַזוי ווי אין אַן אָפּגרונט, און ציטער פון קעלט, ווי בשעת אַ מאַלאַריע־אַטאַקע. ס'קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. די צונג איז אויסגעטרוקנט ווי אַ לעדער.

איך קום אַרויס אויף דעם ליכטיקן הויף, וואָס איז באַצירט פון גע־פלעגטע בייטן מיט גראָזן און פאַרביקע בלומען. דער הויף איז פול מיט מענטשלעכן געפּילדער.

איצט דערפיל איך נאָך טיפער מיינע ליידן. דער נישט געצוימטער צער ברעכט אויס פון מיר אין אַ גוואַלדיקן ספּאַזם.

איך באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל און וויין מיט דעם גאַנצן קערפּער, אַלע ביינער טרייסלען זיך אין מיר.

ס'האָט עמעצער דערהערט מיין געוויין און דערנענטערט זיך צו מיר. כ'לויף אַוועק, טראָג זיך אַרום אין אַלע ווינקעלעך מיט מיין יאָמער.

אַן עלטערע פרוי, אַ גוטהאַרציקע נשמה, איז מיר נאָכגעגאַנגען. זי איז צו מיר צוגעשטאַנען, כ'זאָל איר זאָגן די סיבה פון מיין געוויין.

כ'קען מער נישט דריקן אין זיך דעם שוידערלעכן סוד, וואָס וואַרגט מיך. מיין פּיין ברענג איך אַרויס אין אָפּגעהאַקטע ווערטער.

די פרוי טרייסט מיך מיט גוטע, מוטערלעכע רייד:

— ס'איז אוממעגלעך — זאָגט זי — דער דאָקטאָר זאָל דיר אַזעלכע ווערטער האָבן געזאָגט. ס'קען נישט זיין.

זי וויל מיר איינרעדן, אַז איך האָב שלעכט פאַרשטאַנען די דאָקטוירים.

פונקט ווי די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט מיר אויך געוואָלט אַזוינס איינשמועסן.

כליפּענדיק נעגיר איך אירע ווערטער.

אָבער אירע באַמיִונגען מיך צו טרייסטן, די וואַרעמקייט און גוטמו־טיקייט פון אירע מוטערלעכע אויגן רירן מיך זייער.

איך האָב שוין נישט מער קיין כוח צו וויינען. כ׳בין דערשעפּט און צעבראָכן. כ׳שטיל־איין מיין כליפּען און לאָז זיך אַרויס פון דער קליניק.

די באַרעמהאַרציקע פרוי באַגלייט מיך און וואַרט ביז איך וועל אויפ־שטייגן אויף דעם אָמניבוס. זי גיט מיר איר אַדרעס און פאַרבעט מיך זי צו באַזוכן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

***

כ׳בין טיף עמאָציאָנירט פון דער איידעלער, לעבנס־קלוגער פאָלקס־פרוי. כ׳פארגלייך זי מיט די טרוקענע דאָקטוירים, צו וועלכע כ׳האָב געהאט אַזאַ שלעכט מזל.

כ׳האָב נישט קיין יסוד אָנצונעמען, אַז מיך האָבן זיי באַהאַנדלט אויף אַ ספּעציעלן אופן. כ׳גלייב גיכער, אַז אַזאַ באַציִונג איז ביי זיי אַ כלל.

כמעט אַלע, מיט אַ קליינעם אויסנאַם, האָבן זיך נישט געגעבן קיין מי נישט זיך אַליין צו באַהערשן, פארבאהאלטן זייער אייגענע שרעק און נאָך ווייניקער — מיך צו באַרויִקן און דערמוטיקן.

אין מיין צוויייטיקטקייט האָב איך געטראַכט, וויפל פיין וואָלט מען מיר געוועזן פאַרשפּאָרט, אויב מ׳וואָלט מיך געהעריק און זאַכלעך אינפאָר־מירט טאקע וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ שנעלער כירורגישער איינ־טערוועניץ, אָבער נישט סוגערירט מיר דעם קאַנסער.

איך האָב געטראַכט: אויב מיך האָט דער נישט ריכטיקער פּסיכאָ־לאָגישער צוגאַנג אַזוי מוראדיק איינגעבראָכן, קען ער אפשר אין אַן אַנדערן פאַל גורם זיין אַ טויט־קלאַפּ.

די נערוון און דאָס האַרץ קענען פון אַזאַ „סאַמאַריטאַנער״ באַהאַנד־לונג פּלאַצן נאָך איידער דער קרעפּס וואָלט באַוויזן אַדורכצופרעסן זיין קרבן.

האָב איך דאָך מיט אַ צייט צוריק געלייענט אין אַ מעדיצינישן זשור־נאַל וועגן אַ דיסקוסיע צווישן מעדיקער, צי מ׳דאַרף אַ געפערלעך קראַנקן אויסזאָגן זיין קראַנקייט און די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט נעגאַטיוו.

מיין אייגענע טראַגישע דערפאַרונג האָט מיך איצט באַקרעפטיקט אין דער איבערצייגונג, אַז מ׳דאַרף טון אַלץ, צו פאַרהוילן פאַר דעם קראַנקן אַפילו דעם מינדסטן חשד וועגן דעם קאַנסער.

אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך געלאָזט אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע און געזען אין דער צוקונפט אַ גאָר אַנדערע אויפפירונג פון דאָקטוירים לגבי די אומגליקלעכע פּאַציענטן. אַ פריינדלעכער שמייכל און אַ וואַרעם וואָרט זענען אַ „קאָנדיציאָ סינע קווא נאָן" (אומבאַדינגט נייטיק!) פאַר דער מעדיצינישער באַהאַנדלונג. אַחוץ איינשפריצונגען פון וויטאַמי־נען און סערומס ווערן אויך געגעבן „איינשפריצונגען פון גרויסע דאָזן אָפּטימיזם", לויט די מעטאָדן פון דעם באַרימטן מייסטער פון דער מע־דיצין, ד״ר אָסלער, וועלכער האָט מיט אַזאַ פּראַקטיק דערגרייכט וווּנדער־לעכע רעזולטאַטן.

דער אומרו ברענגט מיך צוריק צו דער וואָר.

...אָפּעראַציע! און שוין, דער סוף?

מיטאַמאָל קומט מיר אויפן זכרון אַ פאַל פון אַ קראַנקן, ביי וועלכן ס׳האָט זיך בשעת דער אָפּעראַציע אַרויסגעוויזן אַזאַ ברייט־צעצוויגטער קאַנסער, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען אים אויסצושניידן, און אויפן צווייטן טאָג איז דער פּאַציענט געשטאָרבן.

עס פאַרקלעמט מיך ביים האַרץ.

כ׳זע זיך שוין אויפן אָפּעראַציע־טיש און דאָס כירורגישע מעסער שניידט מיך ביז... ניין, ס׳ווילט זיך נישט טראַכטן, אָבער איך זע שוין ווי דער אָפּעראַטאָר גיט זיך אַ וואַקל און בלייבט שטיין. ער קען ווייטער נישט שניידן, סיידן ער זאָל מיין האַרץ צעפערטלען.

וואָס פאַראַ שרעקלעכע געדאַנקען! מ׳קען פון זינען אַראָפּ.

דאָס אָפּשטעלן זיך פון אָמניבוס רייסט איבער דעם געלויף פון מיינע מחשבות.

איך דערנענטער זיך צו מיין היים.

איך קוק אויף אַלע, אַפּילו אויף דעם אלטן, בלינדן בעטלער אויפן ראָג גאַס, ווי אויף מער ווערטיקע וועזנס, ווי איך בין. אַפּילו די אלטע קאַליקע וועט מיך איבערלעבן. אַלע וועלן מיך איבערלעבן.

אַ געפיל פון שפלדיקייט בייגט מיר דעם קאָפּ צו דער ערד.

לעבן! וואָס פאַראַ גרויסע מיסטעריע! סאַראַ גוואַלדיקער כוח דאָס איז!

קענען אָטעמען, זיך באַוועגן, פילן, פרייען זיך, ליידן, וויינען און ווידער לאַכן, טובלען זיך אין דער ליכטיקייט פון טאָג, געניסן פון דער אָפּרישנדיקער, נאַכטיקער מנוחה! וואָס פאַראַ אומגעהויער גליק דאָס איז!

מיט וואָס פאַראַ שטאַרקער קראַפט קלאַמערט מען זיך אינעם לעבן, ווען מ׳פילט דאָס אויסגייענדיקע חיות!

נאָך אַ פּאָר שפּאַן און איך וועל שוין זיין אין שטוב. וואָס וועל איך זאָגן מיין מאַן? איך נעם אָן אַ פעסטן באַשלוס: פאַרבאַהאַלטן פאַר מיין משפחה דעם אמת. סימולירן פאַר זיי ביז צום סוף.

X

אונטערן צייכן פון ראַק...

אָט בין איך שוין ביי מיין שטוב. מיין מאַן — איין נערוון־קנויל — לויפט מיר אַנטקעגן און נעמט מיך אַרום מיט פאַרשנדיקע, טיף באַום־רויקטע אויגן.

— איך בין אַזוי פאַרמאַטערט, כ׳לעב קוים, אוי ווי מיד איך בין! — שריי איך צו אים, כדי אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון מיין אויסזען.

פון מיין מויל צעגיסט זיך אַ טייך מיט ווערטער וועגן דעם, ווי אַזוי כ׳האָב גאָרנישט געקענט קריגן קיין פאָר־מיטל אַהיימצוקומען. אַלץ איז געווען געפּאַקט: די אָמניבוסן, טראַלעבוסן, טראַמווייען. כ׳האָב געמוזט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצושטופּן זיך אין אַן איבערפולטן אָמניבוס.

מיין אייגענער געשריי פאַרהילכט אין מיר דעם אינערלעכן געוויין. מיט אַ כמעט גלייכגילטיקער שטימע קען איך שוין ענטפערן מיין מאַן, ווען ער רייסט מיר איבער דעם שטראָם רייד.

— ס׳איז אַ מין פאַרהאַרטונג, מ׳וועט עס דאַרפן אויסשניידן, ס׳איז אַ קליין אָפּעראַציעלע — זאָג איך. גיב אים באַלד אויך איבער וועגן די נייטיקע צוגרייטונגען און אַז איך וואָלט זי געוואָלט דורכמאַכן וואָס שנעלער (גלייך ווי ס׳וואָלט זיך נאָר אין מיר געהאַנדלט!).

— אָבער, וואָס פאַראַ מין פאַרהאַרטונג איז דאָס? פון וואַנען איז זי געקומען? — פאָדערט מיין מאַן נענטערע פּרטים.

— דו קענסט דאָך די דאָקטוירים — ענטפער איך אים — זיי האָבן

נישט ליב קיין פּראָגעס, און זעלטן אַז זיי גיבן זיך די מי זיי צו פאַר־ענטפערן.

— אָבער עפּעס האָט ער דאָך געמוזט דיר זאָגן, דיין דאָקטאָר — שטייט מיין מאַן צו צו מיר.

— ווען איך הייב די אַקסלען — כ׳ווייס נישט — און גיב אַן אויס־מיידנדיקע תשובה, באשר ס׳קענען זיין אַ סך סיבות פון פאַרהאַרטונגען, באַשליסט ער ענערגיש:

— מאָרגן גיי איך מיט דיר צום ד״ר ק. וועסט נישט גיין סתם אַזוי אונטערן מעסער, נישט ווויסנדיק געגוי פאַרוואָס!

כ׳צאַפּל אויף. ניין, כ׳טאָר דערצו נישט דערלאָזן.

— מ׳וועט נאָך זען — ענטפער איך וועלנדיק געפינען צייט צו צו־טראַכטן עפּעס אַ תירוץ אויף אויסצודרייען זיך פון זיין באַגלייטונג.

— נישט מ׳וועט זען. מיר וועלן גיין — ענטפערט ער.

— זאָל זיין! — בין איך כלומרשט מסכים און גלייכצייטיק אַרבעט מיין קאָפּ, ווי אַזוי דעם ענין צו לייזן.

איך באַהאַלט אויס, אַז כ׳האָב באַשלאָסן אַליין צו גיין צום דאָקטאָר ק. בסוד רוף איך אָן טעלעפאָניש זיין קאָנסולטאָריע און באַשטעל אַ שעה אויף איבערמאָרגן, פריִער איז אוממעגלעך.

מיר זעצן זיך עסן מיטאָג. כ׳גיב אַ קוק אויף דעם ליבן, פאַרזאָרגטן געזיכט פון מיין מאַן, און ווידער ברויזט עס אויף אין מיר. סאַראַ שרעק־לעך רחמנות כ׳האָב אויף אים!

זייער שווער קומט מיר אָן איינצוהאַלטן דעם אינערלעכן ספּאַזם. כ׳פאַרשטעל מיין פּנים מיט אַ צייטונג און רוק אונטער מיין מאַן אַ צווייֿ־טע, אַנווייזנדיק כלומרשט אַן אינטערעסאַנטע ידיעה.

כ׳פרוו צו לייענען, אָבער כ׳זע נישט קיין איין אות. נישט די ראיה גיט איבער די בילדער צום מוח, נאָר פאַרקערט, דער מוח, אָנגעזאַפּט מיט טרויער, קאָנסטרויִרט מאָדנע בילדער און רופט זיי צו מיינע אויגן. אויפן צייטונגס־בלאַט וואַקסט אויס מיין מאַנס פּנים. איך זע אים אַ מוראדיק־דערשלאָגענעם שוין נאָך מיין טויט.

מיט אַזאַ ווייטיק־טריפנדיק האַרץ האָב איך געקוקט אויף אים די גאַנצע צייט ביז דער אָפּעראַציע.

מיט ענלעכע אויגן האָב איך געזען מיינע אנדערע משפחה־מענטשן. די זאָרג פאַר זיי, דער באַוווסטזיין, אַז מיט מיין טויט וועל איך זיי פאַר־שאַפן אומענדלעכן צער, האָט מיר צוגעגעבן אַ סך גאַליקייט און מיך אָנגע־פילט מיט אַ מין שולד־קאָמפּלעקס.

אַזאַ עמאָציאָנעלע רעאַקציע אין אָנבליק פון טויט איז פאַר מיר אַליין געווען אַן אַנטפּלעקונג.

האָב איך דאָך אַלע מאָל געגלייבט, אַז אַ פאַרמשפּטער אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן צום טויט איז קודם־כל איינגעזונקען אין די מחשבות בנוגע זיך אַליין.

דער פאַקט, וואָס אין די גורלדיקע שעהן, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן פאַר די לעצטע פון מיין לעבן, האָב איך געטראַכט מער וועגן די מאָראַ־לישע ליידן פון מיינע נאָענטע ווי וועגן מיר, האָט מיך אַליין פאַרוווּנ־דערט. אַזאַ פּסיכאָלאָגישער פענאָמען!

וועגן מיר טראַכט איך גיכער רעטראָספּעקטיוו.

עס פּלאָגט און מאַטערט מיך, וואָס מיין לעבן האָט נישט דערגרייכט דעם געהעריקן תיקון און נישט געקומען צום פולן אויסדרוק. נאָך מער — וואָס איך האָב גוט אַ וואָקס געטון און אַלץ האָט דערלויבט פאָרויס־צוזאָגן אַ שיינעם אויפבלי.

אָבער דער גרויסער קאַטאַקליזם, וואָס האָט פאַרניכטעט מיליאָנען לעבנס, האָט מיך אַרויסגעשטויסן פון מיין, מיט מי און שווייס, דעראָבער־טער פּאָזיציע און פאַרוואָרפן אויף די כוואַליעס פון אַ נייער, נישט גינס־טיקער ווירקלעכקייט. נאָך די לאַנגע וואָגלענישן איז מיר אויף דעם נייעם באָדן אויסגעקומען צו פירן אַן אומזיסטיקן געראַנגל מיט די פרישע אומ־פריינטלעכע כוחות. צופיל שטערונגען איז געווען צו באַזייטיקן. כ׳האָב נישט אָנגעטראָפן קיין געהעריקע פאַרשטענדניש און גוטן ווילן פאַר מיינע באַרעכטיקטע אַספּיראַציעס.

אפשר האָט די פּערזענלעכע אַמביציע, וואָס האָט נישט דערלויבט אַראָפּצובייגן נידעריק דעם קאָפּ, טיילוויז מיר געשטערט צו דערגרייכן דעם געווונטשענעם ציל.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, צי זענען געווען שולדיק די אומגינסטיקע אומ־שטענדן, צי איך אַליין — אין סך־הכל בלייבט איינס: מיין פּערזענלעכקייט

האָט נישט דערגרייכט די פולקאָמע צעבליִונג און נישט אַרויסגעגעבן די באַגערטע פרוכט, וואָס זי איז פּאָטענציעל יאָ בכוח געווען אַרויסצוגעבן.

איצט בין איך ווי אַ פּאַרוויאַנעטער קנאָספּ. ביים קלענסטן באַריר פון אַ ווינטל וועט ער אַראָפּפאַלן אויף דער ערד און פאַרפוילט ווערן.

מיין גורל איז אַן ענדגילטיק פאַרחתמעטער. צו מיינע מאָראַלישע ליידן וועט איין גיכן נעמען אַ סוף, נאָך אַ נישט געלונגענער אָפּעראַציע. דערנאָך וועט קומען די אייביקע אומפילבאַרקייט, דאָס נישט־זיין.

אַזאַ איז מיין איבערצייגונג. אָבער מיין לעבנס־אינסטינקט קען דאָך נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק פון אַזאַ נאָענטן טויט. כ׳האָב זיך פיזיש געפילט געזונט, די אָפּשוואַכונג האָב איך געקענט אָננעמען ווי אַ פועל־יוצא פון אַנדערע דערשיינונגען, פון נערוועזישער שפּאַנונג, בעיקר פון פסיכאָלאָגישע גורמים.

כ׳האָב אַבסאָלוט נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי קען אַ מענטש אין אַזאַ גוטן צושטאַנד אַזוי פשוט זיך געבן אַ שטאַרב אָפּ.

פון וואַנען־זשע האָט זיך דער טויט־אַנגסט גענומען צו מיר? ווו איז זיין מקור?

אינסטינקטיוו רוקט זיך אַריין מיין האַנט אונטערן אָרעם צו זוכן דעם שורש פון דעם טויט־געשפּענסט. כ׳דאַרף לאַנג נישט זוכן. מיט אַ שוידער שטעל איך פעסט, אַז ספּעציעל די אונטערשטע גולקע מיט דעם פאַרבינדונגס־שנירל האָט זיך פאַרגרעסערט. זי גרייכט שוין באַלד צו מיין האַרץ.

טראַגיש, נישטאָ קיין האָפענונג.

אַלע מיינע חושים זענען באַצווינגען דורך דעם קרעפּס, וואָס וואַקסט און געדייעט אין מיר. אויף אַלץ אַרום קוק איך דורך דער פּריזמע פון קאַנסער.

אין אַ ווערימל אין אַן עפּל אָדער קאַרטאָפל האָב איך געזען אַ ראַק.

אין אַ פאַנטאַסטישער צייכענונג פון אַ טישטעך אָדער קלייד האָב איך געזען דעם ראַק.

אין די בלומען אין די וואַזאַנעס האָב איך געזען די פּיסלעך פון אַ ראַק.
אין די שאָטנס אויף די ווענט האָב איך געזען לעגענדאַרישע מענטשן־

פרעסערישע מאָנסרומס: אַ טאורוס, אַ הידרע, אַ פּאַליפּ, אַ דראַקאָן און אַ ראַק.

אַך, די שרעקלעכע שאָטנס!

עס לייכט אויף אין מיין זכרון דאָס אַמאָל געלייענטע בילד וועגן טויט פון דעם געניאַלן רעזשיסאָר, מיטשעפער פון דער „הבימה״, יעווגעני וואַכטאַנגאָוו, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ קאַנסער.

איך זע די שוואַרצע שאָטנס, וועלכע ער האָט אומזיסט פון זיך גע־יאָגט פאַר זיין טויט.

מיט די לעצטע כוחות טרייב איך פון זיך די דאָזיקע פינצטערניש. מיט ברייט צעעפנטע אויגן קוק איך זיך אַרום, טרייסל זיך אָפּ... און ברעך אויס אין אַ כליפּעדיקן געוויין.

און האָבן די טרערן אַביסל פאַרלאָשן דאָס ברענענדיקע האַרץ, בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרשטיינערטע.

מיין לעבן איז געוואָרן אַ צוגרייטונג צום טויט.

כ׳האָב אַריינגעבראַכט אָרדענונג אין מיין שטוב. כ׳האָב אַלץ פאַר־ריכט, זאָל מיין מאַן בלייבן וואָס לענגער פאַרזיכערט מיט וועש. כ׳האָב איינגעקויפט נייטיקע זאַכן, געגרייט פאַרשידענע קאָנסערוון און גע־פּרעגלט איינגעמאַכטס. זאָל מיין מאַן האָבן מיט וואָס זיך צו דערקוויקן דאָס האַרץ...

אַ פאַרקלעמטע האָב איך שטילערהייט זיך געזעגנט מיט יעדן קעגנ־שטאַנד אין הויז. די באַזונדערע געשיכטע פון יעדער זאַך האָט פאַר מיר אויפגעטויכט אין דעם סענטימענטאַלסטן קאָלאָריט.

כ׳האָב אָפּגעגעבן די געבאָרגטע ביכער, אָפּגעצאָלט אַלע חובות. זאָל איך אַוועקגיין, ווי ווייט מעגלעך, נישט קיין שולדיקע דער וועלט. זאָל נאָך מיר בלייבן אַ גוטער נאָמען.

אָבער פון איין שולד־געפיל האָב איך מיך נישט געקענט אויסקויפן. כ׳האָב נישט פאַרענדיקט אַן אויפגאַבע, וועלכע כ׳האָב געהאַלטן פאַר מיין הייליקן, מאָראַלישן חוב. אמת, ס׳איז געווען אָפּהענגיק נישט נאָר פון מיר, נייערט אויך פון אַנדערע פאַקטאָרן. איצט איז יעדנפאַלס שוין גע־בליבן צו וויניק צייט דאָס צו דערליידיקן. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ לענגערע סיסטעמאַטישע אַרבעט און אַ סך ענערגיע, וועלכע איך האָב

שוין נישט געקענט אַרויסברענגען. און איך האָב בשום אופן נישט גע־קענט קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען אויף אַ לענגערע ווײַלע פֿאַר אײן קעגנשטאַנד. ווי די כוואַליעס אין ים, וואָס פֿאַרגיסן אין אַ ריטמישן געיעג די ברעגעס און קומען באַלד צוריק נאָך דעם ווי זיי ווערן צעקלאַפּט, אַזוי האָט אין מיין מוח יעדע רגע אָנגעקלאַפּט די מחשבה: „קאַנסער!״

אין אַזאַ גייסטיקער צעטרייסלונג האָב איך נישט געפֿונען גענוג כוח זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער פֿראַגע, וואָס איז פֿאַר מיר אַזוי ווייטיקלעך.

כ׳האָב זיך אַליין געמוסרט פֿאַר מיין מאַנגל פֿון עקשנות און אויס־דויער, דאָס פֿעלן פֿון אחריות פֿאַרן דערפֿילן מיין ערנסטע פֿליכט.

מיין שוואַכקייט נישט צו קענען באַזייטיקן די שטערונגען האָט מיר דעמאָלט טיפֿער וויי געטון ווי אַלעמאָל, ווייל כ׳האָב געזען, אַז ס׳גייט פֿאַרלוירן די לעצטע שאַנס זיך צו רעהאַביליטירן אין מיינע אייגענע אויגן.

נאָר איין איינציקער אויסוועג איז מיר געבליבן פֿאַר דער לייזונג פֿון דעם ענין: איבערגעבן די מיסיע מיין מאַן. זאָל ער פֿאַרענדיקן די אַרבעט, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן.

מיין דאָזיקן ווונטש האָב איך געפּלאַנט אויסצודריקן ווי מיין לעצטן ווילן אין אַ געזעגענונגס־בריוו. דאָס האָט געזאָלט זיין מיין צוואה. כ׳האָב אויך געוואָלט איבערלאָזן מיין לעבנס־באַגלייטער געוויסע רעקאָמענדאַ־ציעס, וואָס זאָלן אים דינען ווי אַ וועג־ווייזער כאָטש אין זיין נאָענטסטן, פֿינצטערן לעבנס־פּעריאָד. צווישן די רעקאָמענדאַציעס האָט געדאַרפֿט פֿיגורירן, אויפֿן ערשטן פּלאַן, דאָס עולה זיין אַזוי שנעל ווי מעגלעך אין מדינת־ישראל. אָן אומשטאַנד, וואָס האָט געדאַרפֿט אַריינברענגען נייע ווערטן אין זיין פֿאַראייניזאַמטן לעבן און נישט דערלאָזן, ער זאָל זיך פֿול־שטענדיק איינברעכן.

כ׳האָב געגלויבט, אַז מיין לעצטער ווילן וועט פֿאַר אים זיין הייליק און ער וועט אים שטאַרקן אויף איבערצוטראָגן דעם שווערן קלאַפּ.

כ׳האָב זיך מערערע מאָל געזעצט שרייבן מיין בריוו־צוואה, אָבער יעדעס מאָל האָב איך געמוזט שטרייכן די אין ביטערע טרערן געבאָדענע שורות. מיינע בלאַסע ווערטער האָבן עפּעס נישט אויסגעדריקט די ריכ־טיקע טעמפּעראַטור פֿון מיינע געפֿילן און דעם תוך פֿון מיינע געדאַנקען.

כ׳האָב אין ווערטער נישט געקענט געפונען קיין פּאַסיקע צורה פאַר דעם צער פון מיין נשמה.

אפשר אין די לעצטע שעהן, אָדער מינוטן פאַרן טויט וועט זיך אַנט־פּלעקן אין מיר אַ באַזונדערע גייסטיקע פּאָטענץ, וואָס וועט אויפבליצן מיט אַ שעפערישן פייער, כדי נאָך דעם אויף אייביק אויסגעלאָשן צו ווערן?

און איך באַשליס מיט מיין צוואה צו וואַרטן אויף דעם מאָמענט פון אינספּיראַציע.

נאָך איין ענין איז מיר פאָרגעשטאַנען צו דערליידיקן: כ׳האָב געדאַרפט איבערגעבן דעם ד״ר ג. אַן אַרבעט, וואָס כ׳האָב פאַר אים געגרייט. קיין צייט צו וואַרטן האָב איך שוין נישט. איך מוז זיך שטאַרק איילן, ס׳זאָל נישט זיין צו שפּעט...

XI

ביי די דאָקטוירים ג. און ק.

פרייטיק נאָכמיטאָג האָב איך באַזוכט דעם ד״ר ג.

דאָס איז אַ מענטש באַקריינט מיט אַ סך גייסטיקע מעלות און אויך פול מיט דינאַמיק. זיין קאַבינעט איז נישט נאָר אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר קראַנקע, נאָר אויך אַ קוזשניע פאַר וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע מעשים.

פאַר יעדן האָט ד״ר ג. אַ האַרציקן „שלום עליכם״ און אַ גוט וואָרט.

ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ גוטמוטיק געזיכט, אָנגעקוקט מיט זיינע אַ ביסל פאַרזשמורעטע און מיט לעבנס־חכמה פינקעלדיקע אויגן. איבערגעגעבן די צוגעגרייטע אַרבעט, האָב איך אים אין קורצע ווערטער אויך אינפאָרמירט וועגן מיין טראַגישן מצב. אַ געפערלעכע קראַנקייט — זאָג איך — ס׳איז נייטיק אַן אָפּעראַציע, דער מעדיקער האָט מיר נישט געוואָלט אַרויסגעבן דעם אַנאַליז.

ד״ר ג. רופט אָן דעם אָנגעגעבענעם טעלעפאָן־נומער, אָבער דער מעדיקער איז נישטאָ.

הגם איך האָב פאַר אים אויסבאַהאַלטן דעם קאַנסער, איז ער קענטיק אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער ידיעה. כ׳וויל מיט אַלע כוחות זיך באַהערשן, נישט אַרויסווייזן מיין איינגעבראָכנקייט, אָבער מיין שטים פאַרראַט מיך.

ד״ר ג. פילט דאָס אַרויס און ער באַרויִקט מיך.

— נאָר האַלטן זיך! נישט יאָמערן פריצייטיק! — זאָגט ער.

ער באַטראַכט מיך.

— ביידע גולקעס זענען לעצטנס באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן — זאָג איך.

— אויסגעוואַקסן? — חזרט ער איבער מיט אַ ציטער.

זיין פּנים איז מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן. זיינע לעבנספולע אויגן פאַרלעשן זיך. קיין וואָרט נישט, קיין קאָמענטאַר. אין קאַבינעט צעגיסט זיך אַ טויטע שטילקייט. איך פרעג גאָרנישט. נאָך וואָס? איך ווייס דאָך שוין מער ווי כ׳וואָלט געדאַרפט וויסן.

ד״ר ג. קומט שנעל צו זיך. מיט אַן ענערגישער באַוועגונג גיט ער אַ טרייסל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן פאַריאָגן דאָס בייז, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אים. באַלד איז ער ווידער פול מיט ענערגיע. ער שטעלט אַלץ צו מיין הילף. דינסטגרייט מאַכט ער מיר תיכף אַ ראַדיאָגראַפיע, פאַר־שטענדיקט זיך וועגן באַלדיקע אַנאַליזן, גיט רעקאָמענדאַציעס.

זיין שפרודלדיקע אַקטיוויקייט האָט אויף מיר געווירקט. כ׳האָב זיך דערפילט אַריינגעצויגן אין אַ פיבערדיקער אַקציע צו ראַטעווען מיין לעבן.

פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע אַקציע האָט אויך פון מיר געפאָדערט שנעלקייט, דרייסטקייט. דאָס אַלץ האָט מיך אַרויסגעריסן פון דער מרה־שחורה, דערוועקט אין מיר אויך דעם ווילן צו טאָט, דעם וויכטיקסטן אויסדרוק פון לעבנס־פּאָטענץ.

כאָטש איך בין נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרטרייבן דעם שאָטן פון טויט, האָב איך דערפילט איבער מיר אַ געוויסע שוץ, אַן אויג וואָס וואַכט. אין מיין פיינלעכער איינזאַמקייט איז דאָס געווען אַ גרויסע טרייסט.

דעם פאַרלויף פון מיין וויזיט ביים ד״ר ג. האָב איך, פאַרשטענדלעך, מיין מאַן נישט איבערגעגעבן פּינקטלעך.

***

אויף צומאָרגנס, שבת נאָכמיטאָג, האָב איך געהאַט באַשטימט אַ שעה ביים ד״ר ק., אַ באַקאַנטן מומחה אין שניידן מענטשן־פלייש. כ׳גיי צו אים מיט אַ ספּעציעלער רעקאָמענדאַציע פון ד״ר ג.

אָבער וואָס טו איך, אַז מיין מאַן זאָל מיט מיר נישט מיטגיין? ווידער האָב איך מיט אַ ליגן זיך געמוזט אַרויסדרייען פון זיין באַגלייטונג.

ביים ד״ר ק. בין איך געהאַט שוין געווען בערך מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק וועגן גאָר אַן אַנדערן ענין. אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט־אָפּשניט אין מענטשלעכן לעבן און אַזאַ רויזן! ווי אַזוי וועט דער דאָק־טאָר רעאַגירן? איך לעכץ נאָך אַ רעטונג, אָבער איז דען עמעצער אין דער וועלט ביכולת מיר צו העלפן?

ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין קאַבינעט. אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַן אָפּענעם שטערן און אַ געלבלעך גרויען קאָפּ, פון וועלכן ס׳שלאָגט זיך אָפּ דאָס לייכט־פּאַררויטלטע, שטראַלנדיקע פּנים. אַזוי שטראַלט אַ פּנים פון אַ מענטשן, וואָס געפינט זיך אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ, אַזאַ וואָס איז זאַט פון עולם הזה און איז זיכער מיט עולם הבא...

זיין צעגאָסענער שמייכל האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן וואַרט־צימער און אָנגעוואַרעמט די אַטמאָספער. ס׳האָט אַ שוועב געטון איבער די פּאַ־ציענטנס פּנימער אַ פריידיקע דערוואַרטונג און האָפענונג.

נאָר איך איינע אַליין האָב זיך דערפילט ווי אַ דיסאָנאַנס אין דער אַלגעמיינער האַרמאָניע. נאָר איך איינע האָב אַנטקעגנגעטראָגן אַ קרומע גרימאַסע אָנשטאָט אַ שמייכל, כ׳האָב אַריינגעפירט אַ סקריפּ אין דעם גוטן קאָנצערט...

כ׳בין אַריין אין דער קאָנסולטאָריע. איך דערצייל פון מיין פאַל. כ׳האָב נישט אָנגערופן די קראַנקייט ביי איר אייגנטלעכן נאָמען. כ׳פאַר־שפּאָר דעם דאָקטאָר דאָס שטעלן די סטערעאָטיפּישע פראַגן. כ׳האָב באַ־ציַיטנס אַליין אָנגעגעבן אַלע נייטיקע פּרטים.

ער הערט מיך אויס אַלץ מיט זיין נישט־אויסגעלאָשענעם שמייכל אויף די ליפּן. ער אונטערזוכט מיך און איך קוק אים גלייך אין פּנים אַריין, כדי צו זען די ענדערונג ביים אַנטדעקן דעם קאַנסער. אָבער ער מאַכט מיך שטוינען. נאָר איין אויגנבליק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ שאָטן האָט אויסגעצויגן זיינע שטריכן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך צוריק־געקערט צו זייער אויפגעהייטערטן אָנבליק.

וואָס זאָל עס באַדייטן? — שטרענג איך אָן מיין גדאַנק — איז עס זיין טאַלאַנט צו מאַסקירן די אייגענע געפילן, אַ מין לאַכנדיקע מאַסקע, וועלכע די רויטן העלפט אָנהאַלטן אויפן פּנים, אָדער עס איז האַרצלאָזי־קייט לגבי מענטשלעכן אומגליק?

דאָס לעצטע האָב איך באַלד אָפּגעוואָרפן און געבליבן ביי דער אי־בערצייגונג, אַז דאָ ווירקט גיכער דער ווילן און די פעיִקייט צו אימ־פּאָנירן מיט פריידיקייט. אַ פאַרשטענדיקער, גוטער דאָקטאָר דאַרף אין געוויסע פאַלן קענען אויספורעמען זיין אייגענעם פּרצוף פאַרן חולה.

— אַ קליינע פאַרהאַרטונג („טומאָרסיטאַ") — זאָגט ער — באַלד וועלן מיר הערן דעם אַנאַליז.

ער גייט אַריין אין אַ צווייטן צימער צו פאַרשטענדיקן זיך מיט ד"ר ל., וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות מיין אַנאַליז.

נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש קומט ער צוריק מיט דער זעלבער זאָרגלאָזיקייט, כאָטש ער האָט שוין גענוי געוווסט דעם רעזולטאַט. ער זאָגט מיר גאַנץ רויִק:

— יאָ, אַ טומאָרסיטאַ, מ׳דאַרף עס אָפּערירן.

און ד"ר ק. איז פּלוצים פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן.

ווי פון אַ נעפּל שווימען אַרויס מיט אַמאָל די געשטאַלטן פון פּראָפ׳ ר. און ד"ר ל. איך הער זייערע גרויזאַמע ווערטער.

„אַ שווערע אָפּעראַציע", האַקט מיר דאָס בלוט אין די שלייפן אַריין. באַלד שניידט מיך דורך די דערמאָנונג פונעם גלח, וועלכער איז געגאַנגען דעם שווער־קראַנקן באַפרייען פון די עבֿרות פון דער וועלט.

איך דערוואַרט שוין נישט קיין שום אויפקלערונגען פון ד"ר ק. איך פּרוּוו אַפילו נישט בעטן קיין נייע אינפאָרמאַציעס. איך מאַך נאָר די לעצטע אָנשטרענגונג און פרעג:

— אפשר קען מען אויסמיידן די אָפּעראַציע? אפשר היילן מיט שטראַלן? (כ׳האָב איצט אין זינען דעם פאַקט פון אויסהיילן א קאַנסער־קראַנקן מיט באַשטראַלונגען).

— איך האָב דאָך נישט קיין שום וויטיק — גיב איך צו פאַר מיין באַגרינדונג.

— אַ גליק, וואָס איר האָט נישט קיין וויטיק — רעפּליקירט דער דאָקטאָר — אַנדערש וואָלט שוין געווען צו שפּעט צו מאַכן אַן אָפּעראַציע. מ׳מוז אומבאַדינגט אָפּערירן און ערשט דערנאָך וועט מען אָנווענדן שטראַלן.

עס וווּנדערט מיך ווידער זיין רויִקער און זיכערער טאָן. איך כאַפּ זיך אָן אין זיינע לעצטע ווערטער. קען נאָך זיין אַ „דערנאָך"? איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן? הייסט עס, אַז ער האָט געהאַט ענלעכע קראַנקע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַזעלכע אָפּעראַציעס, אויב מ׳האָט זיי „דערנאָך" אַפּליקירט איקס־שטראַלן.

אָבער באַלד קרייצט מיך דורך אַ פיינלעכער ספק: האָבן זיי אויך געהאַט די פאַרהאַרטונג אַזוי נאָענט צום האַרץ? איז זי אויך געווען אַזוי ברייט צעוואַקסן?

איך האָב נישט קיין כוח צו שטעלן די שאלה. כ׳בין אַזוי שרעקלעך מיד און פיל אָן אינסטינקטיווע מורא פאַר ווייטגייענדיקע פראַגן, כדי נישט אַרויסצורופן קיין תשובות, וועלכע כ׳וויל נישט הערן.

דער דאָקטאָר דערלאַנגט מיר אַ רעקאָמענדאַציע צו זיין קליניק, וווּהין איך דאַרף קומען מאָנטיק באַלד אינדערפרי צו דער אָפּעראַציע.

ער געזעגנט מיך מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק. איך פיל ריין פיזיש דעם אונטערשיד צווישן אונדזערע טעמפּעראַטורן. אָבער איך באַטראַכט שוין נישט זיין פּנים־אויסדרוק. איך האָב פולשטענדיק פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר אָבסערוואַציע און ווערטער־שפּיל. כ׳בין איצט גלייכגילטיק צו אַלץ און אַלעם, אויסגעליידיקט, הויל. מיין ביז איצטיקע אומגעהויערע שפּאַנונג האָט זיך איינגעבראָכן. די נערוון האָבן געפּלאַצט. אויפן דאָקטאָר ק. האָב איך געשטעלט ווי אויף דער לעצטער שאַנס. אויב איין טייל פון מיין „איך" האָט מיר דיקטירט, אַז קאַנסער באַטייט אומבאַדינגטער טויט, האָט זיך דער צווייטער טייל ליידנשאַפטלעך געקלאַמערט אין לעבן, נישט געוואָלט און נישט געקענט זיך שטעלן אויף דער פּאָזיציע פון אַ נאָענטן סוף. מאָמענטנווייז האָבן די אויבערהאַנט גענומען די איי־לוזיעס, אַז סוף־כּל־סוף וועט געשען אַ נס. ס׳וועט קומען אַ גרויסער ספּעציאַליסט און וועט אַנטדעקן, אַז מיט מיר איז געשען אַ פאַטאַלער טעות, אַז אַפילו דער אַנאַליז איז אַ טעותדיקער...

די פאַנטאַזיע איז צעשוווּמען ווי אַ חלום נאָכן דערוואַכן. דער דראַמאַטישער קאָנפליקט מיט זיך אַליין האָט אויפגעהערט. דער לעצטער פונק האָפענונג איז פאַרלאָשן.

דער שטראַלנדיקער שמייכל פון ד״ר ק. און דער אַזוי אומשולדיק קלינגענדיקער דיאַגנאָז „טומאָרסיטאָ״ — זענען געקומען צו שפּעט. כ׳האָב שוין געוווּסט צופיל, כדי נישט צו באַגרייפן דעם כאַראַקטער פון דער אָפּעראַציע. ער איז שוין נישט געווען אין שטאַנד פון מיר צו פאַרטרייבן דעם טויט־קאָשמאַר, וועלכן די פריִערדיקע דאָקטוירים האָבן אַרויסגערופן.

ווי אַנדערש וואָלט איך אויסגעזען, ווען די ביז איצטיקע מעדיקער מײַנע וואָלטן אויך אַזוי געהאַנדלט מיט מיר! וויפל שרעק און פּיין וואָלט מיר פאַרשפּאָרט געוואָרן! מיט אַן אַנדער געמיט וואָלט איך געגאַנגען צו דער אָפּעראַציע. כ׳וואָלט זיכער געגלייבט, אַז דאָס איז אַן אומשולדיקע פאַרהאַרטונג, און בשום אופן נישט פאַרדעכטיקט קיין קאַנסער. אויך פאַר מײַנע שפּעטערדיקע איבערלעבענישן האָט דער מוראדיקער באַוווּסט־זײַן פון דער קרענק געבראַכט פאַטאַלע פאָלגן.

וואָס פאַראַ גליק איז צו שטאַרבן אומגעריכט און נישט דורכצומאַכן די טאָרטורן פון פּאַסיוון וואַרטן אויפן טויט!

כ׳בין אויסטערליש אויסגעשעפּט און וויל נאָר איין זאַך — קומען וואָס גיכער אַהיים און שלאָפן, שלאָפן...

***

איך טרעף זיך מיט מײַן מאַן אויף דעם אָפּגעשמועסטן פּלאַץ, פון וואַנען מיר האָבן געזאָלט גיין צוזאַמען צום ד״ר ק. איך גיב אים איבער, אַז צוליב אַ צופאַל איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן דעם דאָקטאָר פאַר דער באַשטימטער צײַט.

ס׳איז מיר פּײַנלעך כסדר צו נאַרן מײַן מאַן, אָבער איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ סך בעסער ווי אויפדעקן דעם שוידערלעכן סוד.

מײַן באַריכט וועגן דער מעדיציניש׳ער אונטערזוכונג קלינגט ענלעך ווי די פריִערדיקע: דער אָפּשטאַם פון דער פאַרהאַרטונג איז אַן אומבאַ־קאַנטער, אָבער ס׳פּאָדערט זיך אַ באַלדיקע אָפּעראַציע, גאָרנישט קיין ערנסטע.

מײַן מאַן איז אין כעס אויף מיר. ער איז נישט מסכים אויף קיין אָפּעראַציע. ער מוז אַליין רעדן מיטן דאָקטאָר ק. איך האָב נישט קיין חשק צו דיסקוטירן. מיר לייגן אָפּ דעם ענין ביז מאָנטיק.

XII

באַטראַכטונגען

שבת אין אָוונט קומען צו אונדז קרובים און פריינד. אַלע זאָגן זיך אַרויס איינשטימיק, אַז כ׳דאַרף זיך לאָזן אָפּערירן. מיין שוועסטער האָט זיך געהאַט נאָכגעפרעגט און געהערט, אַז „אַזאַ״ פאַרהאַרטונג אונטערן אָרעם — זי ווייסט נאָר וועגן איינער, וועגן דער צווייטער האָב איך קיינעם נישט אויסגעזאָגט — קריגט מען פון אויסגאָלן די האָר. זי וויל מיך צוגרייטן צו דער אָפּעראַציע.

— בשעת דער אָפּעראַציע וועט דיר אביסל וויי טון — זאָגט זי — ס׳דראָעט נישט קיין שום געפאַר. ס׳איז אַ גאָרנישט מיט נישט...

נאָר מיין מאַן האָט אַ שווער האַרץ. ער איז בייז אויף אַלע ראַטגעבער. ניין און ניין! ער וועט מיך נישט לאָזן גיין אונטערן מעסער.

— אַזוי לייכט לאָזן זיך שניידן, ווען ס׳טוט גאָרנישט וויי? פאַרוואָס פרי׳ער נישט זוכן אַנדערע מיטלען? — טענהט ער אַ פאַרביטערטער.

— און דו ביסט אַזוי גיך גרייט זיך צו אָפּערירן? — וואַרפט ער מיר פאָר.

— וואָס זאָל איך טון? אַז מ׳זאָגט, מ׳דאַרף... — פאַרטיידיק איך זיך שוואַך.

אַלע האַלטן מיך אונטער. זייער גוט! — זאָגן זיי, וואָס כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר „אַ ביסעלע״ ווייטיק.

— אָבער פאַר וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? — פרעגט מיך מיין שוועסטער מיט אומרו אין איר שטים.

— נו, ווייסט נישט? פֿאַר אַן אָפּעראַציע ,ווי קליין זי זאָל נישט זיין, שרעקט מען זיך אַלע מאָל — ענטפֿערט איר מיין פֿריינדין. — אָבער, אַז ס'איז גוט פֿאַרן געזונט, איז דאָך נישט שייך.

צו זייערע רייד הער איך זיך צו מיט אַ געפֿיל, ווי ס'וואָלט זיך גאָר נישט געהאַנדלט וועגן מיר. ביסלעכווייז וואַרעמט מיך אָן זייער הייסע זאָרג פֿאַר מיין געזונט, זייערע מיט ליבשאַפֿט איבערפֿולטע בליקן. מיין פֿאַרגליווערט האַרץ הייבט אָן צו טייען און עס טריפֿט מיט בלוט. אַלע בלוטיקט אין מיר פֿון טיפֿן מיטלייד מיט מיינע נאָענטע. וואָס פֿאַראַ שרעקלעכער קלאַפּ מיין טויט וועט זיין פֿאַר זיי! ס'פֿאַלט מיר איין, אַז אייניקע פֿון זיי זע איך אפֿשר דאָס לעצטע מאָל. איך דאַרף זיך מיט זיי געזעגענען. כ'נעם דעקן דעם טיש, סערווירן געטראַנקען. אָבער מ'לאָזט מיך נישט גאָרנישט טון. מ'רייסט זיך מיר צו העלפֿן. אַלץ גייט שוין ווי אויף רעדער. אַלע געסט טרינקען פֿאַר מיין געזונט. מ'הייבט שוין טאָאַסטן פֿאַר מיין גיכער רעקאָנוואַלעסצענץ.

איך טרינק ווי קיינמאָל נישט. כ'וויל שלאָפֿן די נאַכט, נאָך אַזוי פֿיל שלאָפֿלאָזע נעכט. מאָרגן אין אָוונט האָב איך אַ שמחה ביי מיינע נאָענטע פֿריינד. כ'וויל אומבאַדינגט זיין דאָרט. כ'וואָלט דערפֿאַר געוואָלט זיין גוט אויסגעשלאָפֿן.

איך טרינק פֿאַר אַלעמענס געזונט, אָבער מ'פֿאַרשרייט מיך. איך בין דאָך די העלדין פֿון טאָג. פֿאַר מיין וווילזיין הייבן זיך היינט אַלע כוסות. מ'מאַכט שוין פּראָיעקטן ווהין איך זאָל אַרויספֿאָרן אויף אָפּרו. דאָס דאַרף מיך איבערצייגן, אַז אַלץ וועט אַדורך אויפֿן בעסטן אופֿן און ס'איז נישטאָ קיין גרונד צו דענקען אַנדערש.

די אַרומזיצנדיקע גייען אַריבער צו זייערע אייגענע ענינים. מאָדנע! טראָץ דעם, וואָס זיי אַלע זענען מיר נאָענט און טייער, זענען זיי מיר איצט אויס צו זיין אַזוי ווייט און פֿרעמד! אַ נישט־דעפֿינירטער מהלך שפּרייט זיך אויס צווישן אונדז, אַ מהלך, וואָס טיילט אָפּ צוויי פֿאַרשידענע וועלטן. איך צווינג זיך צו פֿאַרשטיין זייערע פֿריידן און צרות, אָבער איך קען זיך נישט אַריינפֿילן אין זיי. זיי זענען מיר אויס מינדערוויכטיק, באַנאַל. ס'דאַכט זיך מיר, אַז קיינער האָט נישט באַנעמען דעם אמתן זין פֿונעם

לעבן, נאָר איך, וואָס בין אויפן ראַנד פון טויט, האָב אים באַגריפן.
כ'האָב איצט נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט זיי.

ווען איך מיש זיך אַריין אין אלגעמיינעם געשפּרעך, כדי צו סימו־לירן מיין אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, קלינגען פאַר מיר מיינע ווערטער פּוסט, אָן אינהאַלט. מיין טאָן — קאַלט, אַפּאַטיש. כ'שעם זיך, אמת, פאַר מיין עגאָצענטריזם, פאַר דער טעמפּקייט, וואָס האָט מיך באַ־וועלטיקט און מאַכט מיך אינדיפערענט צו די זאָרגן פון מיינע טייערסטע.

בלויז איין עמאָציע פילט אָן מיין נשמה: דאָס איז דער שניידנדיקער ווייטיק צוליב דעם צער, וועלכן זיי וועלן דורכלעבן נאָך מיין טויט.

איך שטרענג אָן מיין מוח, כ'וויל עפּעס אויסטראַכטן אַ ווירדיקן און שיינעם אופן פון געזעגענען זיך מיט מיינע געסט, וואָרשיינלעך אויף איי־ביק... כ'וואָלט וועלן יעדן פון זיי עפּעס אָנזאָגן, געבן אַן עצה פון אַ מענטשן, וואָס באַנעמט די שיידליניע פון די גרענעצן פון ביידע וועלטן. ס'ווילט זיך צודריקן יעדן פון זיי צו מיין ברוסט, באַשענקען מיט מתנות אויף אַן אָנדענק. אַ זכר נאָך מיר.

איך האָב אָבער גלייכצייטיק געוואָלט אויסמיידן יעדן חשד וועגן מיין געמיט־צושטאַנד. דערפאַר האָב איך זיך צעשיידט מיט מיינע געסט אויף אַן אומדערוואַרטן, אומגעלומפּערטן אופן: מיט אַ פּאָר באַנאַלע ווער־טער, גאַרנישט זאָגנדיקע און קאַלטע, וואָס האָבן מיר שפּעטער באַשווערט דאָס געוויסן און מיך אויסגעשטעלט אויף חוזק אין מיינע אייגענע אויגן.

כ'האָב געפילט אַן איבל צו זיך אַליין, וואָס כ'האָב דאָס צעשיידן זיך נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אין אַן אומפאַרגעסלעכן מאָמענט.

***

נאָך דעם ווי די געסט פאַרלאָזן אונדז, נעמט מיין מאַן מיך איבער־צייגן אין דער וויכטיקייט פון אָפּלייגן די אָפּעראַציע. איך פּרוּוו זיך ראַנג־לען מיט אים, באַרויקן. איך ווער זיך אויסצודריקן מיין הסכמה. דאָס וואָלט פאַר מיר באַטייט ווידער אויסצוטראַכטן נייע אָפּנאַר־מיטלען און נאָך לענגער צו פאַרציִען מיינע מאָראַלישע טאָרטורן, נאָך וועלכע ס'וועלן באַלד קומען אויך שווערע פיזישע ליידן.

סוף־כל־סוף שטימען מיר איין, אַז מאָנטיק אין דער פרי גיי איך אין דער קליניק און באַמי זיך אָפּצולייגן די אָפּעראַציע. אויב אָבער די דאָק־טוירים ק. און ג„ מיט וועלכע איך דאַרף זיך פריִער פאַרשטענדיקן, וועלן זיין אין דער מיינונג, אַז ס׳איז נישט געוווּנטשן אָפּצולייגן די אָפּעראַציע, רוף איך תיכף אַרויס מיין מאַן.

מיין מאַן איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ — ער איז איבערצייגט, אַז די אָפּעראַציע וועט ווערן אָפּגעלייגט.

איך באַשליס פונדעסטוועגן לאָיאַל אויסצופילן מיין מאַנס ווילן. איך האָב אָבער די אינערלעכע זיכערקייט, אַז דער מאָנטיקדיקער טאָג איז דער דעצידירנדיקער פאַר מיר און מסתמא נישט צום גוטן...

מאָרגן זאָל זיין דער לעצטער טאָג פון מיין לעבן?!

אַן אייז־קאַלטקייט דרינגט אַריין אין אַלע מיינע גלידער. איך קען מער נישט איינזיצן. איך מאַך מיר אַ הייסע טיי מיט אַ סך ציטרין, און באַרויִק זיך אַביסל.

כדי זיך צו צעשטרייען, זוך איך אַ פּראָגראַם אין ראַדיאָ. מוזיק. סאַראַ גליק! אָנגעטראָפן אויף די לעצטע טענער פון טשייקאָווסקיס קאָנצערט פאַר פידל און אָרקעסטער. די מעלאַנכאָלישע טענער ווירקן אויף מיר שטענדיק אויף אַ ספּעציפישן אופן און רופן אַרויס אַ וואַרעמען שטראָם פון סענטימענטאַליזם. די צאַרטע מעלאָדיעס טראָגן מיך איבער אין אַ וועלט פון טרוימען, וועבן און פאַרבינדן די פאַרנעפּלטע פאַנטאַזיע פונעם נעכטן מיט דעם היינט און מאָרגן.

די זיסע טענער דרינגען איצט אַריין אין מיין בלוטנדיקן האַרץ און מיט זייער צויבער שלעפערן זיי איין דעם וואָרעם וואָס נאָגט אין מיר.

אַ פאַרורטיילטן צום טויט פרעגט מען זיין לעצטן ווילן און מ׳פילט אים אויס.

ווען מען פרעגט מיך וועגן מיין לעצטן באַגער, וואָלט איך פאַרלאַנגט אָנצוהייבן מיין אָפּעראַציע אונטער די האַרציקע טענער פון מוזיק. אָבער נישט פון טשייקאָווסקין, הגם כ׳האָב אים ליב, נייערט מיט דעם מאָטיוו פון דער געהייליקטער תפילה פון געפּייניקטן יידישן פאָלק, פון „כל נדרי“. דער דאָזיקער הייליקער ניגון האָט פון קינדוויַיז אָן אַריינגעדרונגען אין

מיין נשמה און מיך דורכגענומען מיט אומרו און פּחד, זעליקייט און דער־הויבנקייט.

אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון די־אָ וווּנדערלעכע ניגונים וואָלט מיר לייכטער געווען אויסצוהויכן די נשמה.

פאַרענדיקט דער טשייקאָווסקי־קאָנצערט. אין דער ליריק רייסט זיך ברוטאַל אַריין אַ שרייענדיקער ספּאָרט־קאָמוניקאַט.

איך וואַך אויף פון די טרוימען און קער זיך אום צו דער פינצטע־רער רעאַליטעט.

מיר לייגן זיך שלאָפן.

אָבער איך קען נישט איינשלאָפן. דער קאָפּ איז צערוישט פון די שווערע געדאַנקען און פונעם געטראַנק.

איך שטרענג זיך אָן צו באַטראַכטן ווי אַזוי אויסצונוצן די לעצטע שעהן.

זאָל איך זיי פאַרברענגען מיט מיין מאַן? מיך מאַטערט זיין פאַרשנ־דיקער בליק, מיין ליגנערישע שפּיל. איך אַנטלויף פון זיין אינטימקייט און צערטלעכקייט. כ׳האָב מורא זיך נישט איינצוברעכן און נישט פאַרראַטן דעם סוד פון מיין נאָענטן סוף.

וועט מיר זיין לייכטער, ס׳זאָל מאָרגן גיסן ווי פון אַ וואָלקן־ברוך, אַז הימל און ערד זאָלן מיטוויינען מיט מיר?

אָדער אפשר זאָל איך דאָס לעצטע מאָל איינזאַפּן די ליבע וואַרעמ־קייט פון די זון־שטראַלן, די בלויקייט פון הימל, די שיינקייט פון די בלומען, די פרישקייט פון ים, די מאָזאַיִק פון מענטשלעכן געווימל?

ניין! כ׳וויל בעסער זיך אַריינלייענען אין דער „טויט־ליטעראַטור" — אפשר וועל איך דאָרט געפינען כאָטש אַ ברעקל טרייסט.

די מידקייט און דער וויין נעמען ענדלעך די ממשלה איבער מיר.

***

כ׳דערזע זיך מיט אַמאָל אויפן ראַנד פון אַ קיילעכדיק אויסגעפּו־רעמטן תהום, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ הויכער, משופּעדיקער וואַנט. דער גאַנצער טאָל איז באַדעקט ווי מיט אַ טעפּיך פון פרישער גראָז־גרינקייט, מיט קליינע ביימער־אינדזלען. אונטן, אויפן דנאָ פונעם גרוב

לויפט אַרום מיין מוטער מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים, פון וועלכן ס׳לייכטן אַרויס צוויי שוואַרץ־פייערדיקע, פון שרעק ברייט צעעפנטע אויגן; זי לויפט פון אָרט צו אָרט, פּרוווט אַרויפקלעטערן אויף דער מויער, אַרויסבאַקו־מען זיך פונעם טאָל, אָבער ווען זי געפינט זיך שוין נאָענט צום ציל, שטופּט זי עפּעס אַ געהיימע קראַפט צוריק אַראָפּ. אַו״ם און אַרום אין שטח — קיין זכר פון לעבן.

כ׳זע קלאָר דאָס אַזוי טייערע פּנים, וואָס איז געפּלאָגט פון אַ פּאַ־נישער מורא. מיין מאַמע זעט מיך אָבער נישט און זי הערט מיך נישט. כ׳גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז זי געפינט זיך אין נאַצישן קלעם. איך רוף זי, וויל איר דערלאַנגען אַ האַנט, אָבער כ׳קען נישט. כ׳שטיי צוגעשמידט צום פּלאַץ און שריי מיט אַ יאָמערלעך קול. איך זע מיין מוטערס ראַנגלענישן און איך בין אָנמעכטיק. פון דעם אָנגעשטרענגטן שרייען פיל איך אַ טרו־קעניש אין האַלדז. כ׳וויל לויפן, נאָר מיינע פיס זענען ווי צוויי שטיינער. איך ברעך אויס אין אַ געוויין.

ווי אַן ענטפער גיט פּלוצים אַ שנייד דורך די לופט מיין מאַמעס שוי־דערלעכער געיאָמער.

איך וועק זיך איבער מיט אַ קנויל אין קעל, אַ געבאַדענע אין שוויס. אין מיינע אויערן קלינגט נאָך מיין מוטערס דערשיטערנדיקע יללה. ס׳דויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז איך קום צו זיך.

— וואָס זאָל דער חלום באַטייטן? — פרעג איך זיך און רוף צו הילף אַלע חלום־טעאָריעס, פאַר וועלכע כ׳האָב תמיד אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס. האַרט פאַר דער מלחמה האָב איך אפילו אַרויסגעשיקט קיין ווין, צו דעם באַרימטן פּראָפעסאָר א. אַדלער, אַ באַשרייבונג פון מיינעם אַן אויסערגע־וויינלעכן חלום, וואָס איז אויפן צווייטן טאָג מקוים געוואָרן.

ווי אַזוי זאָל איך אויסטייטשן מיין איצטיקן חלום?

איז דאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין מיין אונטערבאַוווסטזיין, פון מיין שולד־קאָמפּלעקס, וועלכער באַהערשט מיך זינט דעם גרויזאַמען חורבן, און איז איצט, אין אַ מאָמענט פון פּסיכישער אויפטרייסלונג, אַרויסגעשוווּמען אין אַזאַ חלום־בילד? זענען דאָס געוויסנס־פאָרוואָרפן, הלמאי כ׳האָב מיין טייערע מוטער נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון דער טויט־געפאַר, צו פאַרהיטן זי פון די גאַז־קאַמערן?

איז דער חלום אפשר אַ מאַניפעסטאַציע פון מורא אָדער פון אַ ווונטש? איז דאָס אַן אויסדרוק פון מיין פחד פאַרן טויטן־טאָל, אָדער אַ באַגער אים צו דערגרייכן און זיין דאָרטן פאַרבינדן מיט מיין מוטער?

איז אפשר דער חלום גאָר אַ פאָרויסזאָגונג פון דער צוקונפט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אַמאָל בשעת דעם שלאָף, ווען די חושים און דער געדאַנק ווערן באַפרייט פון די טעגלעכע אָנרעגונגען? אַ מין פראָפעטישע זעונג? זאָל עס הייסן, אַז הגם איך שטיי אויפן ראַנד פון תהום, וועל איך דאָך אין אים נישט אַריינפאַלן און פאַרבלייבן אויף דער לעבנס־פלאַך?

פאַרוואָס האָסטו, געטרייע מאַמע, צו מיר נישט אויסגעשטרעקט דיין האַנט? האָסטו מיך נישט געוואָלט אַראָפּציִען אין טיפן אָפּגרונט?

שעהן־לאַנג בין איך געווען צעטומלט פון דעם אויסטערלישן חלום.

XIII

מיין לעצטער טאָג?

דער זונטיקדיקער טאָג איז געווען אַ פּייכטער און טריבער, דער הימל שווער באַלאָדן מיט שוואַרץ־גרויע כמאַרעס. יעדע מינוט האָט געדראָעט מיט אַ רעגן.

איך בין פון דעם געווען צופרידן. די ליכטיקייט פון דער וועלט האָט מיר פאַרשפּאָרט צו שטעכן אין די אויגן.

איז טאַקע היינט מיין לעצטער טאָג? די פראַגע פּילט אויס אַלץ אין מיר.

מיין מאַן, ווי אָפט אין אַ פרייען טאָג, לייענט פאַר מיר די צייטונג און איך גרייט דערווייל צו דאָס עסן.

וואָס פאַרא גוטע געריכטן זאָל איך אים היינט מאַכן? כ׳וויל זיין אַ מוסטערהאַפטע באַלעבאָסטע. איך מאַך פאַר אים אַלע זיינע באַליבטע מאכלים. אַן אַנדערש מאָל האָב איך זעלטן חשק און געדולד.

מיין מאַן וווּנדערט זיך און צוימט אפילו מיין ברייטן, קולינאַרן פאַרמעסט. נישט געקוקט אויף מיין פאַרפאָרעטקייט, פילט ער אַרויס מיין געדריקטע שטימונג און טוט אַלץ מיך אויפצוהייטערן. ער וויצלט זיך און דערציילט פריילעכע אַנעקדאָטן. איך ווער מיטגעריסן מיט זיין הו־מאָר און מיין געמיט לייטערט זיך אויס.

פּלוצים שניידט דורך מיין מוח אַ שווידערלעכער געדאַנק: מאָרגן אין דער זעלבער צייט וועל איך זיך שוין ראַנגלען אין גסיסה, און אפשר שוין זיין טויט. און ער?...

די טאָרטור ווערט אומדערטרעגלעך. אָט, אָט און איך וועל אָנהייבן ווילד צו שרייען... כ׳לויף גיך אַרויס פון צימער און באַגיס זיך דאָס פּנים מיט וואַסער. כ׳שרעק זיך צו זען אין שפּיגל, צו קוקן זיך אַליין אין די אויגן אַריין. כ׳האָב מורא פאַר מיין אייגענעם בליק, דעם אויסדרוק פון מיין מעמד. כ׳גיי פון אָרט צו אָרט. כ׳באַוועג מיט די הענט, מיט די פיס, מיטן קאָפּ. אַזוי איז מיר לייכטער זיך אָפּצוטרייסלען פון די פינצטערע געדאַנקען.

ענדלעך איבערגעקומען דאָס מיטאָג־עסן. מיין מאַן לויבט די היינ־טיקע מענו, מיין קולינאַרע קונסט. נאָר איין זאַך — דאָס פלייש איז שטאַרק געזאַלצן. כ׳האָב מן הסתם צוויי מאָל געשיט זאַלץ. ווי אַזוי דאָס איבעריקע איז געלונגען — פאַרשטיי איך נישט.

מיין מאַן האָט זיך צוגעלייגט, ער וויל כאַפּן אַ דרימל. אויך איך האָב דאָס זעלבע געטון. מיר האָבן דאָך די נאַכט אַ שמחה, דאַרפן מיר זיין אויסגערוט.

אָבער דער אומרו לאָזט מיך נישט איינליגן. כ׳הייב זיך אויף שטי־לערהייט. כ׳וויל נעמען אַ בוך צו לייענען. מיך אינטערעסירט איצט איין טעמע: דער טויט. וואָס פאַראַ זין וועט האָבן מיין טויט?

עס ציט מיך היינט מער צום ידישן געדאַנק, צום אייביקן קוואַל פון חכמה.

כ׳בלעטער פיבערהאַפט די ווייניקע ספרים און ביכער, וואָס כ׳האָב אין מיין רשות.

ווי מקנא בין איך דעם קרעציקן איוב! ער האָט כאָטש געקענט אויס־שטורעמען זיין צאָרן קעגן גאָט און זיין אומרעכט. איך קען דאָס אויך נישט. ס׳פעלט מיר דער גייטיקער גלויבן. איוב האָט נאָך אַלע זיינע ליידן ווייניקסטנס באַקומען אַ טרייסט. ער איז צוריק אויפגעריכט געוואָרן.

און איך, ווו איז מיין טרייסט? ווי איז מיין האָפענונג? ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען כ׳קען זאָגן צוזאַמען מיטן פּאָעט פון תהלים: „אויך ווען איך גיי אין טאָל פון טויט, האָב איך נישט קיין מורא פאַר שלעכטס. ווייל דו (גאָט) ביסט מיט מיר״.

און ווי ווייט נישט איבערצייגנדיק קלינגען פאַר מיר די ווערטער פון דעם קלוגן קהלת: „בעסער איז דער טאָג פון טויט, ווי פון געבוירן.״

ניין! קיינמאָל נישט!

געבורט איז קרעאַציע, שיינקייט, האָפענונג.

טויט איז חורבן, מיאוסקייט, נישטיקייט.

כ'זוך ווייטער און געפין שאַרפזיניקע געדאַנקען וועגן טויט, וואָס ציטערן מיך אויף מיט זייער טרעפלעכקייט און בילדערישער עקספּרעסיע. אָט אַ שטעלע גענומען פון תלמוד:

„ווען אַ מענטש קומט אויף דער וועלט, פאַרמאַכט ער די פויסט, ווי ער וואָלט געזאָגט: אַלץ איז מיינס און כ'וויל דאָס אַלץ ירשענען. ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט עפענען זיך די הענט, ווי ער וואָלט געזאָגט: אויף דער וועלט האָב איך גאָרנישט דערוואָרבן.

דער מענטש דאַרף זען אָנצוזאַמלען דעם גרעסטן אוצר פון מעשים טובים און נאָר דאָס קען אים געבן אַ ווערט אויך נאָכן טויט. דער מענטש קען נישט פון דער וועלט מיטנעמען מיט זיך נישט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער, נישט קיין טייערע שטיינער און נישט קיין פּערל, נאָר אויסשליסלעך די געטריישאַפט צו דער תורה און די מעשים טובים״.

לעצטנס האָב איך אָפט געטראַכט מיט ענלעכע קאַטעגאָריעס. ס'איז מיר געווען אייגן די מחשבה, נאָר איך האָב זי נישט געקענט אָנטון אין אַזאַ שיינעם לבוש. אָבער דער קערן אירער האָט שוין אַ לאַנגע צייט גע־דייעט אין מיין מוח.

און נאָך אינטערעסאַנטס פונעם קוואַל פון דער יידישער תורה:

„צען שטאַרקע זאַכן זענען באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט:

דער באַרג איז שטאַרק, אָבער דאָס אייזן קען אים צעברעכן.

דאָס אייזן איז שטאַרק, אָבער דאָס פייער קען עס צעשמעלצן.

דאָס פייער איז שטאַרק, אָבער דאָס וואַסער קען עס פאַרלעשן.

דאָס וואַסער איז אַ שטאַרקער כוח, אָבער די וואָלקנס קענען עס אַרויפ־שלעפן.

די וואָלקנס זענען שטאַרק, אָבער דער ווינט קען זיי צעטרייבן.

דער ווינט איז מעכטיק, אָבער דער גוף קען אים פאַרוואַנדלען אין אַ בלאָז דורך איינאָטעמען.

דער קערפּער איז שטאַרק, אָבער די שרעק קען אים אומוואַרפן.
די שרעק איז שטאַרק, אָבער דער ווײַן קען זי צונישט מאַכן.
דער ווײַן איז אַ כּוח, אָבער דער שלאָף קען אים נײַטראַליזירן.
און דער טויט איז שטאַרקער ווי אַלץ!"

איך פֿיל די אַלמעכטיקייט פֿונעם מלאך־המות, און אַ ציטער נעמט מיך אַדורך.

אַך, אויף וויפֿל לײַכטער איז צו שטאַרבן דעם וואָס גלייבט, אַז די וועלט איז נישט מער ווי אַ „פּאָדערצימער צו יענער וועלט, דעם סאַלאָן".

מײַן מאַן שטייט שוין אויף אַן אויסגערוטער און דערפֿרישטער פֿון זײַן נאָכמיטאָג־שלאָף.

איך דריי איבער דאָס געלייענטע בלעטל. ס'איז מיר אַ שאָד, וואָס כ'קען ווײַטער נישט זוכן קיין טרייסט אויף מײַן וועג צום טויט, הגם כ'וואָלט זיכער אַזוינס נישט געפֿונען.

⁂

מיר נעמען זיך גרייטן צום פֿאַמיליע־יום־טובֿ, וואָס דאַרף פֿאָרקומען הײַנטיקן אָוונט בײַ אונדזערע פֿרײַנד.

מיר באַשליסן פֿריִער: מיר וועלן דאָרט גאָרנישט זאָגן וועגן מײַן קרענק, וועלכע כ'האָב פֿאַר זיי ביז איצט אויסבאַהאַלטן. נאָך וואָס זיי פֿאַרשטערן דעם יום־טובֿ?

איך כאַפּ זיך אַליין, אַז איך פּוץ זיך הײַנט מער ווי אַלעמאָל, איך קוק מער אין שפּיגל און קען מיך גאָרנישט דעצידירן אין וואָס פֿאַראַ קלייד כ'וועל שענער אויסזען.

אַ מאָדנער באַגער: כ'וויל הײַנט אויסנעמען מער ווי תּמיד... כ'וועל הײַנט זען פֿיל פֿרײַנד און באַקאַנטע דאָס לעצטע מאָל, און כ'וויל איבערלאָזן נאָך זיך דעם בעסטן אײַנדרוק, אַן אײַנדרוק נישט פֿון קיין דערשלאָגענער, קראַנקער, נײַערט פֿון אַ געזונטער און אַפֿילו אַ פֿריילעכער.

גלײַכצײַטיק אָבער מאַטערט מיך דער אומהיימלעכער געדאַנק: ווי אַזוי וועל איך מיך פֿילן אין דער אַטמאָספֿער פֿון פֿרייד און לעבן, איך, וואָס שטיי שוין אויף דער שוועל פֿון יענער וועלט?

שוין בײַם דערנענטערן זיך צום הויז פֿון אונדזערע פֿרײַנד, דערהערן מיר אַ הילכיקן געטומל פֿונעם פֿאַרזאַמלטן עולם.

מיר גייען אַריין אין שטוב. די פריידיקע בעלי־בתים קומען אונדז אַנטקעגן.

דער גרויסער סאַלאָן איז פאַרגאָסן מיט ליכט; עס בלענדט אין די אויגן דאָס שניי־ווייסע טישטעך, פול מיט קרישטאָלענע גלעזער און פּילפּאַרביקע פלעשער, באַגילדעטע געשיר און זילבערנעם טיש־געדעק, אַ סך געשמאַקע מאכלים און פאַרשידענע געטראַנקען. אַרום זשומעט עס מיט גערעדעריי און געלעכטער.

ווי פּאַס איך אַריין אין דער פריילעכקייט? ווי קום איך אין דעם ברויזנדיקן לעבן, איך, וועלכע טראָג אין זיך אַ קאַנסער? ווי באַהאַלט מען אויס דאָס חושכדיקע פּנים?

אַ מינוט בלייב איך שטיין. מיין מאַן קוקט אויף מיר און פאַרלירט זיך אַ ווייל. אָבער די האַרציקייט און אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע פריינד ראַטעווען אונדז פון פאַרלעגנהייט.

דער אַנטקעגנגעטראָגענער „לחיים”, די וואַרעמקייט מיט וועלכע זיי רינגלען אונדז אַרום, צעטרייבן מיין צעמישטקייט.

איך זעץ זיך אַוועק ביים טיש. ס'פּאַלט מיר פלוצלינג איין, אַז דאָס איז מיין לעצטע סעודה פאַרן טויט. כ'סערוויר מיר און לאָז מיך באַדינען מיט די געשמאַקע זאַכן און נאַשערייען.

כ'באַטראַכט די אַרומיקע. יעדער גייט אַנטקעגן זיין צוקונפט מיט פרייד און האָפענונג. אַלע פיבערן מיט לעבן און טראַכטן אפילו נישט וועגן טויט, נאָר איך איינע... ווי אויסטערליש אומגערעכט איז דער גורל צו מיר!

מיך נעמט שטיקן אין האַלדז.

— וואָס פאַראַ ווייַן טרינקסטו? — פרעגט מיך דער בעל־שמחה מיט אַ פלאַש אין האַנט.

איך בעט דעם וואָס ער האַלט גראַד אין דער האַנט, כדי אויסצומיידן צו רעדן אַ סך.

מיט איין צי ליידיק איך אויס מיין כוס. ס'הייבט מיר אָן צו ברענען און דרייען אין קאָפּ. אפשר זאָל איך נאָך טרינקען און דערטרינקען דעם זויפערישן ראַק? אינטערעסאַנט וואָס פאַראַ ווירקונג איבט אויס אַלקאָ־האָל אויף אַ קאַנסער? אפשר שטאַרקט ער אים גאָר?

מיין מאַן באַמערקט מיין פאַרטראַכטקייט און וויל מיך צעשטרייען, אָבער איך הער וויניק, וואָס ער רעדט און וועב ווייטער מיין פר?ערדיקן געדאַנק. איז באַוויזן, אַז די קראַנקייט איז מער פאַרשפרייט צווישן אַל־קאָהאָליקער ווי צווישן אַבסטינענטן? גאַרישע טראַכטענישן — דערוועקט זיך אין מיר דער געזונטער שכל.

(שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַן איבערמאָסיקע קאָנסומציע פון אַלקאָהאָל קען האָבן אַ השפּעה אויף דער אַנטשטייונג פון קאַנסער).

מ׳הייבט טאָאַסטן.

אַזוי וועט עס אויסזען אויך איבער אַ יאָר, נאָר איך וועל שוין נישט זיין — טויכט אויף אין מיר די שטאַרקע שרעק.

— איך וויל מ׳זאָל מיך דערמאָנען.

כ׳שטעל זיך אויף, האַלטנדיק אין דער ציטערנדיקער האַנט אַ פול גלעזל.

— מיר זאָלן זיך אַלע באַגעגענען מיט אַ גוט געזונט דאָס קומענדיקע יאָר! — הייב איך מיין כוס.

דער אויפגעהייטערטער עולם כאַפּט אונטער דעם ווונטש, נישט אַריינ־לייגנדיק אין אים קיין באַזונדערן אינהאַלט; אָט אַזוי זיך אַביסל אויסצו־שרייען.

איך זעץ זיך אַוועק אַ צאַפּלדיקע. כ׳זע שוין מיט די אויגן פון מיין נשמה אַן ענלעכע מסיבה איבער אַ יאָר, און הער ווי פון פאַרשידענע זייטן דערמאָנט מען מיין נאָמען, מיין טאָאַסט און מ׳גיט אַ זיפץ — נעבעך, נישט דערלעבט!

איך טרינק פון אַלץ מיט וואָס מ׳איז מיך מכבד. וויין, ביר, ליקאָר, וויסקי, שאַמפּאַן. איך טרינק היינט מער ווי תמיד. מיין מאַן האַלט מיך איין.

— וועסט דאָך ווערן שכור — קוקט ער אויף מיר לאַכנדיק, אַליין שוין אַ באַרוישטער פון טרינקען אַן איבעריק כוסעלע.

אונטערן איינדרוק פון דער משקה צעבינדט זיך מיין צונג. איך טייל זיך מיט מיינע שכנים מיט אַנגענעמע זכרונות פון דעם גליקלעכן אַמאָל, פון די יוגנטלעכע און סטודענטישע פאַרווייליונגען. די איינדרוקן וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דער מאָמענט, ווען כ׳האָב ס׳ערשטע מאָל אין

מיין לעבן פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון ביטערן טראָפּן... כ׳דערצייל אויך קאָמישע דערינערונגען פֿונעם קלאַסישן לאַנד פֿון „וואָדקאַ“.

די געסט וואָס זיצן נאָענט צו אונדז רעאַגירן מיט געלעכטער און אַליין הייבן זיי אויך אָן אַרויסצוברענגען זייערע שכּרותדיקע פּאַסירונגען. כ׳הער זיך צו מיט אינטערעס צו זייערע רייד. נאָר פֿון צייט צו צייט גיט מיר אַ שטאָך די מחשבה: דאָס לעצטע מאָל... דאָס לעצטע נאַכטמאָל...

ס׳איז שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט. דער עולם קלייבט זיך פֿונאַנדערצוגיין. אויך מיר געזעגענען זיך מיט דער האַרציקער און סימפּאַטישער באַלעבאָסטע, מיט דעם גוטן באַלעבאָס און מיט די געסט. איך באַשיט יעדן באַזונדער מיט ווינטשעוואַניעס ווי אַן אַלטפֿרענקישע ייִדענע.

אויפֿן וועג אַ היים מאַך איך דעם אָנשטעל פֿון אַ שלעפֿעריקער. כ׳לאָז לויפֿן מײַנע געדאַנקען פֿון דער פֿינצטערער קעגנוואַרט צו דער האָפֿענונגס־פֿולער פֿאַרגאַנגענהייט און שפּרונג איבער צו דעם מאָרגן... אָן אַ מאָרגן...

מיר לייגן זיך שלאָפֿן. איך גרייט מיך בסוד נאָך אַמאָל איבערצולייענען דאָס אַרטיקל וועגן דעם אויסגעהיילטן קאַנסער־קראַנקן. אַזוי ווי כ׳דערהער מײַן מאַנס רעגולערן אָטעמען פֿון שלאָף, בלעטער איך שוין מיט פֿיבערדיקע פֿינגער די כּמעט פֿון אויסנווייניק באַקאַנטע שורות. ס׳איז נישט קיין פּשוט לייענען. ס׳איז אַ דאַווענען... און הגם כ׳קען שוין אַזוי גוט די דאָזיקע געשיכטע, ווירקט זי יעדעס מאָל אויף מיר אויפֿטרייסלענדיק. אַלע מאָל געפֿין איך נײַע, מערקווירדיקע דעטאַלן. מיר קלאַפּט דאָס האַרץ ווי מיט אַ האַמער ביים לייענען די לעצטע פּסוקים, וועלכע דערציילן וועגן היינטיקן בעסטן געזונט־צושטאַנד פֿון דעם העלד.

בשעת איך שלינג די קליינע און הייליקע אותיות, צעפּלעמלט זיך אַ פּייערל פֿון בטחון: מײַן פֿאַל איז אַ לײַכטערער. איך האָב נישט קיין ווייטיקן, איך האָב נישט קיין פֿיבער. אויב יענער פּאַציענט איז געבליבן לעבן, פֿאַרוואָס־זשע זאָל איך שטאַרבן? אָבער ווידער דערוואַכט אין מיר די טאָרטור פֿון צווייפֿל, ביז... ביז דער געבענטשטער שלאָף שטילט אײַן דעם אינערלעכן געראַנגל.

XIV

ערב דער אָפּעראַציע

איך עפן די אויגן מיט אַ זייער שווער געמיט. ווי אַ שטיין וואָלט מיר געלעגן אויפן האַרץ. כ׳דערפיל ווי כ׳וואָלט געהאַט הויכע טעמ־פעראַטור. דער קאָפּ ברענט, הענט און פיס טרייסלען זיך. די שרעק דרייט מיר איבער די אינגעווייד. כ׳טו זיך גיך אָן, אויסמיידנדיק מיין מאַנס בליק. כ׳קוק זיך אַרום איבער דער שטוב. איך צערטל יעדע זאַך מיט די אויגן, געזעגן זיך מיט אַלץ. כ׳שפיר ווי ס׳ברויזט אין מיר אַ מוראדיקער שטו־רעם, וואָס וועט באַלד צעשטערן אַלע טאַרמאָזן.

גיך, גיך אַרויס פון שטוב! נישט איינברעכן זיך פאַר דער צייט!

כ׳פּאַק איין עטלעכע נייטיקע זאַכן פאַר דער קליניק. מיט אַ באַזונדערן ציטער, ווי אַ גלויביקער — די ביבל, נעם איך אויך מיט די צייטשריפט מיט דער באַשרייבונג פון דעם אויסקורירטן קאַנסער־קראַנקן.

אפשר אויך איך אַזוי?...

כ׳לייג אויך צו פּאַפּיר צו שרייבן מיין לעצטן ווילן.

גיכער! גיכער! די טרערן שפּאַרן זיך שוין, ס׳שטיקט אין האַלדז. נאָך אַביסל און כ׳וועל זיך צערעווען ווי אַ פאַרווונדעטער אָקס.

האַלט זיך נאָך אַ רגע! — בייס איך די ליפּן ביז בלוט.

ס׳איז נאָך געבליבן דער דראַמאַטישסטער מאָמענט — די געזעגענונג מיט מיין מאַן.

כ׳האָב זיך אָפּגעשמועסט מיט אים אָפּצולייגן די אָפּעראַציע, הגם כ׳וויס פאָרויס, אַז כ׳וועל עס נישט טון.

מיך מאַטערט וואָס איך נאַר אים אַזוי העסלעך, אָבער כ׳האָב נישט קיין ברירה. איך קען מער נישט לעבעדיקערהייט ברענען אין גיהנום.

— זיי רויִק! — זאָג איך צו אים — טראַכט נישט איבער וועגן מיר! כ׳וועל האַנדלען ווי מיר האָבן באַשלאָסן.

— גיב מיר באַלד צו וויסן דעם רעזולטאַט — זאָגט ער מיר מיט אַ געריירטער שטים.

— אוודאי, אוודאי — שרייט פון מיר אַרויס אַ דיבוק.

אַ קורצער קוש — נאָר נישט צעגיין זיך אונטער דער וואַרעמקייט. און כ׳בין ווי אַ קאַץ אַרויסגעשפּרונגען אויף דער גאַס. אָנגעטון די טונקעלע ברילן, אַריין אין אַ זייטן־געסל און תיכף האָט זיך דער קוים־איינגעהאַלטענער ספּאַזם פון מיר אַרויסגעריסן מיט אַ סאַפּענדיקן כליפּען.

די טרערן קילן אַביסל דעם פיבער אין דער נשמה.

איך פאָר אין דער סאַנאַטאָריע.

אַ טאָג — אַ פּראַכט. אַלץ באָדט זיך אין זוניקן ליכט. אויף דעם קלאָרן הימל — נאָר איין וואָלקנדל. דאָס כמאַרעלע הענגט איבער מיר אַליין... אַרום מיר ראַיעט מיט לעבן.

אַ האַרציק לאַכן צעקלינגט זיך נעבן מיר; כ׳בייג אַראָפּ דעם קאָפּ, אַז מייַן פינצטער געמיט זאָל נישט אָפּשרעקן די אַרומיקע און נישט אָפּהאַקן אין דער מיטן זייער געלעכטער.

„אַנטשולדיקט, וואָס איך לעב״ — בליצט אויף אין מיין זכרון די באַקאַנטע, טראַגישע פראַזע.

***

כ׳קום אָן אין דער סאַנאַטאָריע. עס איז אַ שיינע, ריזיקע געביידע, ממש אַ פּאַלאַץ. עס פינקלען די שפּיגלען און די זשיראַנדאָלן. עס פאַרכאַפּן דאָס אויג די פרישע, בונטע בלומען, די רויטע טעפּיכער, די באַקוועמע, געבעטע שטולן. אַ שפּיל פון זון און שאָטנס אויף די העלע מאַרמאָר־פּלאַטן פון די גלאַטיקע ווענט.

אונטן, אין וועסטיבול, זיצן שוין צוויי קראַנקע און וואַרטן. איינע איז אַ יונגע, מיט אַ פּנים געל ווי וואַקס, אָנגעלענט אויפן אָרעם פון אַן עלטערער פרוי, מסתמא איר מוטער. פון דעם האַלב־אָפּענעם מויל פון דער ייִנגערער

רייסט זיך אַ שווער אָטעמען. די אויגן אירע, האַלב־געשלאָסן, פּיבערן מיט היץ. דער צווייטער קראַנקער — אַן עלטערער, אויסגעדאַרטער מאַן מיט טיף איינגעפאַלענע אויגן און שאַרף אַרויסשטאַרטשענדיקע קין־באַקן.

פון אָט די מענטשן האָט אויף מיר אַ ווייע געטון מיט אומהיימלעכ־קייט. באַלד וועלן זיי פאַרנעמען די באַשטימטע בעטלעך. אין דער אַדמיני־סטראַציע דערליידיקט מען פאַר זיי די פאָרמאַליטעטן.

איך פרעג אויפן ד״ר ק. ער איז אויפן אויבערשטן גאָרן. וויזיטירט זיינע קראַנקע.

איך שפּאַן נערוועזיש אַהין און צוריק: וואָס טו איך דאָ צווישן אַזעלכע שווער־קראַנקע? כ׳באַטראַכט זיך אויפמערקזאַם אין שפּיגל.

— ניין, כ׳זע בשום אופן נישט אויס ווי אַ געפערלעכע חולה. דער חותם פון טויט איז נישט קאָנטיק אויף מיין פּנים.

אַלע מיינען, אַז איך בין געקומען באַגלייטן אַ קראַנקן. קיינעם פאַלט נישט איין, אַז איך אַליין קען זיין די פּאַציענטין.

עס באַווייזט זיך מיין דאָקטאָר. ווידער זיין שטראַלנדיקער שמייכל. ער באַגריסט מיך.

— איר זענט געקומען אַליין? — פרעגט ער מיך פאַרוווּנדערט.

— יאָ, דאָקטאָר — זאָג איך — כ׳וואָלט זיך נישט געוואָלט היינט אָפּערירן.

כ׳ציִ אַרויס מיין „ספּרל״ און רעד ווייטער:

— אפשר קען מען דאָך פּרוּוון מיך היילן מיט שטראַלן? אָט האָב איך געליינט... אַ שווער קראַנקער געווען, געהאַט שטאַרקע ווייטיקן, הויכע טעמפּעראַטור, מ׳האָט אים אויסקורירט מיט עקיס־שטראַלן.

— אַ זשורנאַליסטישע קאַטשקע — איז זיין ענטפער. — מ׳דאַרף פריִער אָפּערירן און שפּעטער אָנווענדן שטראַלן. מיר מוזן אַרבעטן אויפן סמך פון וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, און נישט ווערדליק זשורנאַליסטישע מעשיות.

אונטער מיינע פיס הייבט זיך אָן צו וואַקלען דער באָדן.

— אָבער דאָקטאָר, מיר טוט דאָך גאָרנישט וויי, כ׳פיל זיך גוט.

אַ קראַנקער מיט זיינע קרובים רינגלען אַרום דעם ד״ר ק. און ער נעמט זיך זיי באַגלייטן מיט דער ווינדע.

פאַרן אָװעקגײן װענדט ער זיך צו מיר:

— סוף־כּל־סוף קען איך קײנער נישט צװינגען. ס׳װאָלט פון דעסט־װעגן בעסער געװען פאַר איך זיך צו לאָזן אָפּערירן.

און ער פאַרשװינדט.

איך בלײב אַ צעטומלטע. װאָס זאָל איך טון? כ׳בין איצט אַזױ שרעקלעך פאַראײנזאַמט!

אַ, ד״ר ג.! איך רוף אים אָן טעלעפאָניש.

— װאָס מאַכט איר? — איך דערהער אַ װאַרעמע װיבראַציע אין דעם טעלעפאָן־טרײבל. — כ׳האָב געװאַרט אויף אײער טעלעפאָן — קלינגט װײַטער זײַן שטים. — די ראַדיאָגראַפיע איז אַרױסגעקומען גוט, די פאַר־האַרטונג געפינט זיך נישט טיף.

װי אַ באַלזאַם װאָלט זיך צעגאָסן אויף אַ בלוטנדיקער האַרץ־װוּנד. כ׳בין גערירט פון זײַן מענטשלעכן אינטערעס. כ׳ברענג פאַר אים אַרױס מײַנע ספקות, מײַן אינערלעכן געראַנגל און בעט בײַ אים אַן עצה: װאָס טון?

— מ׳דאַרף אָפּערירן! — ענטפערט ער מיר מיט געדולד און פאַר־שטענדעניש פאַר מײַנע לײַדן. — בעסער װאָס פריִער, נישט אָפּלײגן! — גיט ער צו אַנטשלאָסן.

— אַ דאַנק, דאָקטאָר! כ׳װעל זיך הײַנט אָפּערירן! — פּרעס איך פון מיר אַרױס די נאַר־װאָס רײַף־געװאָרענע דעציזיע.

איצט מוז איך אָנשטרענגען אַלע מײַנע כּוחות אײַנצוהאַלטן די זעלבסט־באַהערשונג. שטאַרקן מײַן װילן — פון די געפילן באַפרײַען די געפּענטעטע לאָגיק.

עס איז אײַנגעשטילט געװאָרן דער שטורעם, װאָס האָט געריסן מײַנע געדאַנקען און אָנגעיאָגט אַ פּאַניק.

כמעט באַרויקט גײ איך אין דער אַדמיניסטראַציע דערלײדיקן די נײ־טיקע פאָרמאַליטעטן. דערנאָך זעץ איך זיך אַװעק װאַרטן אויף מײַן דאָקטאָר.

אָט קומט ער. כ׳גײ אים אַנטקעגן.

— דאָקטאָר, כ׳בין דעצידירט זיך צו אָפּערירן.

— זײער גוט האָט איר געטון — ענטפערט ער און נעמט מיך אַרום הײמישלעך — שרעקעװדיקע! — רומט ער מיר אײַן, לאַכנדיק צו מיר.

— דאָקטאָר, כ׳האָב אײן בקשה צו אײַך. זאָגט מיר צו, אַז פאַר דער

אָפּעראַציע וועט איר קיינעם פון מיינע נאָענטע נישט אַנטדעקן מיין אמת־דיקע קראַנקייט. כ׳וויל זיי פאַרשפּאָרן די פּיין פאַר דער צייט.

איין רגע קוקט ער מיך אָן מיט ברייט צעעפנטע, ערנסטע און פאַרוווּנדערטע אויגן. אָבער באַלד נעמט ער אין זיין ברייטער האַנט מיינע, וועלכע כ׳האַלט אויסגעשטרעקט צו אים. ער גיט אַ פעסטן דרוק און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— גוט, כ׳זאָג אייך צו.

די שפּאַנונג האָט זיך אויפגעלייזט. כ׳בין אויסגעליידיקט.

***

מ׳ווייזט מיר אָן אַ צימער. עס איז גרויס, באַקוועם. אַ בעט, אַ סאָפע, אַ טיש, אַ נאַכט־שענקל. אָבער טונקל — אַראָפּגעלאָזט די שאַלוזיעס.

כ׳בעט די קראַנקן־שוועסטער אויפצוהייבן דעם לאָדן. זי מעסט מיך אָפּ מיט אַ לאַנגן, פאַרחידושטן בליק.

— פאַרוואָס? — פרעג איך זיך אַליין. ווייסט זי שוין, וואָס פאַראַ פּאַציענטקע איך בין און ס׳וווּנדערט זי מיין דרייסטקייט? האָט זי דערוואַרט אַ דערשלאָגענע חולה, וואָס וועט שטילערהייט זיך אַריינלייגן אין פינצטערן בעט?

די קראַנקן־שוועסטער הייבט אויף דעם לאָדן ביז צו דער העלפט. אַ בינטל ליכט פאַלט אַריין אין צימער.

וואָס טוט מען מיט זיך? די עטלעכע זאַכן, וואָס כ׳האָב מיטגענומען אויף יעדן פאַל, לייג איך אַריין אין דעם נאַכט־שאַפקעלע און אין דער וואַנט־שאַנק.

און ווו זאָל איך לייגן די צייטשריפט — מיין „סידורל״ — אַז די מיינינקע זאָלן עס נישט דערזען? כ׳באַהאַלט עס אין נאַכט־קעסטל און פאַרדעק עס מיט אַנדערע זאַכן.

כ׳טו אויס דעם זשאַקעט, זעץ זיך אויף דער קושעטקע. מ׳קומט ביי מיר נעמען די פעלנדיקע אַנאַליזן.

— דענערווירט זיך נישט! — זאָגט מיר דער גוטמוטיקער באַקטעריאָלאָג — דער עיקר, האַלט זיך! אַלץ וועט זיין גוט!

— כ׳בין רויק — ענטפער איך אַן אויסגעלאָשענע.

דער פינגער, אין וועלכן דער דאָקטאָר האָט געגעבן אַ שטאָך, ציט מיך, טוט וויי. אַ מאָדנע באַשעפעניש דער מענטש! אַ באַרג פאַלט דיר אויפן קאָפּ, און דו פילסט נאָך וויטיקלעך... אַ שטאָך פון אַ נאָדל!...

און איצט וואָס זאָל איך טון? קודם־כל געבן צו וויסן מיין מאַן, מיינע קרובים און אונדזערע פריינד. כ׳מוז עס מאַכן קורץ און טרוקן, אָן עמאָציע. כ׳טאָר זיי נישט שטאַרק איבעראַשן. מ׳רופט מיך צום טעלעפאָן. כ׳פאַרנעם די ליבע שטים פון מיין מאַן, פון וועלכער ס׳הערט זיך אַ ציטערדיקער בייקלאַנג פון אומרויִקייט און נייגיר.

— יאָ, אַלע ראָטן מיך צו אָפּערירן — זאָג איך אים מיט דעם מילדסטן טאָן, וואָס כ׳בין נאָר אין שטאַנד אַרויסצוברענגען, — און אַז איך בין שוין דאָ, איז גלייכער טאַקע היינט, וועל איך עס האָבן איבערגעקומען. ס׳וועט זיין אַ קליינער שניט. זיי רויִק! ס׳דראָעט נישט קיין שום סכנה.

— כ׳קום תיכף צו דיר — ענטפערט ער.

דער שוועסטער מאָמענט איז אַריבער. ס׳ווערט מיר לייכטער. איצט וואָלט איך געוואָלט דערליידיקן — מיין לויה. כ׳וויל אָנזאָגן, אַז מען זאָל מיך מקבר זיין לעבן מיין פריינדין, וועמענס פריצייטיקער און אומגעריכטער טויט האָט מיר אַרויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. ווי אַזוי קען איך דאָס איבערגעבן? יאָ, כ׳מוז דאָס אָנשרייבן אין מיין צוואה.

אָבער פריִער מוז איך אָנרופן טעלעפאָניש מיינע נאָענטע. כ׳וויל צו זיי רעדן מיט אַ רויִק, נאָרמאַל קול. כ׳וויים, בשעתן שרייבן מיין טעסטאַמענט, וועל איך זיך איינברעכן.

כ׳קלינג אָן צו מיינע קרובים און גיב זיי איבער אַ קורצע ידיעה, מער־וויניקער אין דעם זעלבן אופן ווי צו מיין מאַן.

כ׳רוף אָן אונדזער הויז־פריינד. ס׳איז קענטיק, ער איז גערירט פון דער בשורה. יאָ, פאַר אים און זיין פרוי, אונדזערע נאָענטסטע און געטרייעסטע פריינד, מיט וועלכע מיר האָבן זיך ערשט צוריק מיט אַ פּאָר שעה משמח געווען, איז עס געווען אַן אומגעריכטער קלאַפּ. כ׳בין זיכער, זיי וועלן באַלד קומען צו לויפן.

איצט פאַרבינד איך זיך טעלעפאָניש מיטן ד״ר ז. אונדזער אַ היימישער מעדיקער. אַ לויטערער מענטש מיט אַ וואָרעם ייִדיש האַרץ.

ער האָט זיך געשאַפֿן אַ גאַר אייגנאַרטיקן קוראַציע־סיסטעם. ער היילט קודם־כל די נשמה. אין דער באַקאַנטער מעדיציניִשער דעוויזע: "Mens sana in corpore sano" (אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער), לייגט ער דעם אַקצענט אויף איר ערשטער טייל. דער געזונט־געמאַכטער גייסט העלפֿט אים צו דערגרייכן אויך די געזונטקייט פֿון דעם גוף.

ד״ר ז. לענקט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון חולה פֿון זיין פיזי־שער שוואַכקייט און ווענדט די קראַנקע עמאָציעס אין אַ געזונטער ריכ־טונג. דעם קראַנקן היילט ער אויס, אַחוץ מיט די אומבאַדינגט נייטיקע מעדיקאַמענטן, אויך מיט אַ געשמאַקן וויץ, אַנעקדאָט, אַן אינטערעסאַנטע מעשׂה און סתם מיט אַ ליבן שמייכל.

ד״ר ז. ווייסט וועגן אַלע מיינע מיחושן. ער האָט מיר שוין געהייסן צעברעכן עטלעכע טערמאָמעטערס... וואָס וועט ער מיר איצט זאָגן? איך רוף נישט אָן מיין קראַנקייטביים נאָמען, אָבער ער שטויסט זיך אָן. ער זאָגט:

— אויב די דאָקטוירים האָבן איינשטימיק באַהויפּטעט, אַז ס׳איז נייטיק אַ באַלדיקע אָפּעראַציע, טוט איר זייער גוט, וואָס איר וואַרט נישט.

— כ׳וויל זיך געזעגענען מיט אייך, דאַנקען פֿאַר אַלץ, און אייך איבערשיקן מיינע בעסטע ברכות — שריי איך אַריין אין טעלעפֿאָן.

— פֿאַרוואָס אַזוי ערנסט? — פֿרעגט ער מיך.

— טויט־ערנסט — ענטפֿער איך צווייִדייטיק.

— נו, נו, נאָר נישט אַזוי טראַגיש. ס׳וועט זיך אַלץ פֿאַרענדיקן גוט. כ׳וועל צוקומען צו אייך, ווי באַלד כ׳וועל זיך באַפֿרייען.

דורך דעם קאַבל קריכן זיך קעגנזייטיקע ווונטשן.

פֿאַרענדיקט די טעלעפֿאָן־געשפּרעכן. ס׳איז מיר טרוקן אין האַלדז. ס׳איז שוין 11 אַזייגער. כ׳האָב נאָך היינט קיין טראָפּן וואַסער נישט גע־האַט אין מויל. כ׳בעט אַ גלאָז טיי. מ׳דערלאַנגט מיר צוזאַמען מיט דער טיי אויך אַ טונקל־ראָזע, לענגלעכע פּאַסטילקע, וואָס דערמאָנט מיך אין

דער פֿאָרעם אַ צינד־באָמבע אין מיניאַטור. אַ באַרויִקונג ־אָדער איינשלאָף־מיטל אוודאי.

כ׳זיץ אויף דער קושעטקע.

— איר לייגט זיך נישט? — וווּנדערט זיך די קראַנקן־שוועסטער.

— ניין! — ענטפֿער איך פֿעסט.

כ׳מיין: לייגן זיך אין בעט הייסט אָנערקענען זיך פֿאַר אַ קראַנקע, און איך וויל עס נאָך אַלץ נישט. מיט מיין עקשנותדיקן זיצן אויף דער סאָפֿע, וויל איך אויסדריקן אַ מין פּראָטעסט קעגן דעם פֿאַרוואַנדלען מיך אין אַן אמתדיקער חולה.

כ׳נעם פּאַפּיר, די פֿעדער און וויל אָנהייבן שרייבן מיין געזעגעגונגס־בריוו. אַ חידוש, איך ציטער נישט אויף דערביי. עס צעטרייסלען זיך נישט אַלע מיינע אברים. אַ צופֿ ביים האַרצן, אַן אומרויִקייט, אָבער נישט קיין ווילדער אויפֿברויז. דאָס איז שוין זיכער די ווירקונג פֿון דער איינגעגעבענער פּאַסטילקע.

אָט איז שוין אָנגעשריבן דאָס קעפּל. פֿון וואָס זאָל איך אָנפֿאַנגען? עס פּלאָנטערן זיך פֿאַרשידענע געדאַנקען, וועלכע כ׳בין נישט בכוח צו קאָאָרדינירן. אין מיטן פֿון דעם געקנויל פֿון די מחשבות שלייכט זיך פּלוצים אַריין אַ שטראַל האָפֿענונג. אפֿשר איז גאָר די גאַנצע שריפֿט איבעריק? כ׳וועל מעגלעך בלייבן לעבן און זיך נאָך דאַרפֿן שעמען מיט דעם דאָקומענט מיינעם? און ווידער פֿאַלט מיר איין אַ מאָדנער געדאַנק: אפֿשר וועל איך טאַקע איבערלעבן, נאָר אַ שטאַרק אָרומגעשניטענע, אַ צעקאַליעטשעטע און אַן אומבאַהאָלפֿענע קאַליקע אויפֿן גאַנצן לעבן? אַ שאָד — טראַכט איך — וואָס כ׳קען איצט נישט זען מיין דאָקטאָר. כ׳וואָלט אים געבעטן, אַז אויב ער וועט בשעת דער **אָפּעראַציע איינזען** די נייטיקייט אַ סך צו שניידן, זאָל ער מיך ליבערשט לאָזן שטאַרבן אונטערן מעסער. אָבער באַלד וואַרף איך אָפּ דעם געדאַנק. ס׳איז נישט טאַקטיש און אויך נישט מאָראַליש פֿון מיין זייט צו פֿאָדערן פֿון אַ מעדיקער, ער זאָל באַגיין אַזאַ מין טאַט.

אַ קלאַפּ אין דער טיר צעטרייבט מיינע געדאַנקען.
אויף דער שוועל באַווייזט זיך מיין שוועסטער.

אַ צעמישטע, ווי געכאַפּט אויף אַן עבירה, פֿאַרבאַהאַלט איך אויף שנעל דאָס בלעטל פּאַפּיר אינעם טיש־קעסטל אַריין.

— וואָס טוסטו? — פֿרעגט זי.

— כ׳האָב געוואָלט שרייבן אַ בריוו צו מײַנע פֿרײַנד.

— אַן אײַנפֿאַל! — לאַכט זי פֿון מיר.

זי באַרויִקט מיך, טרייסט מיך.

— ס׳איז דאָך אַזאַ קלייניקייט — הער איך.

— כ׳דענערווירט זיך שוין נישט — ענטפֿער איך מײַן שוועסטער.

כ׳בין נישט צופֿרידן, וואָס זי האָט זיך צוגעאײַלט מיטן קומען און מיר געשטערט מײַן פּלאַן. ווען וועל איך סוף־כל־סוף אָנשרײַבן מײַן צוואה? באַלד וועט דאָך אָנקומען אויך מײַן מאַן און אַנדערע קרובים, פֿרײַנד. כ׳הייב אָן צוצורעדן מײַן שוועסטער זי זאָל אַהיימגיין מיטאָג עסן.

— ניין, אפֿשר שפּעטער, ווען ס׳וועט עמעצער קומען — טענהט זי.

דערווײַל סערווירט מען מיטאָג אין דער סענאַטאָריע. מיר דערלאַנגט מען ווידער אַ גלאָז טיי מיט אַן ענלעכער פּיל, ווי פֿריִער. פֿאַר דער אָפּעראַציע טאָר מען נישט עסן.

כ׳נעם אײַן די פּיל, טרינק אויס די טיי און עס הייבט מיך אָן צו ציִען אין בעט אַריין.

— לייג זיך! — רעדט מיך צו די שוועסטער.

כ׳בין זייער שלעפֿעריק. כ׳גיב אויף מײַן „פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע״ קעגן בעט... כ׳טו זיך אויס און לייג זיך אַריין אין דעם באַקוועמען, ווייכן געלעגער. מײַן שוועסטער רעדט צו מיר, אָבער איך באַגרײַף שוין נישט וואָס. אויסגעשעפּט פֿון אַזוי פֿיל שלאָפֿלאָזע נעכט און פֿון די איבערלעבענישן, גיט זיך מײַן אָרגאַניזם לײַכט אונטער דער ווירקונג פֿון די באַטויבנדיקע מיטלען.

איך כאַפּ אַ קורצן, אָבער געשמאַקן, דערפֿרישנדיקן דרימל.

מײַן מאַן איז שוין דאָ. כ׳פֿאַרענטפֿער זיך פֿאַר אים, וואָס כ׳האָב נישט געהאַלטן אונדזער אָפּמאַך אָפּצולייגן די אָפּעראַציע.

— אויב דו ווילסט, קען איך נאָך אַהיימגיין — זאָג איך, ווייסנדיק אַז ער וועט שוין איצט נישט מסכים זײַן אויף דעם.

— זאָל שוין זײַן אַזוי, און זאָל עס דורכגיין בשלום!

כ׳קוק אויף אים און אויף מיין שוועסטער רויק און באַהערשט. דער געדאַנק אַרבעט נאָך, אָבער דאָס געפּיל, די נערוון זענען אָפּגעטעמפּט. מאָמענטנווייז רוקן זיך אָפּ פון מיר זייערע ליבע פּנימער אַלץ ווייטער, ווייטער, און איך פאַל אַריין אין אַ האַלב־דרימלענדיקן צושטאַנד.

אין די מאָמענטן פון אויפוואַכונג קלער איך מיט פאַרדרוס וועגן דעם, אַז איך וועל שוין נישט האָבן קיין מעגלעכקייט אָנצושרייבן דעם פאַרטראַכטן געזעגענונגס־בריוו, מיין צוואה. באין ברירה וועל איך עס מוזן איבערגעבן מינדלעך די לעצטע מינוטן פאַר דער אָפּעראַציע, כדי פריער נישט אַריינצוברענגען קיין קאָנסטערנאַציע.

איך גלייב, אַז פאַר דער אָפּעראַציע וועט מען מיר געבן אַ קורצע צייט זיך צוצוגרייטן, וועל איך דעמאָלט אויסנוצן די געלעגנהייט אויף אויסצופירן מיין פּלאַן.

כ׳מוז צופּאַסן אַ געהעריקע פאָרעם, אַ לייכטע, אַ שפּאַסיקע. זאָלן זיי ערשט שפּעטער באַנעמען די ערנסטקייט פון מיין כוונה.

דערווייל פאַרפולט זיך דאָס צימער מיט מיינע נאָענטע. כ׳בין שוין קיין איין מינוט נישט אַליין. מ׳קומט אַריין אין צימער, מ׳וואַרט אין קאָרידאָר. אַן אומאויפהערלעכע באַוועגונג אַהין און צוריק. אלעמענס בליקן זענען פול מיט האַרציקייט און זאָרג.

איצט שפּיר איך זיך גאַנץ רויק. ס׳פאַרשאַפט מיר אַ הנאה, וואָס מיין האַרץ ווערט מער נישט געפּייניקט. כ׳בענטש די ראָזע פּילעכלעך, וואָס הגם זיי זעען אויס ווי בראַנד־באָמבעלעך, האָבן זיי פאַרלאָשן מיין אינערלעך פייער.

שוין לאַנג זיך נישט געפילט אַזוי גוט. ס׳איז מיר אָנגענעם אין דער אַטמאָספער, וואָס איז אָנגעוואָרעמט מיט ליבשאַפט און פריינדשאַפט.

כ׳בין צופרידן, וואָס כ׳דאַרף נישט אונטערהאַלטן קיין געשפּרעך מיט מיינע טייערע געסט. כ׳שמייכל נאָר צו זיי, כ׳אַנטשולדיק זיך פאַר דער נישט קאָרעקטער אויפנאַמע — די פּילן ווירקן שוין ווי אַ נאַרקאָז און איך כאַפּ אָפּט א לייכטן דרימל.

מיין מאַן און די שוועסטער האָבן אונטן געשמועסט מיט ד״ר ק. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט פאַרפלאַמטע, מיט אומרו צוקנדיקע פּני־

מער. כ׳גלייב, אַז דאָס איז פּשוט פון שטאַרקן רושם. דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צו האַלטן סוד.

עס קומט אַ צווייטער מעדיקער צוגרייטן בלוט פאַר דער טראַנספּו־זיע. אַלע באַטן אָן גרייטקייט מיר צו שענקען זייער בלוט. כ׳בין טיף גערירט פון דער געטריישאַפט. אָבער איינער נאָכן צווייטן קערן זיי זיך צוריק ווי פאַרשעמטע — זייער בלוט איז פון אַן אַנדערער גרופּע.

איך וויצל זיך: אַוודאי, אין מיינע אָדערן פליסט דאָך בלוי בלוט... ענדלעך נאָך לאַנגער זוכעניש האָט מען געפונען בלוט צו דער צופרידנ־קייט פון טראַנספּוזיסט.

מיט דער פאַרבליבענער, מאַקסימאַלער סענסיביליטעט שפּיץ איך אָן די אויערן אין דער ריכטונג פון דער טיר. איך וואַרט אויס דעם לעצטן מאָמענט אויף צו מאַכן מיין צוואה.

און אָט קומען צוויי קראַנקן־שוועסטער. איך ציטער אויף — שוין... כ׳פרעג זיי איבער:

— וועט מען מיך באַלד אָפּערירן?

— ניין. צוערשט פירט דער דאָקטאָר דורך אַן אַנדערע אָפּעראַציע.

— ווי לאַנג דאַרף איך וואַרטן?

— אַנדערהאַלבן ביז צוויי שעה — אינפאָרמירט מיך די קראַנקן־שוועסטער.

— וועט מען מיר מודיע זיין אַ געוויסע צייט פריִער, כ׳זאָל זיך באַוויזן צוצוגרייטן? — פרעג איך ווידער.

— יאָ, סעניאָראַ.

אויב אַזוי האָב איך נאָך גענוג צייט אויסצופירן מיין פּלאַן — טראַכט איך צופרידן.

ד״ר ג. איז געקומען מיך באַזוכן. ער דריקט מיר וואַרעם די האַנט.

— ס׳פרייט מיך, וואָס איר האָט זיך באַשלאָסן צו אָפּערירן — זאָגט ער מיר שמייכלענדיק. ער גראַטולירט מיר אפילו פאַר דער שנעלקייט פון מיין דעציזיע.

איך וווּנדער זיך: גלייבט ער טאַקע אין אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט? און ווידער דער עקשנותדיקער שוואַרצער געדאַנק: נישט אָפּערירן איז דאָך אַ זיכערער טויט נאָך אַ קורצן פּעריאָד פון פּיינפולע ליידן. איז שוין גליי־

כער צו אָפּערירן — און... אָדער עס קומט אַ שנעלער, נישט ווייטיקלעכער טויט, אָדער... אפשר, אפשר געשעט אַ נס און מ׳בלייבט לעבן.

***

מיין מאַן און מיין שוועסטער טרעטן נישט אָפּ פון מיר אויף קיין רגע. זיי צערטלען, טרייסטן און דערמוטיקן מיך. כ׳שפּיר ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיר אָפּגעבן אַ שטיק פון זייערע לעבנס.

כ׳האַלט צוגעמאַכט די אויגן, כ׳האָב מורא פאַר זייערע דורכדרינגלעכע בליקן. צוביסלעך דרימל איך אין דער אמתן און צוביסלעך מאַך איך אַזאַ אָנשטעל.

פּלוצלינג דערהער איך אַ לעבהאַפטן מורמל צווישן מיינע געסט, וואָס האָבן ביז איצט גערעדט שעפּטשענדיק. מ׳פירט אַריין אַ בעטל. די קראַנקן־שוועסטער בעט אַלעמען צו פאַרלאָזן דאָס צימער. מ׳הייסט מיר איבערגיין אויפן צווייטן בעטל מיט די רעדלעך. מ׳מאַכט מיר אויפמערקזאַם אַראָפּצונעמען דאָס זייגערל פון דער האַנט. כ׳וואַרף אַ בליק אויפן זייגער: 16 מיט 20 מינוט.

— שוין צו דער אָפּעראַציע? — פרעג איך מיט שרעק.

— יאָ, אַלץ איז שוין פאַרטיק. מ׳וואַרט שוין אונטן אויף אייך.

סאַראַ ביטערע אַנטוישונג! די פאַרטויבטע חושים האָבן אויף אַ מאָמענט ספּאָנטאַן אויפגעוואַכט. אַ שטורעם האָט ווידער צעוויגט מיין נשמה. איך בעט, אפשר קען מען צוואַרטן עטלעכע מינוט. מ׳האָט דאָך מיך פאַרזיכערט, אַז מ׳וועט מיר געבן צו וויסן אַ געוויסע צייט פאַר דער אָפּעראַציע.

— קיין איין סעקונדע נישט. מיר ווייסן גאָרנישט — ענטפערן זיי אומגעדולדיק.

כ׳פאַרשטיי... ס׳האָט שוין געשלאָגן די שעה... איך פאָר שוין אַראָפּ אין אָפּעראַציע־זאַל.

כ׳גיי אַוועק אויף אייביק פון מיין טייערן מאַן, מיינע ליבע שוועסטער, קוזינעס, האַרציקע פריינד. כ׳גיי אַוועק אָן אַ וואָרט פון געזעגענונג. ווי שרעקלעך מיאוס!

נישט באַוויזן צו געבן קיין געהעריקן זין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן, נישט דערגרייכט דעם ציל איבערצושמידן די אַזוי לאַנג פאַרטראַכ־טע מחשבות אין א רעאַליטעט.

— —

מ׳פירט מיך שוין אַרויס. מיין מאַן לויפט צו צו מיר. ער גיט מיר מיט זיינע לעצטע קושן און ברכות. זיינס אַ הייסע טרער קייקלט זיך איבער מיין באַק.

— בלייב געזונט! זיי גליקלעך! — בעט איך מיט מיין גאַנצן וועזן פאַר זיין צוקונפטיקן גורל.

קיינער פון זיי ווייסט נישט, אַז זיי וועלן מיך שוין לעבעדיקערהייט נישט זען. כ׳שיק אַלעמען דעם שענסטן געזעגענונגס־שמייכל, וועלכן כ׳בין נאָר בכוח אַרויפצוציען אויף מיין פּנים.

איך פאָכע צו אַלע מיט דער האַנט אויף „אדיע״. זאָל פאַר זיי שפּעטער זיין אַ טרייסט, אַז כ׳בין געגאַנגען מיין לעצטן וועג א שמייכלענדיקע, נישט וויסנדיק מכלומרשט וואָס מיך דערוואַרט...

מיין שוועסטער קען נישט איינהאַלטן דאָס כליפּען.

— וויין נישט! באַרויִק זיך! — זאָג איך. דער קנויל אין האַלדז לאָזט מער נישט אַדורך מיין קול.

מיין בעטל לויפן נאָך די האַרציקסטע תּפילות און ווונטשן פון מיין משפּחה און גוטע פריינד, און זיי קרייצן זיך מיט מיינע שטומע ברכות פאַר זיי אַלעמען.

XV

די אָפּעראַציע

אויף אַ קראַנקן־וועגעלע פֿאָר איך אריין אין אָפּעראַציע־זאַל. כמעט דער גאַנצער סופּיט איז פֿאַרגאָסן מיט העלע, גאָר העלע שטראָמען ליכט. עס פֿאַבלענדט ממש די אויגן. אַין פֿייערדיקער ים.

דאָס לעצטע מאָל זע איך ליכט... כ'האָב נישט פֿאַרצייכנט מיין לעצטן ווילן — גיט מיר אַ טיאָכקע אין האַרצן. פּאַמעלעך פֿיר איך מיין בליק אַרום זיך. אַ לאַנגער, ווייסער טיש אָדער שפּיטאָל־בעטל. אין דער מיט — פֿינקלדיקע אַלומיניום־שאַכטלען מיט מעדיצינישע אינסטרומענטן. אין דעם עק עפּעס אַ געהיימנישפֿול קעסטעלע — אפֿשר דער טראַנספּוזיע־אַפּאַראַט? אַרום דעם טיש ווייסע געשטאַלטן. אך ווי אַ סך! אפֿשר צען! אַלעמענס פּנימער זענען באַדעקט מיט ווייסע מאַסקעס. וואָס וועלן זיי אַלע טון ביי מיר?

ווי ווייסע גייסטער שטייען זיי אַלע אָן באַוועגונג, שטייף, אָנגע־שטרענגט. בלויז זייערע אויגן רעדן. אַזוי פֿיל אויגן! איך זע זיי אַלע טונ־קעלע, שוואַרצאַפּלדיקע, גרויס־צעעפֿנטע. זיי אָטעמען מיט דערוואַרטונג, שפּיזן מיך דורך, שפּיגלען זיך אָפּ אין מיינע, פֿון וועלכע עס שלאָגט זיך איצט אָפּ אַ פֿייער פֿון אַ צען פֿאָר אויגן־רעפֿלעקטאָרן.

פּלוצלינג דערהער איך פֿון רעכטס אַ באַקאַנטע, מילדע שטים:

— האָב נישט קיין מורא, טעכטערל!

די ווערטער קלינגען פֿאַר מיר ווי אַ בת־קול פֿון הימל. איך הייב אויף די אויגן. ד"ר ק. קוקט אויף מיר מיט זיין אַנגענעמען שמייכל.

ער איז דער העכסטער פון אַלע. דאָס איינציקע קענטיקע געזיכט. דאָס נאָענטסטע און פאַרטרויליכסטע. דער איינציקער, אין וועמענס הענט איך גיב איבער מיין גורל מיט צוטרוי.

זיינע הענט אויגן באַשטראַלן מיך מיט אַ ליכטיקייט און טיילן זיך אויס פון דער אַרומיקער שוואַרץ־טונקלקייט.

אַ זיסער געפיל פון אנטשפּאַנונג צעגיסט זיך איבער מיינע אברים.

— דער לעצטער מענטשלעכער שמייכל — טראַכט איך און וויל אים מיטנעמען אויף יענער וועלט ווי די לעצטע מתנה פונעם לעבן. און אפשר וועל איך זיך נאָך איבערוועקן? — שלאָגט זיך דורך ביי מיר אַ נישט דרייסטע מחשבה.

— טוט זיך אויס! גייט אַריבער אויף דעם צווייטן בעטל! — זאָגט מיר מיין דאָקטאָר, אָנווייזנדיק דעם ווייסן טיש (בעטל), וואָס שטייט דערנעבן.

איך גיי איבער. כ׳ציטער אויף, ווען עטלעכע פּאָר הענט שטרעקן זיך אויס מיך אונטערצוהאַלטן.

— טוט אויס דאָס העמד! — באַפעלט ער מיר ווייטער מיט אַ ווייכן טאָן.

ווידער ציִען זיך אויס הענט מיר צו העלפן, אָבער ד״ר ק. פאַראָרדנט מילד: „זי וועט עס אַליין אַראָפּנעמען״.

כ׳בין אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר.

מיט נישט זיכערע הענט טו איך אויס דאָס העמד. כ׳שעם זיך פאַר מיין נאַקעטקייט, אויף וועלכער עס קוקן אַזוי פיל פרעמדע אויגן.

— לייגט זיך אויף דער זייט, אָט אַזוי, זייער גוט! — דערגייט צו מיר ווייטער די שטילע שטים פון מיין מעדיקער, ווען איך פאַרנעם די געהעריקע פּאָזיציע.

אַ מאָדנע געפיל באַוועלטיקט מיך. כ׳וווּנדער זיך אַליין. כ׳בין אומגעווײַנלעך רויִק, איינגעשטילט. כ׳האָב גאָר נישט קיין מורא. אַ ווײַלע פון אַ מין אינערלעכער אויסגעהוילטקייט.

— לייגט דאָס אַרויף איר אויפן פּנים! — ווייזט ער אָן מיטן בליק מן־הסתם אויף דער נאַרקאָז־מאַסקע.

כ׳דערפיל אַ לייכט געוויכט אויף מיין פּנים, עפּעס אַ דושנעקייט און כ׳פאַל אַריין אין אַ פולשטענדיקן נישט־זיין.

כ׳זע גאָרנישט, כ׳הער גאָרנישט, כ׳פיל גאָרנישט...

צווייטער טייל

XVI

די דערוואַכונג

ווי מ׳האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, האָט מיין אָפּעראַציע געדויערט בערך צוויי מיט אַ האַלבער שעה. פאַר מיינע נאָענטע האָט די צייט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

כ׳האָב זיך איבערגעוועקט אינמיטן דער נאַכט, כ׳ווייס נישט גענוי אין וועלכער שעה. איבערגעוועקט זיך מיט אַ שטאַרק פאַרטשמעליעטן באַוווסטזיין. נישט געקוקט אויף דעם, טרעטן איצט אַרויס פאַר מיר שאַרף און בולט די ערשטע אויפגענומענע בילדער און געדאַנקען. אויפגעוואַכט האָבן קודם־כל די אויגן. אין אַ טונקל־פאַרנעפּלטער, האַלב־גרויער ליכטיקייט פונעם צימער האָב איך דערזען אַ לעמפּל. עס איז געשטאַנען אויפן טישל קעגנאיבער. כ׳האָב נישט באַנומען גענוי די קאָנטורן פונעם טיש. מיין אויג האָט געלאָקט דאָס עלעקטרישע פּייערל, וואָס איז געווען דיסקרעט פאַרטונקלט פון דעם קליינעם אַבאַזשור. די שטראַלן פון דעם טיילוויז פאַרשטעלטן ליכט האָבן טאַקע שוואַך באַלויכטן דאָס צימער. זיי זענען געפאַלן אויף דער דערבייַיקער ווייסער וואַנט, ווי אויף אַן עקראַן, שאַפנדיק אַן אינטריגירנדיקע שפּיל פון העלקייט און אַרומקריכנדיקע שאָטנס.

אויף דעם דאָזיקן עקראַן האָב איך דערזען די געשטאַלטן פון מיין מאַן און מיין שוועסטער. — ס׳איז גוט, וואָס זיי געפינען זיך דאָ — טראַכט איך מיט הנאה. איך זע נאָך צוויי מענטשן, וועלכע כ׳קען אָבער

נישט אידענטיפיצירן. אַלע האָבן זיי געמאַכט משונהדיקע באַוועגונגען, זיך געבויגן כסדר, אומאויפהערלעך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט די הענט. — אַמאָל נידעריקע און דיקע, אַמאָל אויסגעצויגענע און דאַרע האָבן זייערע שאָטנס זיך אָפּגעשלאָגן אויף דעם וואַנט־עקראַן, ווי אין אַ קאָמישן טאַנץ. (ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט מען מיר דעמאָלט אַריינגעלאָזט פינף ליטער סערום, און די וואָס האָבן איבער מיר געוואַכט, האָבן מיר צוגעהאַלטן די פיס, ווייל כ׳האָב מיט זיי צופיל געדריגעט).

סאַראַ לעכערלעכע פּאָזיציעס! — טראַכט איך אַ פאַרוווּנדערטע. אָבער באַלד גיבן די אויגן איבער מיין קוים, קוים דערוואַכטן מוח: אַלע די געשטאַלטן בייגן זיך מן־הסתם איבער מיר.

וואָס טוען זיי ביי מיר? — קען איך נישט פאַרשטיין. קוקן זיי צי איך 'לעב?

איך לעב! — בליצט מיר אַדורך אַ פריידיקער געדאַנק. דאָס געפיל איז נאָך פולשטענדיק באַטויבט. כ׳שפּיר גאָרנישט. נישט קיין שום אבר באַזונדער, נישט דעם גאַנצן קערפּער. מיטן בליק נעם איך אויך נישט אַרום דעם גאַנצן אַרום. כ׳זע נאָר די שפּיל פון דעם ליכט אנטקעגן מיר.

כ׳זע נישט מיין בעט. כ׳גיב זיך אָבער אָפּ אַ חשבון, אַז איך ליג אין אים.

מיין אויפוואַכונג האָט געמוזט דויערן אַ קורצע ווײַלע, וואָרן קיינער האָט זי נישט באַמערקט. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג עס האָט געדויערט מיין שלאָף דערנאָך.

ווען כ׳האָב זיך איבערגעוועקט דאָס צווייטע מאָל (אַרום 2 אַזייגער ביינאַכט) האָט זיך מיר ווידער געוואָרפן אין די אויגן קודם־כל דאָס ברענענדיקע לעמפּל אויפן טיש. דאָס מאָל האָב איך מער קיין מענטש־לעכע שאָטנס אויף דער וואַנט נישט געזען. דאָס האָט מיך געוווּנדערט.

איך האָב געדענקט דאָס פריערדיקע אויפוואַכן.

ס׳ווערט ביי מיר קלאָרער דער באַוווּסטזיין, אַז איך לעב. נאָך דער־אָ מחשבה גיט אַ שיין אַ קורצע פרייד, און באַלד קומט אויף מיר עפּעס אַן אומקלאָרע באַזאָרגטקייט — ווי זע איך אויס?

פיזיש פיל איך גאָרנישט. אַלע חושים, אַחוץ די ראיה, זענען נאָך

איינגעזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף. די אויגן זענען אויך איצט פֿילעוודיק נאָר אויף דער שאַרפֿקייט פֿון ליכט.

אין מיין מוח איז שוין אביסל העלער ווי פֿריִער. אויב איך זע נישט די שאָטנס אויף דער וואַנט, הייסט עס, אַז מיינע נאָענטע שטייען מער נישט איבער מיר. אַזוי אַרום ווייסן זיי נישט, אַז איך האָב דערוואַכט. זיי זעען מיך נישט. ווי אַזוי רופֿן זייער אויפֿמערקזאַמקייט? כ׳מוז זיך לאָזן מיט עפּעס הערן.

ס׳גליטשט זיך מיר אַרויס די פֿראַגע:

— ס׳איז שוין נאָך דער אָפּעראַציע?

ווי פֿון אַ תהום אַרויס דערהער איך מיין אייגענע, שוואַכע שטים.

כ׳דערמאָן זיך נישט צי ס׳איז צו מיר דערגאַנגען אַ תשובה. כ׳האָב אָבער ווידער דייטלעך דערזען אויף דער וואַנט זיך בייגנדיקע שאָטנס און אויך שוין אַ לייכטע טונקלקייט איבער מיר.

— דאָס שטייען אַזוי מיינע משפּחה־מענטשן — פֿיר איך אויס. — זיי האָבן זיך זיכער דערפֿרייט, וואָס איך האָב זיך איבערגעוועקט — טראַכט איך אַ צופֿרידענע.

אָבער אַ נאַרישע פֿראַגע האָב איך געשטעלט — מאַך איך זיך באַלד אַליין אַ פֿאָרוואורף — איך ווייס דאָך גוט, אַז איך בין די אָפּעראַציע אי־בערגעקומען.

אין מיין פֿאָרשטעלונג שוועבט אַרויס דער אָפּעראַציע־זאַל מיטן העל־צעגאָסענעם ליכט, דער ד״ר ק. מיט די פֿיל אַסיסטענטן. איצט געפֿין איך מיך אין מיין פֿריִערדיקן צימער. דאָס באַווייזט, אַז מ׳האָט מיך צוריק אַרויפֿגעבראַכט אַן איינגעשלאָפֿענע.

אין מיין זכרון טויכט אויף אַ פֿאַקט, וואָס רופֿט אַרויס מיין פֿאַרוווּנ־דערונג. איך האָב גאָרנישט געציילט פֿאַרן איינשלאָפֿן, נאָכן אַרויפֿלייגן אויף מיר די נאַרקאָז־מאַסקע. זעט אויס, די ראָזע פֿילן האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט. דער געדאַנק שלעפֿערט מיך ווידער איין.

דער נאַרקאָז האַלט מיך נאָך שעהן־לאַנג אונטער זיין ממשלה. איך פֿאַל אַריין נאָכאַנאַנד אין אַ טיפֿן שלאָף אָן חלומות. איך דערוואַך נאָר אויף געציילטע מינוטן.

איך הער נישט ווי מיינע נאָענטע גייען אַרום ביי מיר.

אין אָנהויב האָבן זיי זיך שטארק באַאומרויִקט צוליב מיין לאַנגן שלאָף — גיבן זיי מיר שפּעטער איבער. אָבער ווען ד״ר ק. (וועלכער איז געקומען אין אָוונט מיך באַזוכן) האָט זיי פאַרזיכערט, אַז וואָס לענגער איך שלאָף, אַלץ בעסער, ווארעם כ׳וועל נאָכן אויפוואכן דערפילן שטאַרקע ווייטיקן, האָבן זיי ממש איינגעהאלטן דעם אָטעם. זיי זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער אויסצומיידן יעדן שאָרך. די טיפע שטילקייט, זעלטן אַן איבערגעריסענע פון אן איינגעהאלטענעם פליסטערן, האָט מן הסתם נאָך מער פאַרלענגערט מיין פאַרשלאָפנקייט.

כ׳בין אויך געשלאָפן, ווען ד״ר ז. איז נאָך דער ארבעט געקומען מיך באַזוכן.

*****

אין דער פרי בין איך שוין האַלב דערוואַכט. די מייניקע שטייען איבער מיר, צערטלען מיך, רעדן צו מיר מיט האַרציקע ווערטער, אָבער איך באַנעם נאָך נישט זייער זין. ס׳איז מיר נאָר אנגענעם אויף זיי צו קוקן. ס׳איז מיר ליב זייער בליק.

פאַר מיר ציי‌כענען זיך שוין בולטער די קאָנטורן פון די אַרומיקע קעגנשטאַנדן.

איך וועק זיך שוין אַלע מאָל איבער, אָבער כ׳ליג נאָך אָפּט אַ געפּלעפטע, ווינציק אויפנעמעדיק, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. מאָמענטנווייז קוק איך מעכאַניש מיט נישט פאַרשטייענדיקע אויגן, מיין מוח איז פוסט, אויסגעליידיקט פון יעדן געדאַנק.

פון דער פאַרנעפּלטקייט פונעם ערשטן טאָג אין דער פרי, טיילט זיך אויס דער באַזוך פון ד״ר ק. ער קומט אַריין א צעשטראַלטער און מיט אַזאַ הילכיקן „גוט מאָרגן״, אַז דאָס גאַנצע צימער און אויך איך לעבן אויף אַ מינוט.

איך קוק אויף אים עמאָציאָנירט, כ׳דערמאָן זיך דעם אָפּעראַציע־זאַל.

זיין אָנוועזנהייט ווירקט אויף מיר דערמוטיקנדיק. אָבער פאַרוואָס קען איך נישט אַרויסווייזן קיין פרייד? פאַרוואָס נעמט מיך אַרום אַן אומ־

קלאָרער געפיל פון טרויער? כ׳שפּיר, אַז כ׳בין געבליבן שטייף טראָץ מיין ווילן.

דעם ערשטן האַלבן טאָג האָב איך נאָך נישט געשפּירט מיין אייגע־נעם קערפּער, אַזוי ווי כ׳וואָלט געווען פון האָלץ אָדער פון שטיין. אין מינוטן פון ׳אויפליכטנדיקן באַוווסטזיין האָב איך זיך געוווּנדערט, הלמאי איך פיל נישט קיין ווייטיקן. ווי איז מעגלעך, אַז אַזאַ שניט — כ׳האָב זיך משער געווען, אַז ער מוז זיין גרויס — זאָל נישט גורם זיין קיין יסורים? ווי זעט אויס דער שניט?

די דאָזיקע מחשבות האָבן יעדעס מאָל אַרויסגערופן ביי מיר אן אומרו, אַ מורא פאַר עפּעס שלעכטס און אַ מין פריקרע דערוואַרטונג.

כ׳פיל נישט קיין שום פיזישע באַדערפעניש, נישט קיין הונגער און נישט קיין דורשט.

די עטלעכע לעפעלעך טיי, וואָס מ׳האָט אין מיר אַריינגעגאָסן, האָבן נישט געהאַט קיין שום טעם, זיי האָבן גיכער אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל.

אין משך פון טאָג ניכטער איך זיך אויס צו ביסלעך.

מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקן סענטימענט קוק איך איצט אויף מיין מאַן, אויף די איבעריקע משפּחה־מענטשן און פריינד. ס׳דערגייט שוין צו מיר קלאָרער דער אינהאַלט פון אַרויסגערעדטע ווערטער. אויב ביז איצט בין איך געווען קוים אין שטאַנד אויפצונעמען אייגענע, אינערלעכע פּסיכי־שע רעאַקציעס, ווער איך שוין פעיִק צו הערן און צו פאַרשטיין געוויסע געדאַנקען, וואָס קומען צו מיר פון אויסנווייניק און ענטפערן פאַמעלעך אויף אויסערלעכע אָנרעגונגען.

ס׳ווערט צוביסלעך צוריק איינגעשטעלט דער קאָנטאַקט צווישן מיר און דער אַרומיקער וועלט.

אַ גאַנצן טאָג קומען און גייען נאָענטע. איך אונטערשייד שוין גוט אַלע ליבע פּנימער.

זיי אַלע טרעטן לייכט, שטיל אויף די שפּיץ נעגל, שעפּטשען צווישן זיך. זיי שמייכלען אַזוי ליבלעך צו מיר און רומען מיר איין גראַטולאַציעס.

די מאָנאָטאָנקייט פון די טריט און די שטימען, די ענלעכקייט פון די סיטואַציעס פאַרקלענערן מיין עמפּינדלעכקייט בנוגע די אַלע וויזיטן.

אַן אַנדערע נאַטע ברענגט אַריין דער׳באַזוך פונעם ד״ר ג. ער קומט אַריין אַ היימלעכער. באַלד צעקלינגט זיך זיין געלונגענער וויץ און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב באַוויזן אַרויסצוברענגען אַ שמייכל. אַלע אין צימער צעלאַכן זיך אויפן קול — זייער ערשטער געלעכטער נאָך מיין אָפּעראַציע!

איך בין דאַנקבאַר דעם ד״ר׳ג. פאַר זיין אינטערעס. כ׳וויס, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען און אַז אים איז נישט לייכט אָפּצורייסן זיך פון זיינע פילע עסקים. איך האָב אים נעכטער דערקענט אין מיין קאָשמאַרער לעבנס־שעה און ער איז מיר געוואָרן אַ מין גוטער שטערן, וואָס האָט אויפגעלויכטן אין דער חושכדיקער נאַכט.

ד״ר ג. איז צופרידן פון מיין איצטיקן צושטאַנד, ער האָט אין אים אויך אַ חלק.

ער געזעגנט זיך און מיר דאַכט, אַז ס׳ווערט עפּעס טונקעלער אין צי־מער. אָבער ער האָט דאָך אַ ביסל אויפגעלעבט מיין אַטראָפּירט געפיל. נאָך זיין אַוועקגיין פאַרפיר איך אפילו אַ קורצן שמועס מיט מיינע נאָענטע.

***

פונעם טיפן שלאָף, אין וועלכן כ׳בין שפּעטער אַריינגעפאַלן, וועקט מיך אויף׳אַ וויטיק אין דעם אונטערשטן טייל פון בויך. עס דריקט און שטעכט. מ׳גיט מיר אַ באַרויִקונגס־מיטל, אַ סופּאָזיטאָריע, אָבער ס׳העלפט נישט. נאָר איין סעקונדע גיט מיר אַ פּיק דער געדאַנק: פאַרוואָס טוט מיר אַזוי וויי דער בויך? אָבער איך בין נישט פעיִק צו טראַכטן אַבסטראַקט, און דער געדאַנק ווערט באַלד פאַרלאָשן. די שמערצן שטייגן, שניידן מיך פשוט ווי מיט מעסערס. די קראַנקן־שוועסטער ברענגט מיר אַריין דעם באַסען. אָבער ס׳גייט׳נישט גאָרנישט. זי לאָזט רינען וואַסער פונעם קראַן — זי וויל פאַרלייכטערן דעם פּראָצעס דורך אַ סוגעסטיע — אָבער אָן רעזולטאַטן. זי גיסט וואַרעם וואַסער — ס׳העלפט נישט. ס׳איז מיר זייער אומאַנגענעם. כ׳באַמי׳זיך, אָבער כ׳קען נישט — פאַרענטפער איך זיך אַ פאַרשעמטע. דעמאָלט ברענגט זי אַריין אַ רערל און ציט׳מיר אָפּ די אורין. כ׳האָב׳דערפילט אַזאַ פאַרלייכטערונג, אַז ס׳איז מיר ממש העלער געוואָרן אין די אויגן. קוקנדיק אויף דעם גרויסן אָפּפלוס, האָב איך זיך

אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מ׳איז מיט מיר באַגאַנגען אַ פעלער, נישט וואַ־רענענדיק מיך פאַר דער אָפּעראַציע צו גיין אין טאָאַלעט.

כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אָפּערירט און, ווען מ׳איז מיך געקומען נעמען, איז מיר נישט איינגעפאַלן פריִער זיך געהעריק צוצו־גרייטן. די פאַרנאַכלעסיקונג מצד דער קראַנקן־שוועסטער האָט מיך איצט געקאָסט די אומזיסטע ווייטיקן.

ביז ביינאַכט האָב איך נאָך אַלץ נישט געפילט קיין אַנדערע ווייען, אַ חוץ אין דעם פריִער נאָך צערייצטן בויך. כ׳בין נאָך אַלץ געלעגן ווי אַ געליימטע, אויף איין אָרט. כ׳האָב לייכט באַוועגט נאָר מיט דער רעכ־טער האַנט.

פונקט 8 אַזייגער אין אָונט איז ווידער אַריין ד״ר ק. אין דער באַ־גלייטונג פון סימפּאַטישן ד״ר ט. און דער חנוודיקער קראַנקן־שוועסטער.

עס צעהילכט זיך דעם ד״ר ק.׳ס אַ הייטערער „וואָס מאַכט איר?״ און ער ענטפערט אַליין, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף מיין תשובה: „זייער גוט, אמת?״

זיין פראַגע גיט מיר אַ שטאָך. זי דערוועקט די דרעמלדיקע, נאָך נישט קלאָר־געוואָרענע מורא פאַר דערווירקלעכקייט און צווינגט מיך זיך צו פאַרטראַכטן וועגן מיין לאַגע. איך לעב, אָבער פאַרוואָס פיל איך נישט קיין גרויסע פרייד? פאַרוואָס הילט מיך איין אַן אומרו?

איך ענטפער דעם ד״ר ק. נאָר מיט אַ קאָנווענציאָנעלן דאַנק. איך שפּיר ווי מיין פּנים ווערט בשעת מעשה שטרענגער ווי ביז איצט. נאָך זיין אַרויסגיין מאַך איך מיר פאַרוווּרפן פאַר מיין רשעות.

אין דער מאָס ווי עס רוקן זיך די שעהן, וואַקסט אין מיר אַ קאַלאַמוטנעקייט. די סיבות פון דעם באַגרייף איך נישט קלאָר.

שוין שפּעט אין אָוונט קומט ווידער דער ד״ר ז. ער פאַרענטפערט זיך, נישט געקענט קומען פריִער. מ׳קרענקט צופיל.

— אַזוי נעמט מען אויף געסט, שלאָפנדיק? — זאָגט ער מיט אַ גע־לעכטער, מאַכנדיק אַן אָנצוהערעניש אויף זיין נעכטיקן וויזיט, בעת איך בין נאָך טיף געשלאָפן אונטער דער ווירקונג פון נאַרקאָז.

בת־חיים

און אָט זיצט ער שוין, דער פריינטלעכער ד״ר ז., נעבן מיין מאַן אויף דער קושעטקע און פירט היימישלעך אַ געשפּרעך וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים.

מיט מיין טעמפּן געהער כאַפּ איך אויף שפּליטערס פון געדאַנקען, איינציקע ציִען צו מיין אינטערעס. איך הער מיט פאַרגעניגן ד״ר ז.׳ס מעלאָדישע שטימע. איך פאַרגעס זיך אַ ווייל און אָטעם איין די רויִקייט, וואָס עמאַנירט פון אים.

— „ביז מאָרגן!״ — געזעגנט ער זיך אין שפּאַנישן סטיל.

XVII

די ערשטע טעג רעקאָנוואַלעסצענץ

איך שלאָף איין מיט אַ לײַכט געמיט. מײַן מאַן האַלט אויך הײַנט נאַכט־וואַך איבער מיר.

אין מיטן דער נאַכט וועקט מיך אויף אַ מאָדנע צײַעניש און אַ שרעקלעך קלעמעניש אין דער אָפּערירטער זײַט, אַזוי ווי כ׳וואָלט געווען אַרומגענומען מיט אַן אײַזערנער רייף, וואָס פּרעסט מיך און לאָזט נישט פֿרײַ אָטעמען.

אוי, ווי עס ציט לענג־אויס דער קראַנקער זײַט!

אפשר ליג איך שלעכט? מעגלעך, אַז איך דאַרף בײַטן די פּאָזיציע? אָבער די קלענסטע באַוועגונג רופֿט אַרויס אַ שאַרפֿן ווייטיק. כ׳מוז ליגן, ווי פֿריִער, אויף דער פּלייצע און נישט רירן זיך.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן לאַנגע רעקאָנוואַלעסצענץ. איך גליק נאָר, וואָס דאָס שטעכעניש, דאָס געפֿיל פֿון אַ שווערער משא אויף און אין דעם ברוסט־קאַסטן ווערט פֿון צײַט צו צײַט ווי אײַנגעשלאָפֿן און דאָס דערלויבט מיר טיפֿער און פֿרײַער אָפּצואָטעמען.

אין דער פֿרי, ווען ד״ר ק. איז אַרײַן מיט זײַן קלײנער געזונטהייטס־בריגאַדע, האָב איך מיט אַ קלאָגעדיקער שטימע אים מיטגעטיילט, אַז „אין דער זײַט איז עפּעס שלעכט געמאַכט... ס׳ציט זייער שטאַרק״.

כ׳האָב געגלויבט, אַז בײַם פֿאַרבײַען די נאָט האָט ער צופֿיל אײַנגעצויגן די הויט.

זיין אויפקלערונג, אַז אַזוי דאַרף זיין, און אַז שפּעטער וועט זיך די הויט צעציִען, האָב איך דעמאָלט אויפגענומען סקעפּטיש. כ׳בין פאַרבליבן ביי דער איבערצייגונג, אַז עפּעס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ פעלער, וואָס זיינע קאָנסעקווענצן איך מוז ליידן...

אַביסל שפּעטער האָט מיר ווידער אָנגעהויבן ווי צו טון אין אונ־טערשטן טייל בויך, אָבער דאָס איז געווען אַן אַנדערער מין ווייטיק ווי פריִער. אַ שאַרפער, צעזעצנדיקער שמערץ... טיילמאָל שפּיזט ער מיך דורך און דורך, און טיילמאָל פיל איך ווי אָט, אָט וועט ער מיך אויפרייסן...

איך ריר אָן דאָס אָרט מיט דער געזונטער האַנט — דער בויך איז איינגאַנצן פאַרבאַנדאַזשירט.

דאַרף עס אַזוי זיין? — וווּנדער איך זיך. אָבער די אַנטפּלעקונג פאַלט גיך אַרויס פון דער אַרביטע פון מיין דענקען. כ׳בין נאָך אַלץ נישט מסוגל קלאָר צו פאַרנעמען דעם צושטאַנד פון מיין אייגענעם קערפּער. כ׳פיל אים נישט ר׳עכט. כ׳קען זיך נאָר איינהערן אין די לאָקאַלע ווייען פון איבער און אונטער דעם בויך, פילן די ספּעציפישקייט פון די ביידע מינים יסורים, אָפּוואַרטן מיט ציטערניש אויף די זיך בייטנדיקע אינטענ־סיווקייט זיי׳ערע.

דערפאַר פרעג איך אפילו נישט דעם דאָקטאָר, וואָס עס איז געשען מיט מיין בויך.

מיין געדאַנק ווערט איצט פאַרשאַרפט אין איין ריכטונג: אונטער מיין אָרעם. כ׳ווייס נישט גענוי וואָס ס׳איז ביי מיר געוואָרן אויסגע־שניטן, כ׳בין אַלץ נאָך וויניק ניכטער — דערצו ווירקט אויך די הויכע טעמפּעראַטור — און דער קערפּער איז נאָך צו שטאַרק הילציק. ווען איך ווער נאָך אייניקע טעג פולשטענדיק אויסגעניכטערט פונעם נאַרקאָז, האַלט מיך אָפּ אַן אינטויִטיווע קראַפט דאָס פעסטצושטעלן. גלייכצייטיק אָבער דערוואַכט אין מיר דער מינדערווערטיקייטס־געפיל פון דער צייט ערב דער אָפּעראַציע, דער פסיכאָלאָגישער קאָנפליקט מיטן געזונטן אָרום. נאַטירלעך קען איך נאָך דעמאָלט אים נישט אָפּשאַצן מיט אַזעלכע קאַ־טעגאָריעס. כ׳קען נישט באַנעמען מיטן שכל, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר, אָבער כ׳שפּיר ווידער אַן אונטערשיד צווישן מיר און אַנדערע. איך ווונדער זיך אַליין אויף מיינע מאָדנע רעאַקציעס.

מיין מאַן טרעט פון מיר נישט אָפּ, צערטלט מיך מיט טריישאַפּט. כ׳לייג אַריין די גאַנצע ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אים אין מיינע אויגן, אין מיין בליק. אָבער איך מוז זיך נייטן און אַרויפצווינגען אויף מיר אַ שמייכל. עפּעס פיל איך זיך אַזוי טיף פאַרשעמט און שולדיק לגבי אים. פאַרוואָס? כ׳קען עס אַליין נישט באַגרייפן.

ד״ר ק. קומט צו מיר פינקטלעך ווי אַ זייגער, צוויי מאָל אַ טאָג. אין דער פרי און אין אָוונט. איך וואַרט תמיד מיט גרויס אומגעדולד אויף זיין דערשיינען. מיט זיין אַנקומען לייכט אויף פאַר מיר אַ קורצע ווײַלע די פרייד פון לעבן, נאָך וועלכע איך לעכץ אַזוי לאַנג... כ׳ווייס אַז מיט זיין וואַרעמען שמייכל וויל ער מיך אויפהייטערן און קודם־כל פאַרטרייבן דעם פינצטערן שאָטן פון מיין פּנים.

איך בין אים דאַנקבאַר, אָבער כ׳ווייז עס נישט אַרויס און גיב אים קיינמאָל נישט די געוואונטשטע תשובה. כ׳פיל, אַז כ׳דאַרף אויף זיין פראַגע וועגן מיין געזונט־צושטאַנד, ווייניקסטנס ענטפערן „גוט״ און מיט אַ שמייכל, לכל־הפחות אין די מאָמענטן ווען איך שפּיר נישט קיין ווייטיקן. אָבער איך קען נישט. כ׳קען דאָס נישט פועלן ביי זיך. אַזוי ווי פריִער דאָס וואָרט „קאַנסער״, אַזוי קען איך איצט נישט אַרויסברענגען דעם פראָווערב „גוט״, ווי אַ באַצייכענונג פון מיין היינטיקן מצב.

זיין פראַגע שטעלט מיך שטענדיק פאַר אַ מין חשבון־הנפש, וואָס אַנטפּלעקט פאַר מיר מיין נעבעכדיקייט, ווייל ער, דער דאָקטאָר, איז דער בולטסטער עדות פון מיין פיזישער רויִן. דערפאַר פרעס איך פון מיר אַרויס נאָר אַ טרוקענעם, שאַבלאָנעם ענטפער: „אַ דאַנק, דאָקטאָר!״

מיין קאַלטע רעאַקציע שאָקירט דעם ראַציאָנעלן „איך״ אין מיר. איך ווייס, אַז איך באַגיי אַן עוולה, ווייל אַחוץ אַלעמען האָט ער דאָך מיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט. איז ער דאָך געווען מיין מלאך הגואל, וועלכער האָט מיך באַפרייט פון דעם שרעקלעכן מאָנסטער...

יעדעס מאָל נאָך זיין אַוועקגיין באַשליס איך פעסט אויפצוהערן צו זיין אַזאַ „קאַלטער גזלן״ און אַנטקעגנטראָגן אים מיט אַ העפלעכן שמייכל: „איך פיל זיך היינט גוט״. אָבער דער באַשלוס בלייבט נאָר אין דער ספערע פון ווונטש. במשך פון די זיבן טעג פון מיין אויפהאַלט אין דער

קליניק האָב איך נישט באַוויזן קיין איין מאָל אים צו רעאַליזירן. דער געפּלאָנטער שמייכל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרקרימטער גרימאַסע.

ווען איך ענטפער אייניקע פון מיינע צאָלרייכע געסט אויף זייער שאלה וועגן מיין פילן זיך: „גוט”, קלינגט דאָס וואָרט ווי אַ פּוסטע העפלעכקייטס־פראַזע, וועלכע איך מוז געבן ווי אַן אָפּקומעניש, כדי אויסצומיידן עווענטועלע ערגערע קשיות.

זייט כ׳האָב זיך אויסגעניכטערט פון נאַרקאָז, האָט מיך אָנגעהויבן צו עגבערן אַ פראַגע: פאַרוואָס צערטלען מיך אַזוי פיל מיינע נאָענטע? אויף זייערע פּנימער מאָלט זיך אַ געמיש פון פרייד און זאָרג, ווען זיי קוקן אויף מיר. זייער אויפפירונג און געוויסע באַמערקונגען זעען מיר אויס צו זיין אומגעוויינלעכע. האָב איך דאָך זיי אַלעמען געזאָגט, אַז ס׳איז אַ לייכטע אָפּעראַציע. פון וואַנען־זשע נעמט זיך צו זיי אַזאַ ערנסטקייט? ס׳האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ חשד, אַז זיי זענען דערגאַנגען דעם אמת. אָבער ווי אַזוי? נאָר אויף איין וועג האָט דאָס געקענט געשען.

כ׳האָב געפרעגט דעם ד״ר ק. צי ער האָט פאַר זיי אַנטדעקט מיין סוד. ער האָט מיר געענטפערט פּאָזיטיוו, אונטערשטרייכנדיק אַז אין אַזאַ פאַל איז געווען זיין פליכט אַזוי צו האַנדלען.

אייגנטלעך מוז איך מיט אים מסכים זיין, אָבער דער באַוווסטזיין פון די גרויסע צרות, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט, האָט מיר פאַרשאַפט עגמת־נפש.

***

ס׳קומען מיך מבקר־חולה זיין פריינד און באַקאַנטע. זיי קומען מיט פּעקעלעך און מיט בלומען.

דער ערשטער, פּרעכטיקער בוקעט רויזן, וואָס כ׳האָב באַקומען, צעוויגט אַ וואַרעמע עמאָציע אין מיין האַרצן. מיט דער זייער שוואַכער האַנט גלעט איך די סאַמעטענע בלעטעלעך און טוליע די קילע, שמעקנדיקע בלומען צו מיין צעפלאַמטן געזיכט. אָבער באַלד שפּיזט מיך דורך אַ משונהדיקער געדאַנק: מיין געלעגער איז נישט קיין בעט, נייערט אַ קאַטאַפאַלק. מ׳ברענגט מיר בלומען ווי אויף דער לוויה פון מיין פאַרשני־

טענעם קערפּער און פאַרגאָסענעם בלוט. עס ווירקט אויף מיינע פרישע וווּנדן.

ווי אויף צו להכעיס קומט איצט איינער נאָכן אַנדערן מיט אַ בוקעט אין דער האַנט.

ווען איך דערזע, ווי ס׳עפנט זיך די טיר און דאָס ערשטע שטעקט אַריין איר קעפּל אַ בלום, צאַפּל איך ממש אויף. כ׳דערשפּיר שוין, ווי אַ שאַרפער דאָרן שניידט זיך אַריין אין מיין צעוויטיקטער נשמה...

אין משך פון צוויי טעג האָט זיך מיין צימער אַזוי פאַרפולט מיט אַלערליי פילפאַרביקע בלומען, אַז ס׳האָבן פּשוט אויסגעפעלט בלומען־טעפּ, וואַזאָנעז, פלעשער און סלאָיקעס, ווו זיי אַריינצושטעלן, און אָרט אין צימער, ווו זיי אַוועקצושטעלן.

אַן אמתדיקער בלומען־גאָרטן!

איך בעט זיך ביי אַלעמען: נעמט זיי אַהיים!... איך האָב דאָ זייער אַ סך. — צופיל בלומען, צו שאַרף די לופט — באַמערקן דער דאָקטאָר און די קראַנקן־שוועסטער, ווען זיי קומען אַריין אין מיין צימער.

לסוף בעט איך די שפּיטאָל־דינערין זיי אַרויסצונעמען אויפן קאָ־רידאָר, אָדער אַהיימנעמען צו זיך. כ׳וויל זיך באַפרייען פונעם קאָשמאַר פון אַ לעבעדיקן קבר...

נאָר צוויי בוקעטן בעט איך איבערצולאָזן: די טונקל־רויטע רויזן פון מיין מאַן און די סודותפולע, עקזאָטישע אָרכידעען פון אונדזער נאָענטסטן פריינד. פאַר דיביידע בלומען־בינטלעך האָב איך אַ באַזונדערן סענטימענט. מיין מאַן האָט אַ „שוואַכקייט" צו בלומען און ער ווייסט, אַז אויך איך בין אַ גרויסע ליב־האָבערין פון אַזעלכע. ער פאַרפעלט נישט קיין שום געלעגנהייט מיך צו באַשענקען מיט בלומען. אויך דאָס מאָל, אַזוי ווי ער האָט נאָר באַמערקט, אַז איך האָב אויפגעוואַכט צו אַ ניי לעבן, האָט ער זיך געאיילט מיר צו דערלאַנגען די הערלעכע רויזן, כדי מיר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

כ׳בין אויך אויסערגעוויינלעך גערירט פון דעם אומדערוואַרטן זשעסט פון אונדזער פריינד.

כ׳דערמאָן זיך: איינמאָל, ס׳איז שוין לאַנג, גייענדיק צוזאַמען שפּאַ־צירן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בלומען־געשעפט צו באַוווּנדערן

די פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען און זעלטענע קאָלירן פֿון די טייערע, אומגעז־וויינלעך־איידעלע, טראָפּישע בלומען, די אָרכידעען. די דאָזיקע בלומען פֿאַרכישופֿן מיך פּשוט און שפּילן אויף מיין פֿאַנטאַזיע, וואָס וועבט אין איר טרוימעריש־שווונג „מעשׂיות פֿון טויזנט און איין נאַכט“.

אונדזער פֿריינד האָט דעמאָלט גוטמוטיק איראָניזירט איבער מיין „ראָמאַנטיק“...

דער פֿריינד איז אונדז איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן חיות, אָבער דערביי איז ער איינגעשלאָסן אין זיך און באַהערשט. אַ טיפּ אַזאַ, וואָס מיידט אויס עקשנותדיק יעטוועדע מאַניפֿעסטאַציע פֿון זיינע אינערלעכע געפֿילן, יעטוועדע אויסערלעכע פֿאָרעם פֿון סענטימענט.

און איצט האָט ער מיט אַ פֿאַרשעמטער מינע אַליין מיר צוגעטראָגן די „ראָמאַנטישע“ אָרכידעען.

כ׳קוק מיט געריִרטקייט אויף די עקזאָטישע בלומען. אין דעם מאָ־מענט זעט מיר אויס דאָס לעבן צו זיין שענער, ווייל ס׳זענען נאָך דאָ אַזעלכע מערקווירדיקייטן און ווייל איך בין רייך מיט אַזאַ ווונדערלעכן פֿריינד.

***

ווייזט אויס, אַז די ידיעה וועגן מיין אָפּעראַציע האָט זיך געשווינד פֿאַרשפּרייט צווישן מיינע באַקאַנטע. זיי קומען במשך פֿון אַ גאַנצן טאָג, פֿון די פֿריִעסטע מאָרגן־שעהן ביז שפּעט אין אָוונט.

בכלל בין איך צופֿרידן פֿון די באַזוכער, ס׳איז מיר ליב זייער גע־זעלשאַפֿט. עס שטראַלט פֿון זיי מיט חברשאַפֿט, מיט הילפֿס־גרייטקייט. ס׳עפֿנט זיך פֿאַר מיר אַ פֿענצטער צו דער ברייטער וועלט. די מויערן פֿון מיין „איזאָלאַציע“ הייבן זיך אָן צו קרישלען. כ׳הייב אָן אַרויסצוגיין מחוץ די גרענעצן פֿון מיין עגאָצענטריזם. ס׳דערוועקט זיך אין מיר אַן אינטערעס פֿאַר די נייעסן ביי מיינע פֿריינד, אַ נייגיר פֿאַר די געשעענישן און אַקטועלע פּראָבלעמען פֿונעם אַלגעמיינעם לעבן. אין מיין דמיון זע איך זיך שוין ווידער אַריינגעפֿלאָכטן אין דעם לעבנס־געווירבל.

טיילמאָל אָבער פֿאַרגעסן מיינע ליבע באַזוכער, אַז איך בין נאָך זייער שוואַך. זיי רעדן צו מיר צופֿיל און איך מוז דאָך יעדן ענטפֿערן. זיי

שמועסן צווישן זיך לאַנג און אויפן קול און יעדעס וואָרט קלאַפּט מיר אין קאָפּ ווי מיט אַ האַמער.

אין אַזעלכע פאַלן בלייבט מיר נישט איבער קיין אַנדערע ברירה, ווי זיך צו באַנוצן מיט אַ כיטרע מיטל, אַזאַ מין קאַמופלאַזש. איך מאַך צו די אויגן, הייב אָן לייכט צו כראָפּען. מיינע געסט באַמערקן, אַז איך „שלאָף״... האַקן אָפּ זייערע געשפּרעכן, שאַרן זיך אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון צימער און ווען דער לעצטער פון זיי מאַכט צו די טיר, מאַך איך אויף... די אויגן.

אָבער באַזונדערס נישט ניחא איז מיר די אָנוועזנהייט פון געסט דעמאָלט, ווען ס׳כאַפּט מיך אָן אַ שטאַרקער ווייטיק, אָדער ווען אַ דערי־נערונג צי אַן אַסאָציאַציע דערמאָנען מיך וועגן מיין טרויעריקן מצב. דאַן דערפיל איך די אויסנעמלעכקייט פון מיין לאַגע און אויף מיין האָריזאָנט פאַרציִען זיך גערדיכטע וואָלקנס. עס באַהערשט מיך אַן אומרו, מיינע געסט זאָלן זיך נישט דערוויסן דעם אמת וועגן מיין אָפּעראַציע; כ׳האָב זיי דאָך געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס. ס׳רייסן זיך נאָך אַמאָל איבער די פאַרבינדונגס־פעדים צווישן מיר און די אַרומיקע. ס׳וואַקסט ווידער אויס אַ מחיצה צווישן אונדז. פון דאָס ניי דערפיל איך זיך אויסערן גבול פון נאָרמאַלן לעבן, אַ מינדערווערטיקע, אַ פאַרשעמטע.

ווען איך בין פון מיינע שאַרפע ווייטיקן געצווונגען צו קרעכצן, ווען איך פּרוּוו אומזיסט און אויף אַן אומגעלומפּערטן אופן בייטן מיין פּאָזי־ציע — ווייל עס ברעכט מיך שטאַרק דער רוקן פון ליגן — קוק איך מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם פאַרדאַכט אויף די געסט אין מיין צימער. מיט שרעק פאַרש איך זייערע מיט רחמנות אָנגעלאָדענע בליקן, וואָס ברענען מיך ווי אָנגעגליטע שפּיזן.

די מאָראַלישע ליידן האָבן מיך מער געמאַטערט ווי די פיזישע.

באַזונדערס פיינלעך האָט זיך מיר געשטעלט דער דאָנערשטיקער טאָג, דער דריטער מעת־לעת נאָך דער אָפּעראַציע.

אָן אָוונט פריִער האָב איך דערשפּירט אַ פאַרטריקנטקייט אין האַלדז, אַ דושנעקייט און שווערקייט ביים אָטעמען. צומאָרגנס אין דער פרי האָט מיך איבערגעוועקט אַ שטאַרקער הוסט. די געדיכטע פלעגמע שטיקט מיך.

יעדע קלענסטע אָנשטרענגונג זי אַרויסצוהוסטן האָט מיר פאַרורזאַכט גרויסע שמערצן אין דער געגנט פונעם פרישן שניט.

איך ווייס נישט וואָס פריִער צו באַשיצן מיט דער איינציקער גע־זונטער האַנט: דעם האַלדז, דאָס האַרץ צי די ווונדן. ווען מ׳האַלט די האַנט אויף אַ ווייטיקדיקן אָרט, דאַכט זיך, אַז ס׳ווערט אַ ביסל לייכטער.

אויך די טעמפּעראַטור איז געשטיגן. ביים אַרויסנעמען דעם טערמאָ־מעטער האָב איך באַמערקט העכער 39 גראַד.

בשעת דער הוסט־אַטאַקע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם פריש־צעשניטענעם קערפּער און איך האָב זיך געקאָרטשעט פון יסורים, האָב איך מיט חרפּה און בושה אויפגעכאַפּט אַ טיפּן מיטלייד־אויסדרוק אין די אויגן פון מיינע געסט. ס׳האָט מיר ווי געטון, וואָס זיי זענען עדות פון מיין דערשלאָגנקייט.

כ׳האָב זיך דעמאָלט געשפּירט נעבעכדיק ווי אַ געטראָטענער וואָרעם.

אין אַזעלכע מאָמענטן זענען מיינע באַזוכער מיר געווען ממש אַן אָפּקומעניש.

די מילך מיט פּוטער און האָניק, די טיי מיט ציטרין, וועלכע מ׳האָט אין מיר אַריינגעגאָסן, און דער פּאָמעראַנצן־זאַפט — די איינציקע דער־נערונג, וואָס כ׳האָב גענומען מיט אַפּעטיט, — האָבן נישט געבראַכט קיין פאַרבעסערונג אויף קיין האָר.

דעם טאָג האָב איך מיט מער אומגעדולד געוואַרט אויפן וויזיט פון ד״ר ז., אַ גוטער ספּעציאַליסט פון דעם מין שלאַפקייטן.

און אָט איז ער דאָ. אַן אויסגעשטרעקטער מיט אַן אָנגענעמען שמייכל אויפן איידעלן פּנים.

באַלד אויף דער שוועל הייבט ער אָן זיין אייגנאַרטיקן קוריר־סיסטעם. מיינע קרענקלעכע געדאַנקען וויל ער אָפּלענקען אויף געזונטע פּראָבלעמען. אין הויז פון אַ געהאָנגענעם רעדט מען נישט פון קיין שטריקל. ער פרעגט מיך גאָרנישט וועגן מיין געזונט־צושטאַנד, וויל נישט אַרויסרופן דעם וואָלף פונעם וואַלד — דער וואָלף וועט שוין אַליין אַרויסגיין, ווען עס וועט קומען זיין צייט.

און ער פאַרנעמט זיך, דער ד״ר ז., אויף אַ געמיטלעכן שמועס מיט מיין מאַן, ביז איך גיב אַ הוסט. ערשט דעמאָלט ווער איך פאַר אים

אַ פּאַציענטקע, וועלכע מ׳דאַרף היילן מיט אמתע און נישט נאָר מיט ליטע־ראַרישע רעצעפּטן. ער פאַרשרייבט מיר טאָקע צווייערליי איינשפּריצונגען און אַנדערע אַזעלכע מיטלען, וואָס דאַרפן ווירקן שנעל און ראַדיקאַל.

נאָך דעם זעצט ער זיך אַוועק און נעמט אַרויס פון טאַש אַ שמאָלן, לאַנגן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז פאַרשריבן מיט דראָבנע, אַקוראַטנע אותיות. דער מעדיקער־ליטעראַט האָט אַלעמאָל עפּעס אַ טעמע, וואָס „שמאַרצט אים די דלאָניע״ אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער באַפרייט זיך נישט פון איר, ד״ה ביז ער גיט איר אַ תיקון. און אָט לייענט ער שוין זיין נייעסטע שאַפונג. ס׳האָט אין צימער אַ ווייע געטון מיט טיפער מענטשלעכקייט.

ווען ער גייט אַוועק, גייט אַרויס מיין מאַן באַגלייטן דעם ליבן גאַסט און אויך איינקויפן די פאַרשריבענע מעדיקאַמענטן. אויפן וועג האָט דער דאָקטאָר אים איבערגעגעבן, אַז איך האָב אַ שאַרפע לונגען־אָנצינדונג. איך גלייב, אַז זי איז מיר געקומען דער עיקר פונעם פאַרקילן די אָטעם־וועגן מיטן עטער.

די נאַכט מאַטער איך זיך אַדורך מיט אַ טאָפּלטן ווייטיק: פונעם הוסט און פונעם שניט. ווען איך פאַל שוין אַריין אין די אָרעמס פון דעם באַרויִקנדיקן שלאָף, רייסט מיך פון זיי אַרויס די קראַנקנשוועסטער, וואָס קומט מיר מאַכן איינשפּריצונגען פון סטרעפּטאָמיצין און קאַלציום.

ד״ר ק. איז אינפאָרמירט וועגן דעם נעכטיקן וויזיט פון זיין קאָלעגע ד״ר ז. און זיינע רעצעפּטן. ער באַשטעטיקט זיי און הייסט דעם פּערסאָנאַל זיי אָנווענדן.

***

צומאָרגנס קומט פאַר ביי מיר אַ וויכטיקע בעסערונג: דער מאָגן. ער הייבט אָן אַרבעטן נאָרמאַל. אין דער פרי גיי איך ס׳ערשטע מאָל נאָך דער אָפּעראַציע אַראָפּ פונעם בעט. איך ווער געפירט פון ביידע זייטן דורך די קראַנקנשוועסטער. דאָס איז פאַר מיר אַ טיפע איבערלעבעניש. נישט געקוקט אויפן ווייטיק, דאַכט זיך מיר, אַז איך גיב די ערשטע נישט זיכע־רע, ציטערדיקע טריט אין... לעבן אַריין. איך פיל נאָך נישט גוט דעם באָדן אונטער די פיס, כ׳האַלט זיך נאָך אויף פרעמדע כוחות, אָבער איך פּרוּוו שוין אויך מיינע אייגענע. אויפגעהערט צו זיין ווי אַ שטיק אָנמעכטיק

ליים. מיט גרויס פאַרגעניגן וואַש איך זיך אַליין די הענט, דאָס פּנים. עס דערפרישט מיך. איך לאָז גיסן דאָס וואַסער און פיר מיינע שוואַכע פינגער איבערן לויפנדיקן שטראָם. איך גלעט עס ממש. כ'האָב אַ הנאה פון קענען זיך אַליין באַדינען. איך קוק זיך איצט איין אין אַ גרויסן שפּיגל — כ'זע נישט אויס שלעכט. כ'בין צופרידן, וואָס אויפן פּנים דערקענט מען מיר כמעט גאָרנישט. כ'גיי צוריק אין בעט אַריין אַן אָפּגע־פרישטע און דערמוטיקטע.

אַן ענלעכע, און אפשר נאָך שטאַרקערע עמאָציע לעב איך איבער פאַרנאַכט. דאָס מאָל העלפט מען מיר נאָר זיך אויפהייבן און מ'לאָזט מיך אַליין שטיין.

— פּרוווט אַליין גיין! — זאָגט מיר די קראַנקנשוועסטער.

איך בלייב אַ מינוט אַ שטאַרק דערשראָקענע, אַ פאַרלוירענע. די פּאַדלאָגע וואַקלט זיך אונטער מיינע פיס; אַלץ דרייט זיך אַרום מיר. יעדן שריט שטעל איך מיט אַזאַ מורא, ווי ס'וואָלט מיר געדראָעט אַריינ־צופאַלן אין אַן אָפּגרונט. נאָר ווען כ'באַריר שוין דעם באָדן מיטן פוס, דערפיל איך אַ גרויסע דערלייכטערונג. אַדורכגעמאַכט עטלעכע טריט און כ'גיי שוין אַ ביסל זיכערער. צוגעקומען צום ציל און מיך באַהערשט אַ פרייד — דערגרייכט אַ שטיקל וועלט! איינע אַליין, אָן קיינעמס הילף! סאַראַ גליק קענען זיך באַוועגן זעלבסטשטענדיק!

מ'זעצט מיך אַוועק אויף אַ ווייכן לענשטול. מ'דעקט מיר גוט אַרום די פיס. אַ, סאַראַ תענוג צו זיצן!

כ'קוק אויף מיין קראַנקן־בעט. אין גיכן וועל איך עס פאַרלאָזן. כ'וועל זיצן אין אַ פאָטעל און לייענען.

אַ קליינע רעמיניסצענץ פון די „געזונטע" צייטן און אַ שאָטן שוועבט אַדורך פאַר מיינע אויגן. ס'ווערט מיר אומבאַקוועם. דער קאָפּ זינקט שווער, די גלידער ציִען אַראָפּ. כ'בין זייער מיד.

די שפּאַנונג איז פאַרביי. ס'באַהערשט מיך אַן אומהיימלעכקייט און אומרויִקייט. ווי אַזוי וועל איך זיך פילן?

איך וויל צוריק אין בעט אַריין.

בעת די קראַנקנשוועסטער מאַכט צורעכט די וועש אויף מיר, דערזע איך מיט אַמאָל עפּעס, וואָס מאַכט מיך שטוינען. די אויבערשטע טיילן

פון מיינע פיס, די שענקלען, זענען אַזוי אומגעווינלעך דאַר געוואָרן, אַז זיי זענען ענלעך צו די הענט. אַזאַ אויסטערלישע מאָגערקייט האָב איך נאָר געזען אויף די בילדער פון די געפייניקטע נאַצי־קרבנות אין די דייטשע פאַרניכטונג־לאַגערן. איך וווּנדער זיך אויף דעם מערקווירדיקן פענאָמען — ווי אַזוי קען מען אין דריי טעג אַזוי אָפּפאַלן? האָב איך פאַרלוירן אַזוי פיל בלוט? וואָס פאַראַ קאָנטראַסט איז דאָס מיט דעם אויסזען פון מיין געזיכט, וואָס איז נישטקשה פאַרקיילעכיקט און לייכט פאַררויטלט. אַלע זאָגן, כ׳זע אויס גוט. פשוט אומגלויבלעך. כ׳באַשמיר מיר די ליפּן — זאָל כאָטש דאָס פּנים מיינס זיין מיט לייטן גלייך... מ׳פאַרבינדט מיר די האָר מיט אַ רויט בענדעלע, זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן. אין ערשטן מאָמענט געפעלט עס מיר, אָבער תיכף גיט עס מיר אַ שטאָך אין די אויגן און כ׳בעט עס אַראָפּצונעמען. צופיל קאָקעטעריע פאַר מיר...

***

יעדן אינדערפרי נעמט מען מיר אַראָפּ דעם באַנדאַזש פונעם ברוסט־קאַסטן. דער דאָקטאָר באַטראַכט מיך, פאַרדעקנדיק פריִער מיין פּנים. כ׳פאַרשטיי — ס׳איז בעסער פאַר מיר נישט צו קוקן. כ׳מאַך אויך נישט די גאַנצע צייט קיין שום פּרוּוו צו וואַרפן אַ בליק אויף מיינע ווונדן. כ׳פיל אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַר דעם מאָמענט און וויל אים נישט צואיילן. בשעת דעם באַטראַכטן מיך מאַכט ד״ר ק. קורצע באַמערקונגען, וואָס באַצייכענען מיין מצב אין סאַמע סופּערלאַטיוון, ווי „פּערפעקט״, „גאָר גוט״ אאַ״וו.

איך טראַכט בשעת־מעשה: איז עס טאַקע אַזוי גוט? ווי עס זאָל נישט זיין, טרייבן זיינע ווערטער אָפּ מיין מורא פאַר קאָמפּליקאַציעס צוליב דעם אָפּטן, ציִענדיקן און שטעכיקן ווייטיק.

איין מאָל איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך. דאָס איז געווען דעם פערטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע.

דער ד״ר ק. האָט, ווי שטענדיק, באַקוקט די ווונד און איז געשווינד אַרויס פון צימער, איבערלאָזנדיק דעם דאָקטאָר ט. און די קראַנקנשוועס־טער, זיי זאָלן איבערבינדן דעם באַנדאַזש. דאָקטאָר ט. האָט מיך באַלד

אויך פאַרלאָזט און נאָך אים — די קראַנקנשוועסטער. זי איז אַוועק און, ווייזט אויס מעכאַניש, אַראָפּגענומען דעם שלייער פונעם געזיכט און גע־לאָזן די וווּנדן לגמרי אויפגעדעקט.

נישט ווילסנדיק וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָב איך אומגערן געגעבן אַ קוק אויפן ברוסטקאַסטן און כ׳האָב דערזען עפּעס שווידערלעכס, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפצאַפּלען און גליוּוערן איינציייטיק.

אויף דעם מאָנסטרועז־דעפאָרמירטן קערפּער, פון וועלכן ס׳איז פאַר־שווּנדן דאָס פליש, האָבן שאַרף אַרויסגעסטאַרטשעט בלויז די ביינער פון אונטער דער אָנגעצויגענער הויט. לענגויס דער לינקער זייט, פון דעם אָרעם כמעט ביזן בויך, האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצע, געדיכטע נאָט. אַ נאָט, געצייכנט אין זיג־זאַגן מיט אַ דיקן, שוואַרצן פאָדעם. משוגענער־ווייז האָט אַ פּינצטערניש גענומען טאַנצן פאַר מיינע אויגן און די שוואַרצע פּונקטן שטעכן שפּיזיק מיין צעוויטיקטע נשמה.

ס׳האָט מיך אויפגעטרייסלט אַ ספּאַזמאַטישער געוויין און ער האָט מיך געוואָרפן ווי אין אַן אָנגריף פון מאַלאַריע. דאָס בעט האָט געציטערט אונטער מיר, אונטערן בעט — די פּאָדלאָגע. דער גאַנצער צימער, אַלץ אין מיר און אַרום מיר האָט געציטערט פון מיין גרויסן בראָך.

די קראַנקנשוועסטער זענען געקומען צו לויפן, נאָך זיי — דער ד״ר ט. אַלע האָבן צו מיר גערעדט מיט באַרויִקנדיקער ווייכקייט:

— ס׳וועט נישט פאַרבלייבן אַזוי. ס׳פּילט זיך שפּעטער אָן מיט פליש. די נאָט פאַרוואַקסט. די שוואַרצע פעדים ווערן אַראָפּגענומען. שוין געהאַט אַ סך אַזעלכע פאַלן. די פּאַציענטן פילן זיך שפּעטער זייער גוט.

אָבער זייערע ווערטער איבערצייגן מיך נישט. — זיי קוקן אויף דעם יעדן טאָג — טראַכט איך מיט שרעקלעכער בושה אין מיטן פון דעם שווערן ספּאַזם. די שפּאַנונג איז אַן אומגעהויערע. איך קען זי נישט אויס־לאָדן ביז איך פאַרליר די כוחות. פון שוואַכקייט קען איך מער נישט אַרויס־ברענגען פון זיך קיין געוויין. פון מיר רייסט זיך נאָר אַ מין שטיל וואָיען. ס׳שטיקט אין גאָרגל. ס׳כאַפּט מיך אַ הוסטן. איך קען נאָך אַלץ נישט באַהערשן מיין יאָמערן. מיר דאַכט זיך: נאָך אַ ביסל און עפּעס וועט זיך אין מיר אָפּרייסן. מיין האַרץ וועט פּלאַצן.

ס׳פאַרגנבעט זיך אַ געדאַנק: דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע פאַר מיר! איך וויל נישט, איך קען נישט אַזוי לעבן! אין מיטן פונעם סאַפּענ־דיקן געוואַי אַרבעט פיבערהאַפט דער מוח: וואָס זאָל איך טון? וואָס טון?... אַ שאָד וואָס כ׳האָב נישט ביי זיך קיין שערעלע אָדער מעסערל איבערצו־שניידן די אָדערן. און אפשר זאָל איך אויסנוצן דאָס מעסער, וואָס מ׳דער־לאַנגט מיר ביים מיטאָג אָדער אָוונטברויט? (מ׳ברענגט מיר שוין לעצטנס אויך אַ מעסער צום עסן, הגם איך קען זיך מיט דעם נאָך נישט באַדינען).

אין דער צעגליטער האַלוציגאַציע זע איך שוין ווי כ׳אַמפּער זיך מיטן טעמפּן מעסער אין מיין שוואַכער האַנט. אָבער ווען וועל איך בלייבן אַליין? ס׳איז גראָד אַ צופאַל, וואָס איצט איז קיינער ביי מיר נישטאָ.

מיין מאַן איז געלאָפן זוכן סטרעפּטאָמיצין און זוימט זיך לאַנג.

איך קען דאָך דאָס מעסער באַהאַלטן אויף ביינאַכט — די נאַכט וועט ער שוין ביי מיר נישט וואַכן, פאַלט מיר ווידער איין.

כ׳באַטראַכט גענוי די אָדערן אויף דער האַנט. זיי זענען זייער דין און געפונען זיך טיף אונטער דער הויט. שמאָלענקע, העל־בלוילעכע פּע־דימלעך. ווי־זשע זאָל איך זיי איבערשניידן? — אָט דאָ, ווי זיי קרייצן זיך! איך קוק זיך גוט איין אויף דעם אָנגעצייכנטן אָרט, און די האַנט הייבט זיך אָן טרייסלען אין אַ קאַלטן ציטער. און באַלד ווי ס׳וועט זיך באַווייזן בלוט, וועל איך די האַנט דאַרפן אַריינלייגן אין וואַסער. אַזאַ זעלבסט־מאָרד האָבן פּראַקטיצירט די רוימישע פּאַטריציער — דערמאָן איך מיך.

מיט מיינע אומרויקע רעיונות לויף איך אַרויס אין יענער ווייטער געשיכטלעכער עפּאָכע. איך זע, ווי עס שניידן זיך איבער די אָדערן דער לעבנסלוסטיקער שרייבער פּעטראָניוס און דער סטאָישער פילאָסאָף סענע־קאַ, אַ פאַראורטיילטער צום טויט דורך זיין אייגענעם תלמיד, דעם בלוט־דורשטיקן נעראָן.

און דערנאָך גיט מיר אין האַרצן אַ ביס אַ נייע, בייזע מחשבה: וועט ביי מיר אפשר דאָס בלוט אַרויספליסן אַזוי פּאַמעלעך ווי ביי סענעקאַ, וועלכער האָט געמוזט צו איילן זיין סוף דורך איינגעמען סם?

ניין! — זאָגט אונטער דער צעהיצטער מוח — איך האָב דאָך פאַר־לוירן אַ סך בלוט. איבער מיר וועט דער מלאך המות האָבן אַ גיכערע שליטה.

ווען איך געפינען גענוג כוח נישט צוריקצוציִען זיך אין דער לעצטער מינוט ביים דערשפּירן דעם ערשטן ווייטיקלעכן שניט?

איך אָן שוין, ווי דאָס מעסער פּאַרטיפט זיך אין מיין לעבעדיקן פלייש. אַ שמערצלעכער רעפלעקס פון דער ביאָפּסיע. אַ שוידער כאַפּט מיך אַרום.

און וואָס פאַראַ אויסטערלישע דערשיטערונג דאָס וועט אַרויסרופן ביי מיינע נאָענטע!

פּלוצלינג דערזע איך אין דמיון מיין געטרייען מאַן, וועלכער פאַר־ברענגט ביי מיר שוין עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט. כ׳האָב אים קוים איבער־געצייגט, ער זאָל היינט אין אָונט אַהיימגיין זיך אויסרוען. ס׳וואָלט געווען נידערטרעכטיק פון מיין זייט גראָד די נאַכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער וואָלט זיך דאָס גאַנצע לעבן געמאַכט פאָרווורפן, וואָס ער האָט מיך געלאָזן אויסער זיין השגחה.

די קראַנקנשוועסטער שטייט ביי מיר און נייט מיך צו עסן דאָס פרישטיק, וואָס זי האָט פריִער אַריינגעבראַכט און וואָס איז געבליבן נישט אָנגערירט.

— איר שטרייקט מיטן עסן? — פרעגט זי מיך האַלב איראָניש, האַלב ערנסט.

טאַקע אַ הונגער־שטרייק! — גיט מיר אַ פּיק אַ געדאַנק. נישט עסן אַ צוויי־דריי טעג, וועל איך פון שוואַכקייט איינשלאָפן אַן אייביקן שלאָף. יאָ, דאָס איז דער בעסטער וועג פאַר מיר — באַשליס איך. אָבער דער קראַנקנשוועסטער ענטפער איך, אַז איך האָב נישט קיין חשק צו עסן.

ס׳קומט אָן מיין פלימעניצע און תיכף נאָך איר מיין מאַן. ער קומט אַריין אַ פאַרפּלאָנטער און מיט אַ טריִומפירנדיקער מינע.

— איך בין אויסגעלאָפן האַלב בוענאָס־איירעס, אָבער כ׳האָב באַקומען סטרעפּטאָמיצין — זאָגט ער מיט סאַטיספאַקציע, גלעטנדיק מיך צאַרט.

ער נעמט מיין פרישטיק פון טיש און דערלאַנגט עס מיר גלייך אין מויל אַריין. איך דריי אַוועק דעם קאָפּ.

— פאַרשלאָסן איז מיין שלונג. כ׳קען בשום אופן נישט — זאָג איך אים.

— דו מוזסט, מוזסט אַ סך עסן, כּדי צוריקצוקומען צו די כּוחות. דו מוזסט לאַנג לעבן פֿאַר מיר! כ׳בעט דיך, עס, ׳עס פֿאַר מיר! — ער שטופּט מיר דאָס לעפֿעלע אין מויל אַריין.

איך פֿאַרליר זיך. וואַקל זיך אַ רגע. האַלט נאָך פֿאַרשלאָסן די ליפּן. אָבער עפּעס צעגייט אין מיר. איך פֿאַרמאַך די אויגן (כ׳שעם זיך פֿאַר אים מיט מײַנע מיאוסע טראַכטענישן) און מאַך לײַכט אויף דאָס מויל. כ׳הייב אָן צו שלינגען די טיי: צוערשט אַ ביסעלע, אײַנגעהאַלטן, דערנאָך איין לעפֿעלע נאָכן צווייטן.

איך פֿיל — דער לעבנסווילן האָט געזיגט.

מײַן פֿלימעניצע, אַ חנעוודיק, גרעאָטן מיידל, ברעכט זיך נעבעך איר רירעוודיק קעפּל מיר צו דערצײלן אַלץ פֿריילעכע זאַכן, אַרויסצורופֿן ביי מיר אַ שמייכל. אָבער איך הער זיך קוים צו צו איר ווילער פּלאַפּלערײַ.

כ׳טראַכט שוין נישט וועגן זעלבסטמאָרד. דער געדאַנק איז ערגעץ פֿאַרטריבן געוואָרן. פֿון צייט צו צייט טוליכט נאָר אויף פֿאַר מײַנע אויגן די שוואַרצע נאָט — אַמאָל אַ לאַנגע און דינע, אַמאָל אַ קורצע און דיקע, געדיכטע שוואַרצקייט. זי שפּרינגט אַרום איבערן צימער אַמאָל ווייטער אַמאָל נענטער, אַמאָל נאָענט, נאָענט פֿאַר מײַנע אויגן... איך יאָג זי פֿון זיך. כ׳רוף צו הילף די טרייסטווערטער פֿונעם דאָקטאָר און די קראַנקנ־שוועסטער. אפֿשר וועלן אין דער אמתן די ביינער נאָך באַוואַקסן ווערן מיט פֿלייש?...

מײַנע מחשבות ווערן איבערגעריסן פֿון אַ העפּטיקער הוסט־אַטאַקע. איצט, דאַכט זיך, קומט שוין מײַן סוף. אַזאַ אָנפֿאַל האָב איך נאָך נישט געהאַט. דער הוסט וואַרפֿט מיך ווי אין קאָנוווּלסיע. איך שטיק מיך. איך נעם אײַן אַ באַרויִקונגס־מיטל, אָבער עס ווירקט נישט. דאָס הוסטן האַלט אָן אַזוי לאַנג ביז איך רײַס אַרויס מיטן העפּטיקן הוסט, וואָס האָט מיר שיִער נישט אויפֿגעריסן די געדערים, אַ גרוי־גרין שטיק געדיכטע פֿלעג־מע. כ׳פֿאַל איצט אַוועק אַ דערשעפּטע.

אַ זאַנפֿטער דרימל היילט מיך מיט באַרויִקונג און קרעפֿטיקונג.

אַ דערפֿרישטע נעם איך דערנאָך גערן דאָס עסן, וואָס מ׳דערלאַנגט מיר. איך באַמי זיך צו עסן. איך וויל, ס׳זאָלן זיך וואָס גיכער אויספֿילן מיט פֿלייש אַלע מײַנע סקעלעט־פֿאַרמען. קיין געשמאַק אין די מאכלים

פיל איך נישט. ביי מיר האָט אַלץ אַ טעם פון גראָז. מיין אויסגעטריקנטער האַלדז שלינגט נאָר דורשטיק און אָפּט אַ דערקוויקנדיקן געטראַנק.

כ׳פּרוּוו לייענען, אָבער די אותיות שפּרינגען מיר פאַר די אויגן. ווען איך באַוויז שוין מיט אַן אָנשטרענגונג עפּעס דורכצולייענען, קען איך מיך נישט קאָנצענטרירן דערויף.

***

נאָך די פיינפולע איבערלעבענישן פונעם טאָג האָט זיך נאָך ערגער געשטעלט די נאַכט.

שוין אין אָוונט האָט מיך גענומען שטאַרק מאַטערן דער הוסט. אין מיטן דער נאַכט איז מיך באַפאַלן אַזאַ שטאַרקע אַטאַקע פון דושנעקייט און אַזעלכע קרעמפּן, אַז כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל פּשוט דערוואָרגן. אויף מיינע רופן זענען געקומען צו לויפן די קראַנקנשוועסטער און דער דיזשור־רירנדיקער דאָקטאָר. מ׳האָט מיר געמאַכט איינשפּריצונגען, וואָס האָבן מיך אָבער וויייניק באַרויקט. אַזוי האָב איך זיך געמאַטערט כמעט אַ גאַנ־צע נאַכט. ערשט ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, בין איך איינגעשלאָפן אַ מידע.

אין דער פרי האָב איך זיך איבערגעוועקט אין גאַנצן אַ הייזעריקע. כ׳האָב פּשוט פאַרלוירן די שטים און קוים געקענט אַרויסברענגען אַ כרי־פּעדיק פּליסטערן.

איך פרעג מיין דאָקטאָר: — וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען ביינאַכט? וואָס זאָל איך טון, אַז דאָס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן?

— ס׳איז געווען גיכער אַ נערוועזישע דערשטיינונג. ס׳וועט אַדורכגיין.

כ׳פאַרשעם זיך פאַר מיר אַליין. הייסט עס, איך קען נישט הערשן אי־בער מיינע צעשרויפטע נערוון. כ׳בין אַ היסטערישע. כ׳מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין.

די וויטערדיקע נאַכט איז מיך ווידער באַפאַלן אַזאַ העפטיקע אַטאַקע פון דושנעקייט און שטיקעניש.

ווען ד״ר ז. איז מיך געקומען באַזוכן, האָט ער געדולדיק מיר אויפ־געקלערט די סיבות פון די אויסטערלישע נאַכט־אַטאַקעס. אויך האָט ער מיר געגעבן אַ געוויסע פּראָפילאַקטיק:

אין אָוונט פאַלט באַדייטנדיק די טעמפּעראַטור. אַזוי ווי איך בין שטאַרק פאַרקילט און מיינע אָטעם־רערן זענען זייער עמפּינדלעך, פאַר־טראָג איך נישט די אָפּגעקילטע לופט. כ׳דאַרף אין אָוונט אַרומוויקלען דעם האַלדז מיט אַ וואַרעם שאַליקל, כדי אים צו פאַרהיטן פאַר דער נאַכטיקער קילקייט.

כ׳האָב טאַקע אַזוי געטון און די נאָכקומענדיקע נאַכט איז אַדורך אַ ביסל לייכטער. אָבער עטלעכע טעג בין איך געווען פולשטענדיק הייזע־ריק, פאַר וואָס כ׳האָב זיך שטאַרק באַאומרויִקט.

וואָס איז געשען מיט מיין שטים? כ׳פלעג זיך אַמאָל פאַרקילן, ווערן הייזעריק, אָבער קיינמאָל נישט אין אַזאַ מאָס. צו די אַלע צרות איז מיר נאָך צוגעקומען די מורא צו האָבן פאַרלוירן דאָס קול.

צוביסלעך האָב איך זיך אָבער באַרויִקט, מחמת קיינער פון די דאָק־טוירים האָט נישט גענומען די זאַך ערנסט. מסתמא איז עס נישט סכנותדיק.

ד״ר ג., וועלכער פלעגט אַלע מאָל קומען צו מיר מיט אַ דערמוטיקנ־דיק וואָרט, האָט אויף מיין שרעק צוליב דעם הייזעריקן שעפּטשען אָפּגע־ענטפערט: „כ׳ווייס, ווי שלעכט ס׳פילן זיך פרויען, ווען זיי קענען נישט רעדן אַפילו אַ קורצע צייט... זייט רויִק, איר וועט שנעל צוריקבאַקומען אייער שטים״.

ווי תמיד האָט ער געלאָזט דעם גאַנצן צימער אַ צעשמייכלטן און אויך מיך אויפגעהייטערט מיט זיין געזונטן הומאָר.

XVIII

צוריק אַהיים!

שבת האָט ד״ר ק. מיר אָנגעזאָגט, אַז מיין צושטאַנד איז אַ צופרידנ־שטעלנדיקער און איך קען שוין די ווייטערדיקע רעקאָנוואַלעסצענץ אַדורכ־מאַכן אין דער היים. די ערשטע וואָך וועט מיך באַזוכן דער געהילפס־מעדיקער און מיר געבן די נייטיקע באַהאַנדלונג: רייניקן די ווונדן, באַ־שמירן זיי מיט פּאָמאַדע „ציקאַטול״, בייטן די באַנדאַזשן אאַ״וו.

שפּעטער וועל איך דאַרפן קומען דריי מאָל אַ וואָך אין דער סאַנאַ־טאָריע אויף ווייטערדיקע קוראַציע.

כ׳וועל אויסגעשריבן פון דער קליניק צומאָרגנס, זונטיק.

די פאַראָרדענונג האָב איך אויפגענומען מיט געמישטע געפילן. דער קלאַנג „היים״ האָט געמאַכט אויפצאַפּלען מיין האַרץ און עס אָנגעפילט מיט די וואַרעמסטע סענטימענטן.

אָבער דערפאַר ווערט מיר אַוועקגענומען די זיכערקייט, וועלכע ס׳האָט מיר געגעבן די קליניק.

ווי אַזוי וועל איך אויסקומען אָן דער שוץ פונעם ד״ר ק., וועמענס זאָרגפול אויג האָט מיך די גאַנצע צייט באַוואַכט? וואָס וועל איך טון אָן דער קליינער, אָבער סאַמאַריטאַנער געזונטהייטס־בריגאַדע, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך ד״ר ט.? כ׳פיל זיך פאַרלוירן אויך אָן דער הילף פון אַ קראַנקנשוועסטער. כ׳האָב מורא פאַר מיין אומבאַהאָלפנקייט אין פאַל פון אַ שטאַרקערן ווייטיק אָדער עפּעס אַ קאָמפּליקאַציע. כ׳קען נאָך אַלץ נישט אַליין אַראָפּגיין פונעם בעט. כ׳בין נישט בכוח אַפילו זיך איבערצו־

דרייען אויף דער געזונטער זייט; כ׳מוז צו דעם האָבן עמעצנס הילף. ווען ליגן זיך אויף דער קראַנקער זייט קען גאָר קיין רייד נישט זיין. די קלענסטע באַוועגונג רופט אַרויס שאַרפע יסורים.

ביזן אַרויסגיין האָבן אין מיר געקעמפט קעגנזעצלעכע געפילן.

זונטיק אין דער פרי בין איך געווען שטאַרק גערירט ביים געזעגענען זיך מיטן ד״ר ט. און זיין פּערסאָנאַל. מיט אַ באַזונדערער האַרציקייט האָב איך זיך געזעגנט מיטן ד״ר ק. ס׳ערשטע מאָל נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך ביי מיר אַזוי אויפגעבונדן די צונג. פון מיינע טיפענישן זענען געפלאָסן די שטילע, הייזעריקע ווערטער, אָבער פולע מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיין וואַרעמע באַציִונג צו מיר. כ׳האָב אים געדאַנקט, וואָס ער האָט נישט פאַרפעלט צו זען זיינע פּאַציענטן אַפילו נעכטן, שבת אין אָוונט, ווען ער האָט זיך געקליבן אויף אַ שמחה. (ער איז געקומען מער אויסגעפּוצט ווי תמיד.)

אָפּגעזעגנט זיך מיט אַלע, האָב איך דערשפּירט אין זיך אַ נייעם גייסט. די גאַנצע מורא איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. כ׳האָב דערפילט אַ צופלוס פון כוח און אַמביציע, וואָס האָט זיך געוועלט קעגן יעדן אויסדרוק פון שוואַכקייט און שפלות. ווען אָנגעטון אין „געזונטע״ קליידער וואָלט איך געגאַנגען, ווי אַן אינוואַליד אונטערגעהאַלטן דורך עמעצן, וואָלט איך אויסגעזען נעבעכדיק אין מיינע אייגענע אויגן. איך וואָלט זיך געשעמט פאַר מיינע פריינד, וועלכע זענען געקומען מיט זייער אויטאָמאָביל מיך באַגלייטן אַהיים. אַנדערש — איצט.

אַלץ אין מיר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין שטאַרקן ווילן, וואָס יעדער אבר גיט זיך אים אונטער: האַלטן זיך פעסט!

כ׳בין אַרויס פון שפּיטאָל־צימער מיט אַ זיכערן טראָט. דאָס האָט אַפילו מיך אַליין געמאַכט שטוינען. ערשט מיט אַ שעה פריִער האָב איך נישט געקענט זיך האַלטן גלייך אויף די פיס. סאַראַ געהיימנישפולע קראַפט לענקט מיינע טריט מיט אַזאַ זיכערקייט!

אויסהאַלטן! נאָר נישט אומפאַלן! נאָר נישט וואַקלען זיך!

כ׳שטופּ לייכט אָפּ מיין מאַנס אָרעם, וואָס ציט זיך אויס מיך אונ־טערצושפּאַרן, און שפּאַן אַליין.

כ׳בין אויסערגעוויינלעך גערירט. כ׳פיל נישט קיין שטעכעניש, קיין ציִעניש, אַפילו נישט די שטאַרקע געפּענטעטקייט פון באַנדאַזש, וואָס האָט מיר געהאַמעוועט דעם אָטעם. אדרבה, ס׳באַוועלטיקט מיך אַזאַ לייכט־קייט, וואָס גיט מיין גאַנג אַ שוין לאַנג נישט אָפּגעפילטע עלאַסטישקייט.

כ׳טרעט איבער די שוועל פון דער קליניק און דאָס האַרץ נעמט מיר קלאַפּן אַזוי האַסטיק, אַז איך הער עס דייטלעך. איך קוק אויף דעם גרויען, פאַרכמאַרעטן הימל, אָבער מיר דאַכט זיך ,אַז אַ גרויסע העלע ליכטיקייט בלענדט מיינע אויגן.

דער געווימל פון מענטשן, דער גערויש, דאָס פּייפעריי און קלאַפּעריי פון די טראַנספּאָרט־וועגענער, די ברויזנדיקע גאַס — דאָס אַלץ פּילט מיך אָן מיט אַן אומענדלעכער שמחה.

אַן אומגעהויער גליק שפּרייט זיך אויס אין מיר, פאַרפלייצט אַלע קעמערלעך פון מיין נשמה און זאָגט אָן:

איך לעב, איך לעב!

איך פיבער פון טיפער עמאָציע, כ׳פיל ווי דאָס בלוט רוישט אין מיינע שלייפן, שלאָגט אָן אין מוח און האַרץ:

איך לעב, איך לעב!

איך פאָר איבער אַ ברייטער גאַס, ווי אין אַ טריומף־צוג צווישן אַ באַוועגלעכן שפּאַליער פון אויטאָס און טראַמווייען — פון אַלע זייטן קלאַפּט, קלינגט און שאַלט עס צו מיר:

דו לעבסט, דו לעבסט!

מענטשן קוקן מיך אָן און פינטלען פריינדלעך מיט די אויגן, גלייך זיי וואָלטן צוגעשאָקלט מיט הסכמה:

יאָ, דו לעבסט, לעבסט!

איך זשליאָקע אַריין אין מיר דאָס לעבן ווי אַ שטאַרקן ווייַן. כ׳בין פאַרשיכורט...

מיר פאָרן זייער פאַמעלעך. אונדזער ליבער אויטאָ־פירער זוכט אויס־צומיידן מיך צו טרייסלען. מיין מאַן דריקט מיינע הענט. זיינע אויגן לייכטן, ער שטראַלט אין גאַנצן. מיר רעדן נישט אַרויס קיין איין וואָרט. ס׳איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן אונדזערע

געפילן. דאַכט זיך, אַלץ איז צו שוואַך צו באַצייכענען אַזאַ עקסטאַז.

איך ווער באַגייסטערט פון אַלעם, וואָס איך זע אויפן וועג. אַלץ איז מיר ליב און טייער. פאַר אַלעם איז דאָ אַ ווינקעלע אין מיין גרויס געוואָרענעם האַרץ. סאַראַ וווּנדערלעכע, שיינע וועלט!

מיר דערנעענטערן זיך צו אונדזער היים! דאָס האַרץ שפּרינגט אין מיר שטאַרק, גאָר שטאַרק. צוריק מיט אַ וואָך, ווען כ'האָב פאַרלאָזט מיין ליבע היים, האָב איך נישט געגלייבט, אַז כ'וועל זיך נאָך ווען עס איז אומקערן צו איר.

אָנגעקומען. כ'וואָלט וועלן צופאַלן צו די ווענט און צו דער ערד און אויסקושן יעדעס ציגעלע, יעדעס שטיינדעלע.

די פיס ציטערן מיר. אין האַלדז שטעלט זיך מיר אַ קניפּ... אַלץ אַזוי ווי פריִער אין די גוטע צייטן. ניין, פיל, פיל מאָל שענער!

אַ נייער צופלוס פון אַ פרישער, וואַרעמער כוואַליע פון גליק. איך טובל זיך ממש אין תענוג, וואָס פילט אָן יעדעס ווינקעלע פון שטוב.

עמאַנירט אַלץ אַרום דאָס גליק, צי פון מיר שטראַלט עס אויף אַלעם אַרום? כ'ווייס נישט. נישט וויכטיק!

איך קוש מיט די בליקן יעדע זאַך, באַריר מיט די פינגער — איז עס אַמאָל נישט קיין חלום פון גן־עדן? ניין, ס'איז די ווירקלעכקייט אַליין און זי איז שענער ווי יעדער טרוים.

דער טיש איז באַצירט מיט ראָזע גליאַדיאָלן. זיי לאַכן מיך מיט זייער קאָליר, טרינקען אָן מיט מחיהדיקן ריח. די פּראַכט און האַרמאָנישקייט פון בלומען שטייען ווידער צו מיין פאַרגעניגן!

כ'צעעפן דאָס פענצטער. אַ נייע ליכטיקייט רייסט זיך אַריין, דרינגט מיך דורך און צעלייגט זיך פאַר מיינע פיס. דאָס ליכט פון דער וועלט דריקט אויס גרייטקייט מיר צו דינען!

מיינע רייזעלעך שטייען אָן רויזן. אָבער אָט קומען שוין אַרויס פרישע קנאָספּן. אַ ניי לעבן גייט אויף. אַלץ אַרום שפּרודלט און זינגט מיט חיות און נעמט מיך ווידער אויף אין זיין מיט.

ווי קען אַזאַ קליין האַרץ אַריינעמען אַזאַ גרויסע פרייד? וואָס פאַראַ פאַרכישופטע כוחות צעציִען עס ביז אומענדלעכקייט?

דאָס זענען די גיגאַנטישע כוחות פונעם גרעסטן כישוף — פונעם לעבן אַליין!

אָבער אַ כישוף באַווייזט זיך אויף אַ קורצע ווייל און דערנאָך פאַר־שווינדט ער.

איך שפּיר, ווי די מעכטיקע פרייד נעמט דריקן אויף די ווענטלעך פון מיין האַרץ. כ׳קען זי מער נישט איינהאַלטן אין מיר. זי רייסט זיך אַרויס אין אַ שטראָם. איך וויין מיט הייסע טרערן פון גליק...

זיך אויסגעוויינט. דער צוויבער איז פאַרביי... ווידער שפּיר איך, ווי עס ציט און שטעכט מיך אין דער קראַנקער זייט. דער קאָפּ פאַלט אין אָנמאַכט. דער גאַנצער קערפּער ברעכט זיך איין. איך גיי אין בעט אַריין. מיין בעט פון אַזוי פיל זיסע חלומות! אָבער איצט קען עס מיך נישט פאַרהיטן פונעם ווייטיק. איך בין ווידער שווער קראַנק. יעדעס אבר שמערצט אין מיר.

אָבער פאַר מיר לייכט שוין אַ הערלעכע וועלט. פאַר איר איז ווערט צו ליידן.

XIX

פּאַמעלעך קומט צוריק דאָס געזונט

ס׳האָבן זיך פּאַר מיר געשטעלט לאַנגע, נודנע טעג און מאַטערנדיקע, דושנע נעכט — די שווערע צייט פון רעקאָנוואַלעסצענץ.

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צו מיינע יסורים און צו מיין שוואַכקייט וועט קיינמאָל נישט קומען קיין סוף.

מער ווי צוויי וואָכן בין איך נאָך פאַרבליבן אין בעט. די אָפּגעדרוקטע ביינער האָבן נישט געקענט כסדר פאַרטראָגן די זעלבע פּאָזיציע — ליגן אויפן רוקן. און דער ווייטיק האָט מיר געשטערט לענגער צו ליגן אויף דער זייט. דאָס געפיל פון געפּאַנצערטקייט, און דאָס שווערע אָטעמען זענען איצט אַרויסגעטרעטן אַ סך שטאַרקער. אַ פּאָר טעג האָט מיך געפּלאָגט דער הוסט, הגם ד״ר ז. האָט אַלץ געטון, כדי גיכער מיך אויסצוהיילן פון דער געפערלעכער פאַרקילונג. דער הוסט איז ענדלעך אַוועק מיט טייכן שוויס, צוליב וואָס מיין אויסגעדאַרטער גוף איז נאָך מער איינגעשרומפּן געוואָרן.

דער פריינדלעכער ד״ר ט. האָט מיך עטלעכע מאָל באַזוכט, כדי איבערצובינדן די וווּנדן. איין מאָל, קורץ נאָך זיין וויזיט, ווען כ׳האָב זיך גראָד געפילט זייער אָפּגעשוואַכט, האָב איך דערזען, ווי מיינע היימי־שע האָבן זיך פאַרדעכטיק איבערגעוווּנקען. זייערע בליקן האָבן אויס־געדריקט אומרו. באַלד איז איינער פון זיי אַוועק צום טעלעפאָן. אין ערשטן מאָמענט האָב איך נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון דעם. ערשט, ווען כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך באַמערקט מיט אַ שוידער ווי די

גאַנצע קראַנקע זייט איז דורכגעווייקט מיט בלוט; פּאַרפלעקט איז אויך דאָס בעטגעוואַנט. ס׳האָט מיך באַפאַלן אַן אויסטערלישער פחד: אָט־אָט, עפנט זיך דער גאַנצער שניט און ס׳וועט אַ פליס טון אַ רויטער שטראָם. אַ קאָנוולסיווער צאַפּל הייבט אָן טרייסלען מיין קערפּער. דאָס וועט נאָך צוויילן דעם בלוט־אויסגוס — טראַכט איך אין טויט־שרעק. אָבער אין דער רגע דערהער איך ווי מיין מאַן אינפאָרמירט: ס׳איז גאָרנישט. נישט די נאָט האָט זיך געעפנט, עס האָט נאָר אַדורכגענעצט די פליסיקייט פון דעם ספּעציעל אַריינגעזעצטן רערל.

כ׳באַרויק זיך אַ ביסל, אָבער עס געדויערט נאָך אַ לענגערע צייט ביז איך קען זיך באַפרייען פון דעם שווערן רושם. דער אָנבליק פון דער פונאַנדערגעגאָסענער רויטקייט צוזאַמען מיט דעם באַזונדערן ריח פון בלוט האָט מיך דעפּרימירט. איך פריש זיך אָפּ דאָס פּנים און באַהערש זיך צוביסלעך. אָבער ווען כ׳בין אַ צוויי שעה שפּעטער אַראָפּגעגאַנגען פונעם בעט, האָב איך ביים ערשטן שפּאַן דערפילט אַ גוואַלדיקע אָפּ־שוואַכונג און באַלד דערנאָך האָט מיך ווי אַ קאַלטע כוואַליע פאַרגאָסן פון קאָפּ ביז פיס. און אַלץ אין מיר רייסט זי אַרונטער. איך שפּיר נישט קיין האַרץ, קיין אבר, גאָרנישט. דאָס האָט מיין גוף אָפּגעשטעלט זיין נאָרמאַלע פונקציאָנירונג. איך פיל דאָס בולט. כ׳באַוויז קוים זיך אָנצו־כאַפּן אין דער נעבענשטייענדיקער שטול און אַרויספּליסטערן: „ס׳איז מיר נישט גוט״. מיר דאַכט זיך, איך פאַל אַריין אין אַ פינצטערן גרוב. דאָס דויערט בלויז אַ קורצע מינוט. דער מוח אַרבעט שוין ווידער. איך הער, מ׳שטייט איבער מיר, מ׳גיסט אויף מיר עפּעס.

— אוי, ווי פאַרחלשט זי איז, כ׳האָב מורא — זאָגט מיין שוועס־טער — זי איז אין גאַנצן קאַלט. כ׳גיי רופן אַ דאָקטער.

— רופט גיך אַרויס דעם דאָקטאָר! — בעט זיך מיין מאַן.

איך וויל זיי זאָגן, אַז כ׳האָב נישט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, איך הער און פאַרשטיי אַלץ, אָבער כ׳קען נישט אַרויסברענגען קיין קלאַנג — אָפּגענומען ס׳לשון. קען נישט אויפמאַכן די אויגן, קיין ריר טון מיט דער האַנט.

מיט איין מאָל דערפיל איך אַ פּאַטשן אין פּנים. כ׳מאַך אויף די אויגן. די שטוביקע שטייען איינגעבויגענע אַרום מיין בעט. ווען האָט מען מיך אַריינגעלייגט אין בעט?

— האָסט אונדז איבערגעשראָקן — שמייכלט צו מיר די שוועסטער.

— מאָדנע! — קלער איך זיי אויף — דער מוח האָט אַלץ אויפגענומען, נאָר דער גוף איז געווען ווי פּאַראַליזירט. כ׳האָב אַלץ געהערט, אָבער נישט געקענט רעאַגירן.

***

בכלל בין איך געווען זייער אויסגעשעפּט. די פּיס האָבן זיך געוואַקלט און נישט געקענט דערטראָגן מיין מאָגערן קערפּער. אויך זיצן אַ לענגערע ווייל איז געווען אומבאַקוועם. דער קאָפּ האָט זיך געבויגן ווי אַ צווייגל אין ווינט. צו דעם אַלעם האָב איך אויך נישט געהאַט קיין אַפּעטיט. מאָמענטנווייז פלעג איך שיער נישט חלשן פון ווידערווילן צום עסן, ווען כ׳האָב בלויז געקוקט אויף דעם.

ס׳איז מיר אויסגעקומען אָנצושטרענגען דעם גאַנצן ווילן, כדי דאָך עפּעס צו פאַרזוכן. בלויז זאַפּטן האָב איך געשלינגען דורשטיק מיט אַ תמיד אויסגעטרוקנטן האַלדז.

אויב די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנגווייליק, זענען נאָך ערגער געווען די נעכט. צוליב דער קלעמונג, וואָס האָט געפּענטעט דעם אָטעם, האָב איך זיך אָפּט איבערגעוועקט פון די לייכטע דרימלען.

אָבער אויך די מאָנאָטאָנקייט פון מיין לאַנג דויערנדיקן רעקאָנוואַלעסצענץ־פּעריאָד איז פון צייט צו צייט געוואָרן איבערגעריסן דורך פריידיקע איבערלעבענישן.

פון יענע טעג דערמאָנט זיך:

שוין געווען אַן ערך צוויי וואָכן נאָך מיין צוריקקומען פון סאַנאַטאָריע. ביז דעמאָלט איז מיין שלאָף ענלעך געווען צום שלאָף פון אַ מידן רייזענדן אין אַן אָמניבוס, וואָס טרייסלט זיך אָן אויפהער. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייט מיך אויפגעוועקט.

דאָס מאָל אָבער בין איך אומדערוואַרט אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, געזונטן שלאָף ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. כ׳בין אַזוי אָפּגעשלאָפן עטלע־

בע שעה. כ׳האָב זיך איבערגעוועקט אַ דערפרישטע און אויסגערוטע, מיט אַ לייכטקייט אין האַרצן. אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס איז געשען. אָבער גיך איז פאַר מיר קלאָר גע־וואָרן: איך אָטעם נאָרמאַל! ס׳ציט נישט, ס׳שטעכט נישט, ס׳קלעמט נישט. אַ מחיה!

— ווייסטו, אַן אָטעם האָט אויך אַ טעם? — פרעג איך מיין מאַן מיט התפעלות. — ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן פיל איך אַזוינס. ס׳האָט טעם גן־עדן! ס׳איז מיר אַזוי גוט, אַזש העל אין די אויגן, לויטערער אין קאָפּ!

כ׳האָב קיינמאָל זיך נאָך נישט צוגעהערט מיט אַזאַ הנאה צו מיין אָטעמען.

ווען כ׳וועל געזונט ווערן, וועל איך תמיד אַזוי אָטעמען — און עס נעמט מיך אַרום אַ פרייד פון דעם בלויזן געדאַנק.

איך שפּיר, מיין אָרגאַניזם ראַנגלט זיך מיט שטערונגען, ער איז שוין אויפן וועג זיי צו באַזיגן.

דאָס געזונט, דער גרעסטער אוצר, האָט צו מיר אַ שמייכל געטון...

כ׳קוק זיך אַרום אַ דערפרייטע. עס צעזינגט זיך אין מיר מיין געמיט ביז... אַ פרישער ווייטיק שליידערט מיך ווידער אַריין אין קראַנקן־בעט און דאָס אויסגעבענקטע געזונט אַנטרינט פון מיר ווי אַ נישט דערגרייכ־לעכער מיראַזש.

***

איך פאָר דריי מאָל אין וואָך אין דער סאַנאַטאָריע אויף ווייטערדיקע קוראַציע. אין אָנהייב איז דאָס געווען פאַר מיר אַ גרויסע אָנשטרענגונג. כ׳בין נאָך שוואַך, די פיס בייגן זיך אונטער מיר, און אַז טיילמאָל קומט מיר אויס לענגער צו וואַרטן אויף אַ טאַקסי, פאַל איך שיער נישט אין אָנמאַכט. כ׳מוז רופן צו הילף מיין גאַנצן ווילן, כדי נישט אומצופאַלן.

דאָס צוג־ווינטל דערפרישט מיך בשעת דעם פאָרן און פאַרטרייבט דאָס געפיל פון האַלב־חלשות.

אין דער סאַנאַטאָריע שפּיר איך זיך נאָך ערגער. דאָס וואַרטן אויף דער ריי מאַכט מיך זייער מיד און דענערווירט. דער שמאָלער קאָרידאָר

פאַר דער קאָנסולטאָריע איז שטענדיק פול מיט קראַנקע, וועלכע קומען אויך אויף קוראַציע אָדער סתם מיט אַן אָנפראַגע. דאָס רוב פון זיי זענען שוין אַ לענגערע צייט נאָך דער אָפּעראַציע.

די קראַנקנשוועסטער בעט, מ׳זאָל זיצן און געדולדיק אויסוואַרטן אויף איר רוף, אָבער אַ סך הערן דאָס נישט. זיי זאַמלען זיך ביים אַרײַנגאַנג צום דאָקטאָר. זיי ווילן איבערהויפּט נישט וויסן פון קיין ריי.

כדי נישט דורכצולאָזן ס׳מיינינקע, מוז איך כסדר לויפן קאָנטראָלירן די אָרדענונג ביים אַרײַנגאַנג. כ׳ווער פון דעם פאַרמאַטערט. כ׳שטעל זיך שוין ליבערשט אַוועק און וואַרט שטייענדיק, כאָטש די פיס טאַמלען מיר.

לסוף באַקום איך זיך אַרײַן אין קאָנסולטאָריע.

דער ד״ר ט. מיט דער הילף פון אַ קראַנקנשוועסטער קורירט און באַנדאַזשירט מיר די וווּנדן. כ׳פיל זיך דערנאָך פרישער, אויך אויפגעהייטערט. דאָס אויג פון אַ קאָמפּעטענטן מענטש האָט באַטראַכט מיין צושטאַנד און אויסגעפונען אַז אַלץ גייט כשורה. עס באַרויקט.

אַמאָל טרעפט, אַז אין אַ פרייער מינוט, צווישן איין אָפּעראַציע און אַ צווייטער , פאַלט אַרײַן אין קאַבינעט דער דינאַמישער ד״ר ק. עס ווערט באַלד אַן אויפלעבונג צווישן אַלע פּאַציענטן. יעדער האָט אים עפּעס צו פרעגן, אַלע ווילן הערן זיין וואָרט, זיין עצה. ד״ר ק. טיילט בשפע אַלעמען זיין ליבן שמייכל און אַנגענעמע קאָמפּלימענטן. דאָס ווירקט דערמוטיקנדיק אויף דעם געמיט פונעם חולה.

***

לערך צו די צוויי וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע איז דער שניט אויפן בויך שוין געווען פאַרהיילט און צונויפגעוואַקסן.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָב איך ביים ד״ר ק. געלאָזט זיך אויפקלערן די „מיסטעריע״ פון דער נישט געפּלאַנטער אָפּעראַציע אויפן בויך. ער האָט זיך געמוזט איבערצייגן, צי אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג — זאָגט ער — כדי מיר צו פאַרזיכערן אַ רויִק לעבן ביז 100 יאָר.

נישט מער און נישט ווייניקער...

דאָקעגן אַ לענגערע צייט האָט געדויערט ביז דער שניט אונטערן אָרעם האָט זיך צוגעוואַקסן.

דאָס אַראָפּנעמען די פּונקטן, פּאַר וואָס איך האָב זיך אַזוי געשראָקן (כ׳האָב נאָך גוט געדענקט די ביאָפּסיע), האָט מיר גראָד נישט פאַרשאַפט קיין ווייטיק.

ס׳איז באַשטימט געוואָרן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך שוין קענען אָנהייבן די ראַדיאָטעראַפּיע. ס׳איז אָבער געשען אַנדערש.

איין מאָל בין איך געקומען אין דער סאַנאַטאָריע מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און דעם באַנדאַזש האָט מיר געמאַכט אַ צווייטע קראַנקנשוועסטער אויף אַ גאָר אַנדערן אופן. זי האָט אים נישט געוויקלט גלייך אַרום דעם גאַנצן ברוסטקאַסטן, ווי מ׳פּלעגט עס ביז איצט טון, נאָר אַריבערגעצויגן פון לינקן אַקסל אונטער דער רעכטער ברוסט.

אַזוי אַרום בין איך כאָטש טיילווייז באַפרייט געוואָרן פון דער שטייפער געפּאַנצערטקייט.

דער מעטאָד איז מיר גראָד געפעלן געוואָרן. אָבער כ׳האָב נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון דער סאַנאַטאָריע, ווי ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער ווייטיק אין דער זאָנגע פונעם שניט. ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז מסתמא איז דער באַנדאַזש שלעכט געמאַכט און איך דאַרף זיך אומקערן אים צו לאָזן פאַרריכטן. אָבער באַלד וואַרף איך אָפּ די מחשבה. בין איך דען באַרופן צו מאַכן באַמערקונגען אַ קוואַליפיצירטער קראַנקנשוועסטער? זי וועט זיך דאָך אויף מיר — און מיט רעכט — באַליידיקן.

איך גיי מיר ווייטער מיין וועג אַהיים מיטן באַשלוס, אויב דער ווייטיק וועט נישט אויפהערן, וועל איך מיר אַליין בייטן דעם באַנדאַזש.

דער ווייטיק האָט מיך טאַקע באַלד אָפּגעלאָזן. דאָקעגן האָט מיך אין מיטן דער נאַכט אויפגעוועקט אַ גאָר שטאַרקער שמערץ. איך האָב געשפּירט אַזוי ווי שאַרפע מעסערס וואָלטן געשניטן די צעווייטיקטע וווּנד. כ׳בין אויפגעשפּרונגען כדי אויפצובינדן דעם שמאָלן, לאַנגן באַנד און מיט שרעק דערזען בלוט. דער שניט האָט זיך אויף איין אָרט געעפנט און ער האָט געטריפט.

מיין מאַן האָט מיר איבערגעבונדן דעם באַנדאַזש לויט מיינע אָנווייַ־

זונגען און אויפֿן פּריַערדיקן שטייגער, אָבער דער ווייטיק, הגם אַ ביסל אַ געמילדערטער, האָט נאָך אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג.

די נייע, פֿריש אָנטשטאַנענע ווונד האָט זיך זייער פֿאַמעלעך און מיט גרויסע שוועריקייטן געהיילט. אייניקע מאָל האָט זי זיך פֿאַרצויגן מיט אַ הייטל — אַ קרעצל, — וואָס האָט זיך, נישט געקוקט אויף מיין גרויסער פֿאָרזיכטיקייט, זייער אָפֿט אַראָפּגעריסן און יעדעס מאָל אויף ס׳ניי גענומען בלוטיקן.

— ס׳איז אָנגעוואַקסן אַ שטיקל ווילד פֿלייש, מיר וועלן עס שפּע־טער אויסברענען — האָט מיר איין מאָל געזאָגט ד״ר ט. — ס׳פֿאַר־היילט זיך גוט — האָט ער צוגעוואָרפֿן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

ווי עס זאָל נישט זיין, צוליב דעם איז די ראַדיאָטעראַפּיע אָפּגעלייגט געוואָרן.

***

די רעקאָנוואַלעסצענץ איז געווען אַ קייט פֿון מאַטערנישן. מאַטער־נישן ביים ליגן און ביים זיצן, ביים שטיין און ביים גיין.

ווען איך פֿאַרלאָז צוביסלעך דאָס קראַנקן־בעט מיט אָפּגעדרוקטע ביינער, קען איך מיר נישט געפֿונען קיין באַקוועמען פּלאַץ צו זיצן. כ׳קען נישט זיצן גלייך אויף אַ שטול. כ׳מוז זיצן אָנגעלענט. אויך די הענט דאַרף איך האַלטן אָנגעשפּאַרט. זיי טוען ווי איין זייער שלאַבעריקייט. איך בין אַזוי שוואַך, אַז איך בין נישט בכוח אָפּצושניידן אַ שטיקל ברויט, צע־שניידן אַ פֿרוכט אָדער אַ שטיקל פֿלייש אויפֿן טעלער. כ׳קען נאָך נישט האַלטן פֿעסט אַ פֿעדער אין האַנט. אויך די לייכטע וואָג פֿון אַ בוך מאַכט ציטערן מיינע הענט. דאָס באַוועגן מיט דער לינקער האַנט, דאָס אויפֿהייבן זי צו קעמען די האָר, אָדער וואַשן דאָס פּנים איז גורם יסורים. כ׳בין געצוווּנגען צוצובייגן דעם קאָפּ צו דער האַנט, כּדי צו קענען — מיט שוועריקייט — ווי ס׳איז זיך באַדינען. כ׳נייטיק מיך אין עמעצנס הילף אויך ביים אָנטון און אויסטון זיך.

— —

מיין שוועסטער האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך דאַרף זיך האַלטן

גלייך, געשטרעקט, דער קראַנקער אָרעם זאָל זיך איינשטעלן צוריק נאָר־מאַל. „שטיי גלייך! גיי גלייך!" דערמאָנט זי מיך אָפּט.

ווען איך זיץ אָדער שטעל אַ טראָט האָב איך אַלץ מורא, צי איין אַקסל איז נישט נידעריקער פון דעם צווייטן.

מיט שרעק באַטראַכט איך זיך אין שפּיגל און מיר דאַכט זיך שוין טאַקע, אַז מיין געשטעל איז נישט קיין ריכטיקער.

כ׳וועל פאַרבלייבן אַ קריפּל — גיט מיר אַ טיאַכקעביים האַרצן.

און ווען איך נעם שוין אָן די געהעריקע פּאָזיציע, וואָלט איך געוואָלט אַזוי פאַרבלייבן אַ לענגערע ווייל. אָבער באַלד ווערט מיר אומבאַקוועם. איך הייב זיך אָן צו דרייען און דאָס שוואַכט מיך אויפסניי אָפּ. ס׳ווערט מיר נאָכאַנאַנד הייס און קאַלט. אַ קאָכעדיקע בלוט־כוואַליע זעצט מיר אין קאָפּ אַריין, עס צעפּערלט זיך אויפן פּנים אַ קיצלדיקער שווייס, און באַלד באַפאַלט מיך אַ קעלט, עס באַדעקט מיך אַ „געגנדזענע" הויט.

איך בין אַזוי פאַרנומען מיט מיינע כלערליי צרות, אַז ס׳קלעקט מיר פּשוט נישט קיין צייט צו געבן אַן ערנסטן טראַכט, הגם מיין מוח אַרבעט שוין נאָרמאַל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי דעם אַלעם לעב איך אויך איבער מאָמענטן פון גליק; ווען די זון־שטראַלן וואַרעמען מיך און לאַשטשען, ווען עס דערגייט צו מיר די שיינקייט פון מענטש און קעגנשטאַנד — נעסטיקט זיך איין אין מיין נשמה אַ טיפע פרייד.

אַלץ וואָס שפּרודלט מיט לעבן רעגט אויף אָן מיין ווילן צום לעבן. יעדעס אַרויסגיין אין גאַס איז פאַר מיר אַ פרישער אַריינמאַרש אין לעבן. יעדעס מאָל דעלעקטיר איך מיך מיט דער העלקייט, מיט דער פאַרבנ־רייכקייט, מיט די קלאַנגען און מיטן גרעזאַנג פון דעם אַרום.

יעדעס מאָל שטעל איך אַנטקעגן די ליכטיקע וועלט דעם פינצטערן טויטן־גרוב, וועלכן כ׳האָב, ווי על פּי נס אויסגעמיטן.

אַזוי פליסן מיינע טעג אין אַ געפלעכט פון יסורים מיט פריידיקייט און לעבנס־עקסטאַז.

XX

אַ בינטל ליכט אויף דער קאַנסער־געהיימעניש

די גאַנצע צייט רופן מיר נישט אָן מיין קראַנקייטביים ריכטיקן נאָמען. איך ווייס שוין, אַז די מייניקע זענען וועגן איר געגוי אינפאָרמירט געוואָרן דורך מיין כירורג, ד״ר ק. אָבער נאָך דער אָפּעראַציע האָבן זיי אָנגעהויבן אַ פאַרקערטע שפּיל מיט מיר, מחמת זיי האָבן געמיינט, אַז איך גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, צו וואָס פאַראַ מין עס געהערט מיין קרענק.

אַ מאָל דערלאַנגט מיר מיין מאַן אַ צייטונג, פון וועלכער עס איז געווען אויסגעשניטן אַ שטיקל.

— וואָס איז געשען מיט דער צייטונג? — פרעג איך אים מיט פאַרוואונדערונג.

אַן אויגנבליק פאַרלירט ער זיך, הייבט זיך אָן צו פּלאָנטערן און דערקלערט, אַז ער האָט באַהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ וועגן זיין אַרבעטס־געביט.

דאָס געהיימעניש פון דעם צייטונגס־אויסשניט איז מיר מיט אַ צייט שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרן.

עס איז געווען, ווען מיינע אַ פריינדין איז געקומען מיך מבקר חולה זיין. איר איז לחלוטין נישט איינגעפאַלן, אַז די סיבה פון מיין אָפּעראַציע זאָל האָבן געווען אַ קאַנסער. אין איר תמימותדיקייט האָט זי מיר דער־ציילט, אַז אין דער דערמאָנטער צייטונג האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל וועגן ברוסט־קאַנסער, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ בהלה צווישן די פרויען.

דעמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן: מיין מאַן האָט פאַרניכטעט דאָס אַרטיקל, מחמת ער האָט מורא געהאַט, איך זאָל זיך מיט אים נישט באַקענען און חלילה נישט חושד זיין... אַז אויך איך בין געפאַלן אַ קרבן פון דער געפערלעכער קראַנקייט.

דער פאַקט מיט דער צייטונג האָט מיר באַוויזן, אַז מיינע נאָענטע האָבן בדעה אָנצוהאַלטן מיט מיר אַ פאַלשע שפּיל... און איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אַצינד האָט עס מער נישט קיין זין. ווען מיר האָבן זיך שוין לסוף אָפּן צונויפגערעדט מיט מיין מאַן, איז אונדז ביידן געוואָרן לייכטער אויפן האַרץ. מיר האָבן זיך שוין געקענט טיילן מיט אונדזערע געדאַנקען. דעמאָלט האָט מיין מאַן מיך אויך פאַרזיכערט, אַז ד״ר ק. האָט מיר ראַדיקאַל אויסגעשניטן און אויסגעברענט דאָס גאַנצע שלעכטע און איך קען זיין „פולשטענדיק רויק“.

און נאָך איין זאַך איז פאַר מיר אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס האָט אַרויסגערופן מיין שטוינונג: דער שנעלער וווּקס פון מיין פאַרהאַרטונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין קאַנסער איז געווען פון די געפערלעכסטע „אינוואַזאָרן“ און ער האָט מיך געהאַט אָנגעגריפן מיט אַ גרויסער קראַפט...

איצט האָבן מיר שוין צוזאַמען זיך איינגעשטודירט אין דער קאַנסער־ליטעראַטור. מאָמענטנווייז האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיין פאַל זאָל האָבן געדינט ווי אַ סיגנאַל...

גראָד נאָך מיין אָפּעראַציע האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען וועגן קרעפס אין די היגע צייטונגען. די „אָזע“ האָט אונטערגענומען אַ ספּעציעלן אַנטי־קאַנסער־קאַמפּיין. אויך איז דאָ הי שפּעטער אַרויס דאָס וויסנשאַפטלעכע, אָבער פּאָפּולערע בוך: „דער מענטש קעגן קאַנסער“ פון ד״ר יצחק בערענבלום, אַ פאָרשער פון „ווייצמאַן־אינסטיטוט“. מיט איין וואָרט, מ'האָט אָנגעהויבן ברייטער צו רעדן און שרייבן וועגן קאַנסער, דעם שונא נר׳ 1 פון דעם מענטש.

דאָס געשפּענסט, וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַן עקזאָטיש באַשעפעניש פון טייוול אַליין, איז, אַ דאַנק דער ליטעראַטור, אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער שיין פון דער וויסנשאַפט און אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיין גאַנצער, ברוטאַלער רעאַליטעט.

פאַר מיר האָט זיך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט דער באַגריף „קאַנ־סער״, דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון אָט דעם געוויקס (טומאָר).

די נאָרמאַלע צעלן, וואָס שטעלן צונויף די פאַרשידענע געוועבן פונעם אָרגאַניזם, מערן זיך לויט געוויסע ביאָלאָגישע געזעצן. די אַלטע און שוין „אויסגענוצטע״ צעלן שטאַרבן אָפּ און אויף זייער אָרט ווערן געבוירן אַנדערע. די נייגעבוירענע קומען אויף פון די שכנותדיקע צעלן דורך צעטיילונג (פון איינער ווערט צוויי). דאָס זעלבע געשעט אויך אין פאַל פון אַ באַשעדיקונג אָדער אַ ווונד. די פּראָדוקציע פון צעלן הערט אויף אויטאָמאַטיש, ווי נאָר דער מאַנגל ווערט אויסגעפילט.

אַנדערש שטעלט זיך פאָר די לאַגע ביים געוועב פון טומאָר.

דאָס געוויקס באַשטייט אויך פון צעלן, וואָס קומען אַרויס פון נאָר־מאַלע, נאָר מחמת אומבאַקאַנטע סיבות איז איין צעל פון זיי אַזוי ווי „משוגע״ געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן אָן אַ דיסציפּלין און אָן אַ סוף. ס׳איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז די טומאָראַלע צעלן מערן זיך שנעלער, ווי די געזונטע.

אויב דער טומאָר וואַקסט אויף דעם זעלבן אָרט און גרייפט נישט אָן אַנדערע אָרגאַנען, איז ער אַ מילדער, אַ „גוטער״. דער קען זיך אַמאָל פאַרוואַנדלען אין אַ „בייזן״. דערפאַר דאַרף מען אים אויך אויסשניידן. ווען דער טומאָר דרינגט אַריין אין אַנדערע שכנותדיקע געוועבן און צע־שטערט זיי, איז ער דאַן אַן א״ג „בייזער״ טומאָר אָדער קאַנסער.

דער קאַנסער צעשפּרייט זיך נישט דורך פאַרבייטן די געזונטע צעלן אין אַנאָרמאַלע, נאָר ווייל די גאָר ערשטע צעל, די „בייזע״ צעוואַקסט זיך אָן אַן אָפּהאַלט. דער טעמפּ פון זיין וווּקס איז אַ פאַרשידענער. טייל פאַרגרעסערן זיך לאַנגזאַם. אַנדערע פאַרטאָפּלען זיך במשך פון עטלעכע וואָכן (ווי מיינער מסתמא!).

דער קאַנסער שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויס געפאַר פאַרן לעבן, ווייל דער אָרגאַניזם אַליין קען זיך נישט ווערן קעגן אים. ער מוז כירורג־גיש באַזייטיקט ווערן. אָבער אָפּראַטעווען דעם קראַנקן קען מען נאָר דעמאָלט, ווען דער בייזער טומאָר איז אַ לאָקאַלער, האָט נאָך נישט צו ווייט פאַרכאַפּט דעם קערפּער. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק נישט צו פאַרשפּעטיקן, צו אַנטדעקן דעם קאַנסער אין זיין אָנהייב־סטאַדיע.

נאָך איין סכנה איז פֿאַרבונדן מיט דעם בייזן טומאָר. זיינע אַנאָרמאַלע צעלן קענען דורך דער בלוט־צירקולאַציע איבערגעשיקט ווערן אין אַנדערע קערפּער־טיילן, ווו זיי וואַקסן אויס און בילדן נייע טומאָרן („מעטאַסטאַזיס״). מחמת דעם איז פֿאַרשפּרייט אַ גלויבן וועגן צווייערליי ראַקן: אַן „ער״ און אַ „זי״; די לעצטע איז געפֿערלעכער, ווייל זי לאָזט איבער „וואָרצלען״ אין אָרגאַניזם.

מיט אַ געפֿיל פֿון דערלייכטערונג האָב איך געלייענט די פֿעסטשטעלונג, אַז דער קרעפּס גייט נישט איבער בירושה און איז נישט אַנשטעקנדיק.

איצט האָב איך קלאָר פֿאַרשטאַנען, ווי אומבאַגרינדעט און קרענקלעך עס איז געווען מיין פֿריִערדיקע מורא אָנצושטעקן מיינע נאָענטע.

ווייטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס זענען נאָך נישט גענוי באַוויזן די אינערלעכע פֿאַקטאָרן, וואָס רופֿן אַרויס די אַנטוויקלונג פֿון דער קרענק. ס׳זענען פֿאַראַן צוויי טעאָריעס: איינע, אַז דער קרעפּס שטאַמט פֿון כעמישע פֿאַקטאָרן, געוויסע אויסשטראַלונגען און רייצונגען; אַ צווייטע, אַז ער איז פֿאַרורזאַכט דורך מיקראָ־אָרגאַניזמען פֿון פֿאַרשידענער גרייס, פֿון אַ ווירוס, וואָס מ׳קען זען נאָר מיט דער הילף פֿון אַן עלעקטראָנישן מיקראָסקאָפּ, ביז אַ גרעסערן באַציל, וועלכער איז ענלעך צום באַציל פֿון טובערקולאָז.

איינעם פֿון די מיקראָ־אָרגאַניזמען פֿון ראַק־קראַנקע חיות און מענטשן זאָל מען אַפֿילו לעצטנס האָבן איזאָלירט און קולטיווירט.

גענויער אָבער זענען שוין אויסגעפֿאָרשט אייניקע אויסערלעכע פֿאַקטאָרן, די סביבה, וואָס באַגינסטיקט די אַנטיישייונג פֿון דעם הויט־קאַנסער, דעם א״ג „פּראָפּעסיאָנעלן״, און דהיינו: דאָס לאַנג־דויערנדיקע רייצן די הויט דורך סאַזשע, דזשעגעכץ (אַלקיטראַן), גאַז, פֿאַרשידענע מינים מאַשין־בוימל, X־שטראַלן אין געוויסע פֿאַלן, אַ טייל סינטעטישע פֿאַרבן א״אַ. אין די אונטערנעמונגען, ווו די אַרבעט איז פֿאַרבונדן מיט די דאָזיקע עלעמענטן, זענען טאַקע אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע פּראָפֿילאַקטישע מיטלען.

ס׳איז אויך באַוויזן געוואָרן, אַז אַלקאָהאָל, טאַבאַק און כראָנישע אָנצינדונגען אין אַן עקסצעסיווער מאָס, רייצן אַן אויף אַ קאַנסער.

עקספּערימענטן האָבן קלאָר געמאַכט, אַז געוויסע סובסטאַנצן קענען

פאַרורזאַכן אַ קרעפּס נאָר אין געוויסע אברים, צ״ב אַן איבערמאָסיקער געברויך פון ניקאָטין — אַ ראַק אין די לונגען. ווען די האָרמאָן־פליסיקייט „עסטראַנאַ״, וואָס דער אייער־שטאָק גיט אַרויס, צירקולירט אין אַ גרע־סערן סכום אין בלוט, איז זי גורם דעם קאַנסער אין דער ברוסט.

מיט אַ באַזונדערער שטוינונג האָב איך אויפגענומען די לעצטע פעסט־שטעלונג. זי באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון מיינע באַמערקונגען בנוגע דעם פרעג־בויגן, וואָס ד״ר ל. האָט מיט מיר אויסגעפילט אין דער קליניק.

אויך אַנדערע האָרמאָנען (די „גאַנאַדאַ־טראָפּישע״, וואָס געפינען זיך אין קאָפּ) קענען האָבן אַ געוויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון אַ ראַק.

און נאָך ווייס איך שוין:

דער קאַנסער טרעט אָפטער אַרויס ביי עלטערע מענטשן. דאָס געשעט נישט צוליב דער אַלטקייט פון די געוועבן, נאָר ווייל די סובסטאַנצן, וואָס פאַרורזאַכן דעם נאַטירלעכן קאַנסער, ווירקן אין אַלגעמיין זייער לאַנג ביז זיי רופן אים אַרויס. דערפאַר דערשיינט ער צום מיינסטן אין די עלטערע יאָרן.

דאַקעגן איז דערוויזן געוואָרן, אַז דער איינגעפלאַנצטער קאַנסער צעוואַקסט זיך גיכער ביי יונגע און געזונטע חיות. דאָס וואָלט באַדייט, אַז דער קרעפּס קלייבט אויס גיכער שטאַרקע און געזונטע אָרגאַניזמען אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קראַנקייטן, ווי למשל טובערקולאָז.

די קאַנסער־קרענק טרעט אויך אַרויס, הגם פיל זעלטענער, ביי קינדער.

די סימפּטאָמען פון דער געפערלעכער קראַנקייט קענען זיין פאַרשי־דענע: בלוטונג פון אַן אָרגאַן, נישט רעגולערע בלוטונג ביי פרויען, בלוט אין דער אורין, צואה, שפייעכץ א״אַ, לאַנג־דויערנדיקע מאָגן־פאַרשטאָ־פונג, אולסער אין מויל, אַ גולע, פאַרהאַרטונג, געשווילעכץ, לאַנג־דויערנ־דיקע הייזעריקייט אָדער הוסט אָן אַ סיבה, פאַרלוסט פון דער וואָג אָן אַ ספּעציעלן מאָטיוו, בראָדאַווקעס, פאַרקלענערונג אָדער פאַרגרעסערונג פון די ברוסטן.

די דערשיינונג פון איינעם אָדער מערערע פון די דאָזיקע סימנים מוז אָבער נישט תמיד באַדייטן דווקא אַ קאַנסער. ס׳ווערט נאָר אָנגעוויזן, אַז אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען קאָנסולטירן אַ דאָקטאָר. ס׳ווערט באַהויפּטעט, אַז ביי אַ באַצייטנס פעסטגעשטעלטן דיאַגנאָז, קען מען אויסקורירן אַ קאַנסער־קראַנקן דורך אַ געהעריקער אָפּעראַציע, אַ־שטראַלן, אַ מין גאַז פון זענעפט (מושטאַרדע), ווי אויך דורך ראַדיאַאַקטיווע איזאָטאָפּן.

מיט גרויס אינטערעס האָב איך נאָכגעפאָרשט(און טו עס אויך היינט) אַלע נייעסן וועגן אַ מיטל, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם טויט־ברענגענדיקן קאַנסער. מיין האַרץ האָט אויפגעציטערט מיט האָפענונג, ווען כ׳האָב געלייענט די באַריכטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַקטעריאָלאָגיע־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אָנהייב סעפּטעמבער 1953 אין רוים. נייע געלונגענע עקספּערימענטן; נייע האָריזאָנטן עפענען זיך פאַרן קאַמף מיט דעם בייז.

דער טעאָרעטיקער פון דעם מיקראָבן־אורשפּרונג פון קאַנסער־קראַנקייט, ד״ר וויקטאָר סימאָן, האָט דורך דער אָנווענדונג פון „טעראַמיסין״ קאָמבינירט מיט „קלאָראָמיסיטין״ דערגרייכט באַדייטנדיקע רעזולטאַטן. אויב די מעדיקאַמענטן היילן נישט אין גאַנצן דעם קרעפּס, שטעלן זיי יעדנפאַלס אָפּ זיין אַנטוויקלונג. ס׳בעסערט זיך דער צושטאַנד פון חולה און ס׳איז מעגלעך מיט אַ כירורגישער אינטערווענץ צו באַזייטיקן דעם אָנוווקס.

ד״ר סימאָן האָט אויך אויסגעפונען, אַז דער שטאָף קאָלעסטעראָל, וואָס איז פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס אין די ראַק־געוועבן, איז אַליין אַן אַקטיוו געווער קעגן דער זעלבער קראַנקייט. די גלוקאָסאַ דאַקעגן, וועלכע אַנטשטייט פון צופיל צוקער, איז געפערלעך פאַרן קאַנסער־קראַנקן. אַ דאַנק דער „טעראַמיסין״ און „קלאָראָמיסיטין״ ווערט באַזייטיקט די פערמענטאַציע פון דער גלוקאָסאַ און עס ווערט צוריקגעשטעלט די גלייכגעוויכט פון דאָזיקן שטאָף דורך דער געהעריקער פונקציע פון דער לעבער.

די גרעסטע רעוואָלאַציע אויף דעם געביט האָט געמאַכט אויפן דערמאָנטן קאָנגרעס פּראָפ׳ זלמן וואַקסמאַן מיט זיין דערקלערונג, אַז ער האָט אויסגעפּרוווט אַ נייעם אַנטי־ביאָטיק מיט פּאָזיטיווע ווירקונגען אויף דעם

קאַנסער. די דאָזיקע רפואה, „אַקטינאָמיסין", האָט ער אַנטדעקט נאָך צוריק מיט צען יאָר, נאָר דאָס אָנווענדן זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו געפערלעך. אָבער נאָך יאָרן שטודירן, איז געלונגען צו באַזייטיקן די גיפטיקע ווירקונגען פון דעם הייל־מיטל. צום ערשטן האָט מען עס אויסגעפּרוווט אויף חיות און מיט אַ גרויסן דערפאָלג. נישט לאַנג האָט ד"ר קריסטיאַן נאַקמאַן צוגעגרייט אַ פאָרמול פון דער „אַקטינאָמיסין", וואָס קען גוט ווירקן ביי מענטשן אָן שום שאָדן.

פּראָפ' וואַקסמאַן האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז הגם זיין מיטל „אַקטינאָמיסין" איז נאָך אין עקספּערימענטאַלן צושטאַנד, זענען פאַראַן האָפענונגען, אַז מ'איז שוין אויף דעם ריכטיקן וועג אויסצוגעפינען אַ ווירקנדיקע רפואה קעגן דער שרעקלעכער פּלאָג, קאַנסער.

***

אין דער פראַגע פון קרעפּס האָט מיך אויך שטאַרק אינטערעסירט דער גראַד פון זיין פאַרשפּרייטונג. איך האָב זיך שוין אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס שלעכטס האָט אַ פיל גרעסערן קוואַנטיטאַטיוון פאַרנעם, ווי כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט. איך האָב זיך דאָך געהאַט באַטראַכט, ווי כ'וואָלט געווען נאָר איינע אויף אַ סך, אַ סך טויזנטער מענטשן. די דאַטן*), וועלכע כ'האָב געפונען, זענען געווען פאַר מיר אַ גוואַלדיקע אַנטפּלעקונג.

אין נאָרד־אַמעריקע שטאַרבן יערלעך 200.000 מענטשן אויף קרעפּס, ד"ה בערך 1,3 פּראָמיל פון דער גלאָבאַלער צאָל באַפעלקערונג. אויף יעדע זיבן טויט־פאַלן איז איינער פאַרורזאַכט פון קאַנסער.

די ווייניקע סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט, באַווייזן, אַז די קאַנסער־שטערבלעכקייט איז דאָ פּראָפּאָרציאָנעל אַ העכערע. אין יאָר 1950 האָט זי באַטראָפן 180 פאַלן אויף 100.000 איינוווינער, ד"ה 1,8 פּראָמיל. זיי רעקרוטירן זיך פון 92 מענער, 82 פרויען און 6 קינדער. בסך־הכל שטאַרבן אין אַרגענטינע אויף קאַנסער נישט ווייניקער ווי 27.000 נפשות אַ יאָר.

---

*) לויט ד"ר י. בערענבלום, אַ וויסנשאַפטלער פון מדינת־ישראל און ד"ר ר. קאַריזשאַ, געזונטהייטס־מיניסטער פון אַרגענטינע.

די צאָל פון די קראַנקע אויף קאַנסער איז נאַטירלעך אַ גרעסערע, וואָרן נישט אַלע שטאַרבן — אַ טייל בלייבט דאָך לעבן. עס פעלט לײדער דער געהעריקער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל.

היות ס׳איז פאַרלענגערט געוואָרן דער דורכשניטלעכער דויער פון מענטשלעכן לעבן און די קראַנקייט אַטאַקירט הויפּטזאַכלעך מענטשן אין עלטער פון 40—70 יאָר, קומט אויס, אַז די צאָל קרעפּס־פאַלן איז פאַרגרעסערט געוואָרן. אגב, דער שטערבלעכקייטס־אינדעקס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי דער העכסטער דווקא ביי די צום מײנסטנס ציוויליזירטע פעלקער. אין די מער אָפּגעשטאַנענע לענדער שטאַרבט מען מכלומרשט ווייניקער אויף קאַנסער, מחמת אַ סך טויט־פאַלן ווערן דאָרט נישט צוגעשריבן דער נאָך ווייניק אויסגעפאָרשטער מחלה.

אויב צוריק מיט יאָרן האָט מען אַרויסגעוויזן ווייניקער קאַנסער־פאַלן, איז עס געשען נישט דערפאַר, ווייל מ׳האָט ווייניק געליטן פון דער קרענק, נאָר דערפאַר, וואָס דעמאָלט זענען דער מעדיצין נאָך נישט געווען אַזוי גוט באַקאַנט די אופנים ווי אַזוי פעסטצושטעלן די דאָזיקע קראַנקייט.

ווען אין אַרגענטינע האָט מען אין 1900 יאָר פאַרנאָטירט 66 טויט־פאַלן פון ראַק אויף יעדע 100.000 איינוווינער, און אין יאָר 1950 כמעט דריי מאָל אַזוי פיל, באַטייט דאָס נאָר, אַז די פריערדיקע ציפער האָט נישט ריכטיק אילוסטרירט דעם דעמאָלטיקן פאַקטישן צושטאַנד.

אין ליכט פון די דאַטן האָבן זיך מיר אויפגעמאַכט די אויגן: גוואַלדיק איז די גרויזאַמקייט פון דעם קאַנסער און שאַרף איז דער סאָציאַלער אַספּעקט זיינער.

***

אַריינגעטון זיך אין דעם פּראָבלעם פון מיין קראַנקייט, האָב איך זיך שוין אויך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע, ווי אַזוי ווערט אייגנטלעך דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע.

ביז איצט איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם. נישט איך און נישט קיינער פון מיינע נאָענטע האָבן געדאַרפט דורכמאַכן שווערע כירורגישע אינטערווענצן. נאָך דעם ווי איך אַליין האָב

אַזאַ געפערלעכע אָפּעראַציע געהאַט אויף מיין אייגענער הויט, האָט מיך אינטריגירט אָט די שאלה:

ווען איך צעשנייד מיר צופעליק אַ פינגער, גיסט זיך דאָס בלוט איבער דער האַנט און ס׳קומט מיר אָן שווער דאָס צו פאַרהאַלטן. טאָ ווי אַזוי־זשע קען דער כירורג מאַניפולירן מיט זיין מעסער, ביסטורי, און דערביי פאַרהיטן, אַז דאָס בלוט זאָל אים נישט פאַרגיסן דעם אָפּעראַציע־שטח און עס זאָל נישט פאָרקומען קיין גרעסערער בלוט־אויסגוס?

ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן די פראַגע אַ ביסל אויפצוקלערן. קודם־כל ווערט גענוי אָנגעצייכנט דאָס אָפּעראַציע־פעלד און דאָס אָרט פון שניט; עס ווערן געמאַכט די אַנאַסטעזיע־איינשפּריצונגען אויף דעם געגעבענעם אָרט ביז אין דער געהעריקער טיף, סיידן ס׳איז פריִער געמאַכט געוואָרן אַן אַלגעמיינע באַטויבונג דורך איינשלעפערן מיט כלאָראָפאָרם. דער אָפּע־ראַטאָר שניידט אויף צוערשט די אויבערשטע שיכט הויט. די אָנגעטראָפענע בלוט־געפעסן בינדט ער תיכף צו, אָדער דריקט זיי צונויף מיט ספּעציעלע צווענגעלעך, כדי צו פאַרהאַלטן דאָס בלוט. דערנאָך שניידט ער אויף אַ צווייטע שיכט און אַזוי ווייטער, ביז ער קומט צו צו דעם אָרט, וואָס ער דאַרף אויסשניידן, פאַרמאַכנדיק כסדר די בלוט־געפעסן אויף דעם גאַנצן וועג, אַווו ער טרעפט זיי נאָר אָן.

ביים שניידן גיט מען אַכטונג נישט צו צעשעדיקן קיין אָדערן.

די פאַרגליוורונג (קאָאַגולאַציע) פונעם בלוט ווערט צוגעאיילט מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט.

ביי דעם אַלעם גייט נאָך געגוג אָפּ פון דער עיקרדיקער פליסיקייט פון יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם. און אָפט, ספּעציעל אין פאַל פון גרעסערע אָפּעראַציעס, זענען נייטיק טראַנספוזיעס פון בלוט.

די בלוט־קאַנאַלן ווערן צוגעבונדן מיינסטנטייל מיט קעטגאָט. דאָס זענען אַ מין סטרונעס פון ציגן־קישקעלעך. (ביי די ייִדן זענען זיי באַקאַנט ווי גדין, מיט וועלכע ס׳ווערן גענייט די „בתים״ פון תפילין).

ביי אַ ברוסט־אָפּעראַציע קען מען דאַרפן צובינדן אפשר הונדערט בלוט־געפעסן.

נאָך דער עקסטירפּאַציע אָדער אַמפּוטאַציע פון דעם קראַנקן קערפּער־טייל, ווערט עטאַפּנווייז צוגענייט יעדע שיכט באַזונדער. צום נייען ווערט

באַנוצט דער קעטגאָט, ווי אויך אַנדערע פּעדים פון זייד, וואָל, ביינוואָל און אַפילו מעטאַל, געהעריק אַנטיסעפּטיש פּרעפּאַרירטע. די פּעדים קענען זיין פון פאַרשידענע קאָלירן. אָנשטאָט פּאָדים ווערן אויך באַנוצט פּאַר דער אויסערלעכער שיכט פון דער הויט מעטאַלענע קלאַמערן, וואָס ציִען צונויף די צעשניטענע לעפצן. דער קעטגאָט, מיט וועלכן די אינער־לעכע טיילן זענען צונויפגעבונדן, ווערט נישט אַרויסגענומען, ווייל מיט דער צייט ווערט ער אַבסאָרבירט דורך דעם אָרגאַניזם אָן שאָדן פּאַר אים. די קלאַמערן ווערן אַראָפּגענומען נאָך דעם, ווי דער שניט איז שוין צונויפגעוואַקסן.

איך טראַכט פון דעם אַלעם און דאָס בלוט גליווערט אין מיר...

XXI

אין ראַדיאָלאָגישן אינסטיטוט

די טעג וואָס גייען פאַרביי, נעמען מיט זיך מיט מיינע שוואַכקייטן, די וויטערדיקע שטאַרקן מיין גוף, שטעלן מיך אויף די פיס.

נאָך עטלעכע וואָכן קען איך שוין זיצן גלייך ביים טיש, צוביסלעך נעמען אַ פעדער אין האַנט אַריין און אין אַלגעמיין זיך פריי באַוועגן.

נאָך אַן ערך צוויי חדשים האָט זיך כמעט אין גאַנצן צונויפגעוואַקסן דער ווידערגעעפנטער שניט און איך האָב באַקומען פון דער סאַנאַטאָריע די רעקאָמענדאַציע אין אַ ראַדיאָלאָגישן אינסטיטוט אויף אַ רענטגען־קוראַציע.

אין אַ געהויבענער שטימונג בין איך אַוועק אין דעם אָנגעוויזענעם אַנשטאַלט. איך האָב באַטראַכט די אַפּליקאַציע פון די x־שטראַלן ווי אַן אָפּשליסונג פון מיין לאַנגער קוראַציע און אַ גאַראַנטיע קעגן אַן עווענטועלן רעצידיוו.

דאָס וועטער איז שרעקלעך, ממש אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן. עס שמייסט אין פּנים אַ שלאַקס־רעגן, באַגלייט מיט אַ פּייפיקן, שניידנדיקן ווינט. די קעלט דרינגט אַריין אין אַלע מיינע ביינער. אָבער איך גיי אָן אַן אָפּהאַלט. שוין געגוג צייט געוואַרט אויף דעם טאָג! כ׳וויל אויף קיין איין מינוט נישט מער אָפּלייגן די ענדגילטיקע היילונג.

די ראַדיאָלאָגישע אָפּטיילונג. עס זיצן שוין עטלעכע מענטשן: יונגע און אַלטע, מענער און פרויען. וואָס פאַר אַ קראַנקייט האָט זיי אַהער געברענגט? די פּנימער זאָגן גאָרנישט. כ׳מיין איך בין דער איינציקער קאַנ־

סער־פּאַל. אמת, מיין געזיכט דערציילט אויך נישט וועגן מיין קרענק...

דורך אַ קראַנקנשוועסטער דערלאַנג איך אַריין דאָס צעטל פון ד״ר ק. אַצינד הייבט מיר אָן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. ס׳איז מיר זייער פּיינלעך אויפצודעקן מיין ווונד. כ׳פיל זיך ווידער פאַרשעמט.

עס עפנט זיך אויף די טיר פון דער קאָנסולטאַריע און ס׳גייט אַרויס דער דאָקטאָר מ., צו וועלכן איך בין באַשטימט געוואָרן.

אַן עלטערער, מיטלוווקסיקער מאַן מיט אַ קיילעכדיקן פּליך, אַרומגענו־מען מיט אַ גרויען קראַנץ האָר. אַ רונד, רויק, אומבאַוועגלעך פּנים, אַ פּאָר אַפּאַטישע אויגן, וואָס קוקן זיך נישט אַרום.

די קראַנקע נעמען זיך איבעררעדן: — איז ער אַוועק אויף לאַנג?

איך דערמאָן זיך, אַז כ׳דאַרף טעלעפאָנירן צו מיינס אַ פריינדין. איך האָב געגנוג צייט, כ׳דאַרף דאָך איבערוואַרטן די פּריִער געקומענע, טאָ גיי איך זוכן דעם טעלעפאָנישן אַפּאַראַט. כ׳דערזע דאָרט טאַקע דעם ד״ר מ. ער פירט אַ געשפּרעך, ווייזט אויס, מיט זיין פרוי. ער שמועסט אָפּ ערגעץ זיך מיט איר צו טרעפן.

— ס׳בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט — זאָגט ער איר — טו זיך וואַרעם אָן. פאַרגעס נישט דאָס שאַליקל אויפן האַלדז!

ער ווייזט אַרויס אַזוי פיל זאָרג און ליבע, אַז מיר ווערט אומאַנגע־נעם צו זיין אַן עדות פון אַזאַ אינטימקייט. איך ד׳ערווייטער זיך פונעם טעלעפאָנישן אויטאָמאַט.

כ׳בין איצט צופרידן, וואָס דווקא ער וועט מיך באַהאַנדלען. אַזאַ איידעלער, סענטימענטאַלער מענטש!

מ׳רופט מיך אַריין אין דער קאָנסולטאַריע. דער דאָקטאָר הייבט קוים אויף די אויגן אויף מיר. באַטראַכט מיך און מיט אַ קלאַנגלאָזער שטים פרעגט ער מיך איבער די דאַטע פון דער אָפּעראַציע.

— ס׳איז שווין צו שפּעט פאַר שטראַלן — זאָגט ער לסוף, קוקנדיק גלייכגילטיק פאַר זיך. — מאַכט אַ ראַדיאָגראַפיע פונעם ברוסט־קאַסטן.

זיין אומגעריכטער און אפשר אויך אומגערעכטער אָפּזאָג האָט מיך אויסערגעווייגלעך צערודערט. כ׳האָב זיך געשפּיר׳ט, ווי מ׳וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. כ׳האָב דאָך אַזוי פיל מאָל געהערט

וועגן דער נויטווענדיקייט פון די x־שטראַלן נאָך דער אָפּעראַציע און פּלוצלינג: „צו שפּעט!"

כ׳האַלט איין מיט כוח די טרערן, וואָס שטעכן די אויגן ווי דינענ־קע שפּילקעס.

— ווען האָב איך געזאָלט קומען, אַז די ווונד האָט זיך אָקאָרשט פאַרמאַכט? — וויינט אין מיר דאָס קול.

— שטראַלן ווענדעט מען אָן נישט שפּעטער ווי אַ חודש נאָך דער אָפּעראַציע — פּאַלט זיין תשובה.

— אָבער דער שניט האָט דאָך דעמאָלט נאָך געבלוטיקט — זאָג איך.

— ס׳מאַכט נישט. שפּעטער איבן שוין נישט אויס די שטראַלן זייער געוווּנטשטע ווירקונג — ענטפערט ער ווידער מיט אַ מאָנאָטאָניע. דאָס דערפירט מיך ממש צו אַ פּוריע.

ווי אַזוי פּאָרט זיך אַזאַ סענטימענטאַלקייט צו זיינס אַ נאָענטן מענטשן מיט אַזאַ קאַלטער הארצלאָזיקייט צו דיליידן פון אַן אַנדערן?

איך בין טיף אויפגעברויזט.

פּאַרשפּעטיקט! אויב ס׳איז אין מיר פאַרבליבן איין קאַנסער־צעל האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן מערן. איין חודש פרי׳ער האָבן זי די שטראַלן נאָך געקענט פאַרניכטן. איצט איז שוין נישטאָ קיין אויסוועג.

דאָס האַרץ ווערט מיר ווידער פאַרקלעמט. כ׳בלייב שטיין אומבאַ־וועגלעך, אָן לשון.

דער דאָקטאָר האָט ענדלעך אויפגעהויבן די אויגן אויף מיר. דאָס אייז האָט אָנגעהויבן נאָכצולאָזן...

— אויב די ראַדיאָגראַפיע וועט אַרויסווייזן, אַז ס׳איז נייטיק אַ ראַ־דיאָטעראַפּיע, וועלן מיר זי אָנווענדן. אויב נישט, איז בעסער פאַר אייך — צעקלינגט זיך שוין אַ וואַרעמער טעמבער אין זיין שטים.

דאָס איבערצייגט מיך טיילווייז און כ׳גיי גלייך מאַכן די רענטגען־אויפנאַמע. מיט גרויס אומגעדולד וואַרט איך אויף דעם דעצידירנדיקן רעזולטאַט.

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי ד״ר מ. האָט באַטראַכט די ראַדיאָ־גראַפיע, זאָגט ער צו מיר:

— זייט צופרידן, אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. מ׳דאַרף נישט קיין שום שטראַלן.

מיין מורא האָט זיך איינגעשטילט. נישט געבליבן קיין שום שפּור פונעם מאָנטסער אין מיר!

כ׳רוף אָן ד״ר ק. און דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע.

— פּוילע תירוצים — זאָגט ער, קאָמענטירנדיק די דערקלערונג פון ד״ר מ. וועגן מיין פאַרשפּעטיקונג.

— דאַרף איך גיין ערגעץ אַנדערשוואו? — פרעג איך מיין דאָקטאָר.

— אויב איר פילט זיך גוט, גייט נישט.

כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי אייגנטלעך צו באַצייכענען מיין צושטאַנד. הייסט אַזעלכער אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער? כ׳ווער באַהערשט פון סתירותדיקע מחשבות און רעאַקציעס.

ווען ס׳וואָלט מיר געדראָעט אַ געפאַר, וואָלט ד״ר ק. אומבאַדינגט מיר געהייסן דורכפירן די ראַדיאָטעראַפּיע. אויב ער טוט עס נישט, באַטייט דאָס, אַז כ׳קען פון דעם רעזיגנירן אָן אַ שאָדן פאַר מיין געזונט. אָבער פאַרוואָס־זשע האָט ער מיר פריִער רעקאָמענדירט די באַשטראַ־לונגען?

פון צייט צו צייט גנבעט זיך אין מיר אַריין אַ וואָרעם, וואָס נאָגט... וואָלט נישט דאָך כדאי געווען אַדורכצומאַכן די שטראַל־קוראַציע?

XXII

אין די קאַרדאָבער בערג

אַלע מעדיטאַציעס ווערן אָפּגערוקט אין הינטערגרונט בשייכות מיט מיין אַרויספאָרן אין די קאַרדאָבער בערג.

כ׳בין טיף געריִרט בלויז פונעם געדאַנק אַליין וועגן דער רייזע. אין מיין זכרון טויכט אויף דער פאַטאַלער טאָג, ווען ס׳איז געפאַלן דאָס שוידערלעכע וואָרט „קאַנסער" און מיין טיפע דערשיטערונג אינעם ליידיקן פּאַוויליאָן בשעת די צוויי קראַנקנשוועסטער האָבן זאָרגלאָז געפּלוידערט וועגן זייערע וואַקאַציע־פּלענער.

כ׳האָב דעמאָלט געגלויבט, אַז שוין!... אַלע וועגן פון דער וועלט זענען אויף אייביק אָפּגעשלאָסן פאַר מיר.

און אָט פאָר איך ווידער, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אין די ווייטע באַרגיקע געגנט. עס איז נאָר דער אונטערשיד, וואָס פריִער פלעג איך פאָרן אויף אָפּרו און פאַרוויילונג און היינט — אויף קרעפטיקונג און רע־פּאַראַציע פון מיין געזונט.

די מאָלערישע פּאַנאָראַמע אַרום, די פרישע, קילע לופט, היפשע עט־לעכע הונדערט מעטער איבער דעם ים־פלאַך, די גוטע האָטעל־באַדינונג און בכלל דער געענדערטער קלימאַט איילן צו מיין פאַרבעסערונג. מיין אָטעם ווערט טיפער און רויִקער, עס שטאַרקט זיך דער אַפּעטיט. איך שפּיר כוחות.

דאָך מאָמענטנווייז פאַרגיסט מיך אַ כוואַליע פון יאוש.

איך קען ווייט נישט, און ווער אפשר שוין קיינמאָל נישט קענען

גענישן פון אַלע פאַרגעניגנס, פון דער פולער פרייד, וואָס דאָס אויסדער־ווײלטע אָרט קען אָנביטן.

איך בין נישט מסוגל צו קלעטערן איבער די בערג, באָדן זיך אין די קאַלטע, שטראָמיקע טייכן. אַפילו דאָס פוילע אויסציִען און קאַטשען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער אויף דעם גרינעם, גראָזיקן טעפּיך אונטער די שטראַלן פון דער זון איז מיר אויך פאַרווערט.

מיט קנאהדיקע בליקן קוק איך אויף די געזונטע, וואָס שעפּן מיט פולע הענט תענוג פון אַן אינטענסיוו לעבן אויף דער שויס פון דער נאַטור.

ווען מיר אויך נאָך אַמאָל צוגעטיילט ווערן מיין חלק פרייד?

איך זיץ ביים ברעג פון אַ רוישיק, באַרגיק טייכל. קליין און גרויס, מענער און פרויען קוויקן זיך מיט דעם אָפּפרישנדיקן וואַסער. טייל וואַרפן זיך מיט קענטיקן פאַרגעניגן אין דער קרישטאָלענער אויבערפלאַך פון טייכל. אָן מורא, נאָר מיט גלויבן און צוטרוי לאָזן זיי זיך טראָגן אויף זיין רוקן. אַנדערע טויכן זיך אונטער. אָט באַווייזן זיך שוין זייערע אויס־געצוואָגענע טשופּרינעס, עס צעשטראַלן זיך טריִומפירנדיקע בליקן. אויך אויף מיר שלאָגט זיך אָפּ דער רעפלעקס פון זייער שטראַלונג. אויף מיין פּנים שווימט אַרויס אַ לייכטער שמייכל.

איין גרופּע יוגנטלעכע שפּילט אין באַל און זייערע פריילעכע קולות הילכן אָפּ אין גאַנצן אַרום. אַן אַנדערע גרופּע, אַקסל ביי אַקסל, אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון אַ שטיפעריש געלעכטער און פריילעכע לידל, טאַנצט און טאָפּטשעט אין וואַסער אַזוי לאַנג ביז די קייט ווערט איבער־געריסן...

איך ווער מיטגעריסן מיט דעם וויברירנדיקן לעבנס־שטראָם. אַך, ווי איך וואָלט געוואָלט טיילן די אַרומיקע פרייד! אָבער איך קען נישט. איך טאָר נישט... אין קאָנטראַסט צו דער לוסטיקער סביבה פיל איך נאָך פיינלעכער מיין אויסנאַם־לאַגע, מיין וויטיקלעכע אָנמעכטיקייט.

כ׳קען מער נישט איינזיצן אויף דעם אָרט און לויף אַוועק ווייט, אין אַן איינזאַם ווינקל.

איך טוליע צו מיין פּנים צו דער ערד, זוכנדיק ביי איר אַ טרייסט.

איך הייב אויף מיין בליק צום לויטערן הימל און זוך ביי אים אַ טרייסט.

נאָר דאָס לעבן, וואָס שלאָגט אין מיר, זיגט.

שוין ווערט מיין אויג פאַרכאַפּט פון אַ צויבערדיק בילד. אַ גאַנצער באַרג־מאַסיוו, וואָס סיי זיין אָנפאַנג, סיי זיין סוף, ווערט ערגעץ פאַרלוירן אין אַ נעפּלדיקער גרויקייט, קייטלט זיך איינער אין צווייטן, איינער אויף דעם צווייטן, ווי די פעלדזן־ריזן וואָלטן געזוכט אַן אָנלען, געגאַרט נאָך חברותא און סביבה... (אויך זיי איז אומעטיק אין דער איינזאַמקייט?) זיי שטייען שווייגנדיק אין זייער מאַיעסטעטישקייט. זייערע שפּיצן ציִען זיך אויס אין דער אומענדלעכקייט און ווערן פאַרפאַלן ערגעץ אין די כמאַרעס.

די פעלדזיקע רוקנס, באַדעקט ווו נישט ווו מיט שיטערע, קאַרליקע ביימעלעך, גלאַנצן מיט אַ געל־גאָלדענעם קאָליר. זיי זענען באַגאָסן מיט זוניקער שטראַלקייט.

פּלוצלינג גיט אַ טאַנץ פאַר מיינע אויגן אַ שאָטנדל און עס צעלייגט זיך אַנטקעגן מיר אויף דער גרינקייט. באַלד ווער איך אויך פאַרהילט אין טונקלקייט. דאָס האָט אַ פאַרבלאָנדזשעט, איינזאַם, גרוי וואָלקנדל מיט העלע, זיג־זאַגיקע זוימען אַ שוועב געגעבן איבער מיין קאָפּ. נאָך אַ קורצער ווייל ווערט מיר ווידער העל פאַר די אויגן. דאָס וואָלקנדל האָט אַוועקגעטאַנצט אויף אַ שכנותדיקן פלאַץ, ווו ס׳האָט זיך טאַקע באַלד באַוויזן אַ שוואַרצער פלעק...

אין דעם שפּיל פון זון און שאָטן, ליכט און טונקלקייט, האָב איך זיך אַליין פאַרשפּילט... דערווייל מיינע אייגענע צרות פאַרגעסן.

אַ באַרויִקטע בין איך צוריקגעגאַנגען אין מיין האָטעל־צימער.

**
*

איין פּונקט פונעם שניט, וואָס האָט זיך געהאַט ווידער אַמאָל גע־עפנט, האָט זיך זייער פּאַמעלעך געהיילט. ער איז אַ לענגערע צייט געווען איבערגעצויגן מיט אַ פאַרטרוקנט קרעצעלע. ביז איין מאָל האָב איך עס אומגערן, ווייזט אויס ביים אויסטועז זיך, פאַרטשעפּעט און אָפּגעריסן. ווידער האָט זיך באַוויזן בלוט...

אַ דערשראָקענע — פון תמיד אָן האָב איך אַ פּאַנישע מורא פאַר בלוט... — בין איך אַוועק צו אַ דאָקטאָר אין קאָרדאָבאַ.

ער האָט מיך באַרוקט. ס׳איז אַ שטיקל ווילד־פלייש אָנגעוואַקסן. מ׳דאַרף עס אויסברענען. ערשט דערנאָך וועט זיך שנעל און לייכט צונויפ־וואַקסן די נאָט. דער מעדיקער, אַ מיטליעריקער מאַן מיט אַ לענגלעכן קאָפּ, אויף וועלכן עס העלט זיך אַ געדיכטע בלאָנדע טשופּרינע, איז אַ זייער באַרעדעוודיקער מענטש. ער פילט אַרויס מיין פיינלעכקייט און זיין צונג צעבינדט זיך מיט אַזוי פיל טרייסט־ווערטער, אַז איך נעם קוקן אויף זיין גוטמוטיק געזיכט דרייסטער און מיט אַ טיפער סימפּאַטיע. בשעת ער רייניקט מיר די וווּנד, רעדט ער צו מיר: „זעט צו עסן אַ סך, נישט אַריינטראַכטן! די ביינער וועלן גיך באַוואַקסן ווערן מיט פלייש. איר וועט שנעל צוריקקומען צו די כוחות און זיין פולקאָם געזונט. אָט קען איך אַ פרוי, וואָס וועט אין די נאָענטסטע טעג פייערן איר 65טן געבוירנטאָג און כמעט אין דער זעלבער צייט פאַלט אויס 25 יאָר נאָך אַן ענלעכער אָפּעראַציע, ווי אייערע. זי איז געזונטער פון מיר — לאַכט ער האַרציק מיט אַ ברייט צעעפנט מויל.

די ידיעה דערפרייט מיך אומגעהויער.

— אַ דאַנק, דאָקטאָר, פאַר אייערע גוטע ווערטער — זאָג איך אים.

— ס׳איז אַן אמת — באַשטעטיקט ער, כדי נישט צו דערלאָזן קיין שום צווייפל אין דער ריכטיקייט פון זיין דערציילונג.

נאָך דעם באַשמירט ער עטלעכע מאָל די אָפענע וווּנד מיט עפּעס אַ ברענשטאָף. כ׳וווּנדער זיך. כ׳פיל אַבסאָלוט גאָרנישט, העכסטנס אַ לייכ־טע טערפּקעקייט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די גאַנצע זייט איז נאָך נישט פילעוודיק, האָלציק.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך שוין אויך געבעטן דעם דאָקטאָר אַ פּאָמאַדע, וואָס זאָל מיר אַ ביסל קילן דאָס אָפטע בייסעניש לענגויס דעם שניט אויפן בויך. די נאָט איז שוין לאַנג געווען אין גאַנצן פאַרהיילט, נאָר דאָס אָנגעוואָקסענע אויף איר הייטל האָט געשמאַרצט.

כ׳האָב נאָך געמוזט מאַכן צוויי באַזוכן ביי דעם דאָקטאָר ביז די וווּנד האָט זיך מיר פולשטענדיק פאַרמאַכט.

פאַר דעם אַזוי מיטפילנדיקן מענטשן האָב איך פאַרבאַהאַלטן מיין

טיפע דאַנקבאַרקייט. ס׳איז דאָך אַזוי לייכט געווען זי ביי מיר צו געפינען! ס׳איז גענוג געווען אַרויסצוווייזן די קלענסטע פאַרשטענדעניש פאַר מיין געמיט־צושטאַנד, אַ גוט מענטשלעך וואָרט.

**
*

די ערשטע עטלעכע וואָכן נאָכן צוריקקומען פון קאָרדאָבאַ האָב איך זיך געפילט פאַרהעלטנישמעסיק זייער גוט. אמת, איך פלעג נאָך גיך מיד ווערן פון דער קלענסטער אָנשטרענגונג, אָבער דאָס אַלגעמיינע זעלבסטגעפיל איז געווען אַ סך אַ בעסערס. אויסגעזען האָב איך זייער גוט — ממש אַ מוסטער פון געזונט. דאָס געזיכט — פאַררונדיקט, די הויט — באַפאַרבט מיט פיגמענט און געזונט בלוט. די האָר, וואָס האָבן מיר אַ געוויסע צייט נאָך דער אָפּעראַציע אָנגעהויבן אַרויסצופאַלן, האָבן זיך באַפעסטיקט אין זייערע וואָרצלען און צוריק באַקומען אַ לעבעדיקן גלאַנץ. די אויגן, וועלכע זענען געווען ווי אַריינגעפאַלן אין טיפע לעכער, האָבן זיך אַרויסגעהויבן און געקוקט צו דער וועלט מיט האָפענונג און גוטער דערוואַרטונג.

דאַכט זיך מיר, אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נישט באַקומען אַזוי פיל קאָמפּלימענטן, ווי אין משך פון אַ פּאָר חדשים נאָך מיין אָפּעראַציע. כ׳האָב בוכשטעבלעך נישט געטראָפן קיין איין מענטש, וואָס זאָל מיר נישט מאַכן קיין פריינדלעכע באַמערקונג צו מיין גוטן אויסזען. און דאָס נישט נאָר פּערזאָנען, וואָס זענען געווען אינפאָרמירט וועגן מיין אָפּעראַציע, נאָר אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן מיך אַ לענגערע צייט נישט געהאַט געזען און נישט געהערט וועגן מיין שלעכטן געזונט.

אין דעם פּרט האָט מיין „ווייבערישע שוואַכקייט" באַקומען אַ געוויסע סאַטיספאַקציע... ווי באַלד כ׳האָב נאָר באַגעגנט אַ באַקאַנטן, האָב איך גלייך קאָקעטיש אָנגעשפּיצט די אויערן: וואָס פאַראַ קאָמפּלימענטן וועט ער מיר מאַכן? כ׳בין נישט מיד געוואָרן צו הערן אַזוינע, כאָטש כ׳האָב שוין געוווסט פון פאָרויס: „געוואָרן דיקער, פרישער, העלער, שענער, יינגער"... שוין נישט רעדנדיק וועגן מענטשן מיט גאָר פלינקע און געשליפענע צינגלעך, וואָס האָבן אַ נייגונג צו גוזמאות און איבערגעטריבענע עפּיטעטן.

„דער בלױונגס־פּעריאָד“ — ווי מ׳האָט הויך־מליצהדיק זיך וועגן מיר אויסגעדרוקט, האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט און ווי אַ טייל ווילן, האַלט ער אָן נאָך היינט...

איך צווייפל אָבער אין דער ריכטיקייט פון אַזאַ באַהויפּטונג, ווייל פון דעם כסדרדיקן שענער און יינגער ווערן וואָלט איך שוין געדאַרפט זיין אַ „קראַסאַוויצע“. אָבער דער שפּיגל באַשטעטיקט עס נישט... יעדנפאַלס. דראָעט מיר נישט דער טיטל פון „אַ שיינהייטס־קעניגין“...

XXIII

אַ קליינע דיגרעסיע...

אומגעריכט האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן נייע צרות.

אין דער געזונטער זייט פון ברוסטקאַסטן האָט מיך פון צייט צו צייט אָנגעכאַפּט אַ שטעכן ווי פון אַ דינער נאָדל: אַמאָל קוים פילבאַר און טייל־מאָל שטאַרק ווייטיקלעך. דאָס האָט מיך גיכער דענערווירט, ווי באַאומ־רויִקט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳מוז זיין פון די אָרגאַנישע ענדערונגען, וואָס זענען אין מיר פאָרגעקומען נאָך דער אָפּעראַציע.

און אַז אָנשטאָט דער דערוואַרטער פאַרבעסערונג איז איינגעטרעטן אַ פאַרערגערונג, האָב איך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו אַ דאָקטאָר. דאָ בין איך געבליבן שטיין פאַר אַ דילעמע: צו וועמען? ד״ר ק. און זיין געהילף ד״ר ט. האָבן זיך גראָד נישט געפונען אין שטאָט.

בלויז דער געדאַנק פון אַן אונטערזוכונג ביי אַ פרישן דאָקטער האָט מיך אַדורכגענומען מיט אַ פּאַנישער שרעק, מחמת איך האָב נישט געקענט אַזאַ קאָמפּעטענטן און געוויסנהאַפטן ספּעציאַליסט.

אגב: אין פאַרלויף פון מיינס אַ קראַנקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער קאַנסער־דערשיינונג, האָב איך געהאַט דאָס אומגליק אָנצו־טרעפן אויף אַ טיפּ מעדיקער, וואָס האָט זיין גאָבעלע קאַריערע פאַרוואַנדלט אין אַ געוויסנלאָזער „קאַרערע״, אין אַ געיעג נאָך האָנאָראַרן, פאַרגעסנ־דיק וועגן די פליכטן פון זיין באַרוף און אויך וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרפולקאָמען דאָס וויסן.

עס דערמאָנט מיך מיט חרפּה:

צוריק מיט צוויי יאָר האָט מיר אַ דאָקטאָר רעקאָמענדירט צו מאַכן אַן אַנאַליז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אָנהאַלטנדיקער טעמפּעראַטור, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן נאָך זיינס אַ קליינער כירורגישער אינטערווענץ.

— איך וועל אייך שיקן מיט דעם אַנאַליז אין אַ לאַבאָראַטאָריע, וועלכע איז פאַר מיר די פאַרלאָזלעכסטע און מ׳דאַרף דערפאַר נישט צאָלן — זאָגט ער אַ טרויעריקער, און גיט באַלד צו:

— אָבער איצט האָב איך נישט דעם געהעריקן פאָרמולאַר. קומט מאָרגן, וועל איך אים אויספּולן.

אויף דעם האָט זיך באַגרענעצט דער וויזיט, ווייל מיט אייניקע טעג פריִער האָט ער מיך געהאַט באַטראַכט.

דעם האָנאָראַר, אגב אַ גאַנץ הויכן, מאָנט אייך פאַרן אַריינלאָזן אין דער קאָנסולטאָריע די סעקרעטאַרין. — דעם דאָקטאָרס ריינע הענט רירן זיך נישט צו צו קיין שמוציק געלט... —

און נאַטירלעך, אויך דאָס מאָל, ווי תמיד, האָב איך איר איינגעצאָלט. צומאָרגנס, ווען די סעקרעטאַרין האָט צו מיר אויסגעשטרעקט דאָס צעטעלע מיט דעם אָנגעצייכנטן סכום, האָב איך איר העפלעך געמאָלדן, אַז איך בין געווען נעכטן און בין היינט געקומען נאָר וועגן אַ רעקאָמענדאַציע פאַר אַן אַנאַליז, וועלכע מ׳האָט מיר נאָך נעכטן געדאַרפט אַרויסגעבן.

„אַלץ איינס״ — זאָגט זי מיר — און איך ווייס, אַז נישט פון אייגענער איניציאַטיוו, וואָרן תיכף נאָך מיין אַריינקומען איז זי אַריינגעגאַנגען צום דאָקטאָר, מן־הסתם אָנפרעגן, ווי צו האַנדלען.

עס פאַרדריסט מיך, אָבער כ׳האָב נישט קיין ברירה און צאָל איך, ווי געוויינלעך. וואָס זאָל איך טון? ער האָט ביי מיר גענומען דאָס, וואָס כ׳וואָלט געדאַרפט ערגעץ אַנדערש באַצאָלן פאַר דעם אַנאַליז — טראַכט איך מיר.

ווען איך קום אַריין אין קאַבינעט, נעמט מיך דער דאָקטאָר אויף, ווי שטענדיק, אַ צעשטראַלטער, אַ שמייכלדיקער, מיט לאַקרעץ־זיסע ווערטער, מיט אַ כלומרשט טיפן אינטערעס פאַר מיר. פּשוט, אַ מענטש — אַ מלאך.

ער פילט אויס דעם געהעריקן פאָרמולאַר און זאָגט מיר אָן, ווי צום גיכסטן צו קומען מיטן רעזולטאַט פון דעם אַנאַליז.

ווען איך קום מיט דעם אין פיר טעג אַרום און די סעקרעטאַרין גיט מיר ווידער אַ זאָג: „אַלץ איינס", פיל איך, ווי די געדערים דרייען זיך מיר איבער פאַר כעס.

כ'האָב אָנערקענט, אַז דער מענטש איז אַ פּאַראַזיט, אַ בלוטזויגער, וואָס נוצט זיין טיטל צו שפּעקולירן אויף מענטשלעכע ליידן. דערביי גייט די כיטרעקייט געפּאָרט מיט איגנאָראַנץ. אין סך־הכל פון עטלעכע וואָכן „היילן" האָט זיך מיין לאַגע אַלץ מער פאַרערגערט.

ווי זאָגט זיך עס אין דעם קלוגן פאָלקס־ווערטל: „די דאָקטוירים — אַ געבענטשטע פּראָפעסיע: זייערע מעלות לויבט די וועלט, זייערע פעלערן דעקט צו די ערד..." יעדער טויט געפינט זיך זיין אויסרייד. שווער צו דערווייזן דעם דאָקטאָרס שולד אָדער נאַכלעסיקייט.

אַ צווייטער פאַל פון אומעטישקייט פון אַ מעדיקער, וואָס כ'האָב זייער ווייטיקלעך איבערגעלעבט.

נאָך דער אַנטוישונג מיט יענעם דאָקטאָר, האָב איך שוין פּאָרזיכטיק געזוכט אַ צווייטן, בפרט, אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז געוואָרן אַ דע־ליקאַטער.

מיינס אַ באַקאַנטער מעדיקער, אַ העכסט נאָבעלער מענטש, אַ באַ־וווסטער עסקן, האָט מיך רעקאָמענדירט צו אַ ספּעציאַליסט. אין מיין קעגנוואַרט האָט ער פון זיין אייגענער איניציאַטיוו טעלעפאָניש זיך פאַר־בונדן מיט אים און מיך פאַרגעשטעלט אין אַזעלכע סופּערלאַטיוון, אַז כ'האָב זיך אַזש דערפילט נישט באַקוועם. נאָך דעם האָט ער אים געבעטן ספּעציעל זיך פאַראינטערעסירן מיט מיין פאַל און מאַכן מיר אַ צוגעזאָג־לעכן פּרייז. כ'בין באַלד אַוועק אויף דעם געגעבענעם אַדרעס. ווען ס'איז צו מיר צוגעקומען די סעקרעטאַרין, האָב איך איר איבערגעגעבן, אַז איך קום מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון דעם און דעם דאָקטאָר. זי איז אַריין אין קאָנסולטאַריע און תיכף צוריקגעקומען, דערלאַנגענדיק מיר אַ צעטל מיט דער אויפשריפט: 50 פּעזעס. איך נעם זיך צום טאַש און בלייב שטיין אַ געפּלעפּטע: כ'האָב ביי זיך נאָר 43 פּ'. כ'האָב געגלייבט צו האָבן מער. כ'אַנטשולדיק זיך אַ פאַרשעמטע פאַר דער סעקרעטאַרין.

— כ'בין דאָ אומגעריכט געקומען — און לאָז זיך אַרויסגיין, זאָגנדיק, אַז מאָרגן וועל איך צוריקקומען. וואָלט זי מיך כאָטש אָוועקגעלאָזט! ניין,

זי גייט אַריין איבערפרעגן איר באַלעבאָס און מעלדעט מיר דערנאָך: „דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער נעמט ביי אַנדערע פאַר דעם ערשטן וויזיט 100 פ׳, ביי אייך וויל ער נאָר 50, אָבער ווייניקער קען ער נישט״.

— איך דיסקוטיר דאָך נישט חלילה וועגן דעם האָנאָראַר — ענט־פער איך — ס׳איז מיין שולד, וואָס כ׳האָב פריִער נישט איבערגעציילט דאָס געלט.

און איך בין אַרויס. אַראָפּגעגאַנגען אַ שרעקלעך דערנידעריקטע, מיט אַ פלאַמענדיק פנים; די פיס האָבן זיך געבויגן אונטער מיר.

ווי האָט ער געקענט מיך אָפּשיקן צוליב די פּאָר פּעזעס, וואָס האָבן מיר צוגעפעלט? וואָלט איך אים דען זיי נישט געוועזן אָפּגעגעבן ביי דעם צווייטן וויזיט? איז דאָך דעמאָלט אַפילו 40 פּ׳ אויך געווען נישט קיין קליינער האָנאָראַר! און דאָס אַלץ איז געשען נאָך אַזאַ וואַרעמער רעקאָ־מענדאַציע פון אַ חשובער פערזענלעכקייט!

איין מאָמענט האָב איך אַפילו געטראַכט אויפצוזוכן אַ נאָענט ווינע־דיקע באַקאַנטע און ביי איר באָרגן דעם פעלנדיקן סכום, אָבער באַלד האָב איך דעם געדאַנק אָפּגעוואָרפן מיט פאַראַכטונג.

כ׳וויל אַפילו זיין פּרצוף נישט אָנקוקן, וואָס פאַראַ מומחה ער זאָל נישט זיין. כ׳האָב פאַרלוירן פאַר אים דעם רעספּעקט.

און נאָך אַ פאַל פון דער סעריע „בלימעלעך״ אויף דעם מעדיציניש פעלד...

מיין שוועסטערס זון ווערט אָפּערירט אויף די מאַנדלען אין אַ שפּי־טאָל. נאָך אַ האַלבער שעה האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט דאָס בלוטן. דער כירורג — דער יינגסטער אין ראַנג און סטאַזש אויף דער אָפּטיילונג, אָבער אַן אַנשטענדיקער און געוויסנהאַפטער מענטש — נעמט דעם פאַ־ציענט נאָך אַמאָל אויף דער אָפּעראַציע־שטול, כדי צו פאַרהיטן פאַר אַ בלוט־שטורץ און אַנדערע קאָמפּליקאַציעס. ער באַטראַכט זאָרגפול דעם האַלדז, באַמערקט, וואַרשיינלעך, עפּעס פאַרדעכטיקס, און רופט אויף אַ קאָנסיליום זיין עלטערן קאָלעגע. דער לעצטער דערנענטערט זיך מיט אַ מאַיעסטעטישן, פאַמעלעכן טראָט, וואַרפט אַ בליק אויף דעם בלוטיק־דיקן פאַציענט, און ס׳ערשטע גיט ער אַ פרעג דעם אָפּעראַטאָר מיט אַ כיטרע שמייכעלע: „מיט אַ פּרעמיע?״... (דאָס האָט געדאַרפט הייסן: צי

דער דאָקטאָר האָט באַקומען פונעם פּאַציענט אַן עקסטראַ־באַלוינונג...).

— ניין, אָבער... — ענטפערט דער אָנגעפּרעגטער זיין קאָרומ־פּירטן חבר.

דאָס מיינט צו זאָגן: כאָטש אַזוי, האָט ער דאָך אַן אינטערעס אין אַ גוטן רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ.

כ׳וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ סך אַזעלכע און ענלעכע „בלימע־לעך", נאָר נישט כדאַי...

אויפן סמך פון אַזאַ טרויעריקער דערפאַרונג איז געווען פאַרשטענד־לעך מיין מורא נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון געוויסנלאָזע מע־דיקער.

XXIV

ביים ד״ר ש. אין דער „אָזע״

כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געקענט זיך דעצידירן וועגן אויסוואַל פון אַ דאָקטאָר, ווען ס׳איז מיר גראָד אין אַ צייטונג אונטערגעקומען אַ מעלדונג פון דער „אָזע״ וועגן אָרגאַניזירן אַ צענטער פאַר קאַמף קעגן קאַנסער.

די „אָזע״ איז מיר איצט ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט גיין אַהין?

נישט לאַנג געטראַכט און באַלד אָנגערופן טעלעפאָניש די אינסטיטוציע; דעם טעלעפאָן־נומער האָב איך געהאַט אויף אַ קבלה פאַר מיין מיטגלידס־אָפּצאָל. כ׳האָב אָנגעפרעגט, ווען דער געהעריקער ספּעציאַליסט נעמט אויף.

צום גליק נעמט ער אויף דעם זעלבן טאָג אין אָוונט. און אָט טרעט איך שוין איבער די שוועל פון „אָזע״.

אַ קליין הויז מיט קליינע צימערלעך מיט אַ קליינעם פּערסאָנאַל, אָבער מיט אַ גרויסן ווילן און גרויס האַרץ...

ווען איך בין אַריין, זענען אין האָל געזעסן עטלעכע מוטערס מיט קינדער און צוויי אַנדערע פּאַציענטן.

אַ יונגע, סימפּאַטישע סעקרעטאַרין גיט העפלעך די נייטיקע אינפאָרמאַציעס און פאַרצייכנט די פּערזענלעכע דאַטעס. פאַר יעדן פּאַציענט האָט זי אַ פריינדלעכן שמייכל.

פון דעם געשפּרעך מיט איר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס קומען

די מערהייט מוטערס מיט זייערע נערוועזע קינדער, וועלכע אַ ספּעציעל געשולטער פּערסאָנאַל היילט סיסטעמאַטיש לויט די גייסטע פּסיכאָאַנאַלי־טישע מעטאָדן.

די איבעריקע צוויי פּאַציענטן האָבן געוואַרט אויף דעם זעלבן דאָקטאָר וואָס איך, ד״ר ש., וועלכער איז טאַקע באַלד אָנגעקומען.

נאָך אַ קורצער ווייל זיץ איך שוין ביי אים אין קאַבינעט.

עס שטייט פאַר מיר אַ יונגער, מיטלוווקסיקער מאַן. זיין געקרייזלטע, טונקעלע טשופּרינע, וואָס זילבערט זיך לייכט ביי די שלייפן, איז זאָרגפול פאַרקעמט. דער הויכער, אָפענער שטערן אויף דעם לענגלעכן פּנים דריקט אויס ערנסטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די שיין באַברעמטע אויגן — אַ ביסל פאַרחלומטע און פאַרנעפּלטע.

— וואָס ברענגט אייך צו מיר? — פרעגט ער, קוקנדיק אויף מיר אויפמערקזאַם.

איך דערצייל, אַז בערך מיט אַ 4 מאָנאַטן צוריק האָב איך דורכגע־מאַכט אַ קאַנסער־אָפּעראַציע און איצט טוט מיר ווי אין דער געזונטער זייט.

ס׳פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן נאָכן אַרויספרעגן פון מיר די דאָזיקע ווידוי.

אַ פּאָר סעקונדן קוקט ער מיך אָן אַ קאָנצענטרירטער, אָבער תיכף צעגיסט זיך ממש אַ פריילעכער שמייכל איבער זיין גאַנץ געזיכט.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ קאַנסער?

— איך ווייס עס זיכער.

— דאָס דאַכט זיך אייך אַזוי. אַזעלכע אָפּעראַציעס ווערן אַדורכגע־פירט צוליב פאַרשידענע סיבות. ס׳האָט געקענט זיין אַ געוויינלעכער טומאָר.

כ׳פאַרשטיי זיין כוונה און דערפיל אַ סימפּאַטיע צו אים. ער וויל פאַרריכטן די פעלערן פון אַנדערע, איינרעדן מיר אַלץ, אַבי מיך צו דער־ווייטערן פון דעם ביטערן אמת.

— ס׳געפעלט מיר זייער אייער מעטאָד, דאָקטאָר — ענטפער איך — מיין טראַגישע דערפאַרונג דערלויבט מיר זי אָפּצושאַצן, ווי אַ זייער ריכ־טיקע. אָבער ליידער האָבן זיך געפונען אייניקע אייערע פּאַד־קאָלעגן, וואָס האָבן אַנדערש געהאַנדלט.

ער איז אַן איינגעשפּאַרטער, דער ד״ר ש. ער וויל מיר אַלץ נאָך נישט נאָכגעבן. ער פאַרלאַנגט כ׳זאָל אים ברענגען דעם רעזולטאַט פון דעם אַנאַליז, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן נאָך דער אָפּעראַציע. ער באַטראַכט מיך און שטילט איין מיין אַנגסט בנוגע די פרישע ווייטיקן. „דאָס אַרבעט איצט די געזונטע זייט פיל אינטענסיווער און דערפון נעמען זיך די באַלעסטיקונגען. זיי וועלן איבערגיין!״ — טרייסט ער מיך און פאַרשרייבט אַ רעצעפּט.

איך גיב אים איבער דעם פאַרלויף פון מיין געשפּרעך אינעם אינ־סטיטוט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנווענדונג פון ראַדיאָטעראַפּיע.

— איר זענט נישט רויק, ווייל מ׳האָט נישט דורכגעפירט די שטראַלן־קוראַציע? — פרעגט ער מיך מיט אַן אויפריכטיקן אינטערעס, אַרויספילנדיק מיין אינערלעכן אומרו.

מיין תשובה באַשטעטיקט זיין השערה.

— גוט. איר וועט באַקומען די דאָזיקע קוראַציע — זאָגט ער מיר.

איך בלייב זייער צופרידן. כ׳שפּיר אַז כ׳האָב אָנגעטראָפן אויף דעם ריכטיקן אַדרעס. כ׳וועל ביים ד״ר ש. געפונען די נייטיקע הילף. דערביי איז צווישן אונדז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שיינער, מענטשלעך־פריינד־לעכער קאָנטאַקט, באַזירט אויף צוטרוי און גוטן ווילן.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פון „אָזע״ מיט דער העכסטער אָנערקענונג פאַרן ד״ר ש.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך אים צוגעשטעלט דעם באַטרעפנדיקן אַנאַליז און ער האָט מיר געגעבן אַ געהעריקע רעקאָמענדאַציע צו איינעם פון די גרעסטע פּרויען־שפּיטעלער, ווו מ׳האָט מיר באַשטימט אַ טערמין צו קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום אויף ראַדיאָטעראַפּיע.

XXV

דער פּעריאָד פון מיין שטראַל־קוראַציע

אין דער באַשטימטער שעה — 8 אַזייגער אין דער פרי — בין איך געווען אויפן פּלאַץ אין דעם שוין דערמאָנטן שפּיטאָל.

דער שמאָלער און לאַנגער קאָרידאָר, וואָס פירט צו דער ראַדיאַטע־ראַפּישער אָפּטיילונג, איז געווען פול מיט פרויען. אויף ביידע זייטן איז מען געזעסן ענג צונויפגעפּרעסט אויף בענק. טייל זענען געשטאַנען צוליב מאַנגל אין זיץ־פּלאַץ.

— ווען קומט דער דאָקטאָר? — פרעג איך מיין נאָענטסטע שכנטע.

— אַרום 10 אַזייגער.

הייסט עס, ס׳איז מיר נאָך פאַרבליבן אַ סך צייט צו וואַרטן. איך קוק זיך אַרום. די מערהייט פרויען — מיטעלעריקע און עלטערע, אַ קליינע צאָל יינגערע. אייניקע, זעט אויס, באַגלייטן די קראַנקע. אַ טייל שמועסט צווישן זיך שטיל, אַנדערע זיצן שווייגנדיקע, מיט אַ ביסל פאַרשטייפטע פּנימער, נאָך אַנדערע וואַרפן אומגעדולדיקע בליקן אויפן אַריינגאַנג צו דעם באַשטראַלונגס־זאַל.

יעדע עטלעכע מינוט גייט דאָרט אַריין אַן אַנדערע פרוי. מ׳גייט לויט דער ריי. צופרידענע, געזעגענען זיך די אַרויסגייענדיקע מיט אַ „ביז מאָרגן״.

ווייזט אויס, מ׳קומט שוין אַהער אַ לענגערע צייט. מענטשן קענען זיך שוין דאָ.

מײַן אויפֿמערקזאַמקײט ציט צו אַ שײנע, שלאַנקע פֿרוי אויף דער גרענעץ פֿון מיטליעריקײט. איר טונקל־גרוי, גוט געפּאַסט קלײד שטרײכט נאָך מער אונטער די בלאַסקײט און דעם אומעט פֿון איר צורה. זי מאַכט, װײַזט אויס, איבונגען מיט אײן האַנט. זי פּרוּװט אויסצי:ען די האַנט אויף דער װאַנט, אָבער קען זי נאָר אויפֿהײבן ביז אַ געװיסן גראַד, און װען זי דערגרײכט אים, באַװײַזט זיך אַ װײטיקלעכער גרימאַס אויף איר פּנים. קענטיק, אַז דאָס אויסשטרעקן די האַנט איז פֿאַרבונדן מיט שמערצן, אָבער טראָץ דעם איבט זי, הגם מיט פֿאַרביסענע צײן.

עפּעס גיט מיר אַ טיאַכקע אין האַרצן — מײַן האַנט...

איך גיב אַ קוק רעכטס אויף מײַן שכנטע מיט אַ דערשראָקענעם און פֿרעגנדיקן בליק.

— װאָס טוט די פֿרוי?

— זי איבט די האַנט.

די שכנטע פֿון דער צװײטער זײַט האָט דערהערט מײַן שאלה און גיט מיר אַ ברײטערע אויפֿקלערונג:

— ס׳איז שוין דרײַ חדשים װי מ׳האָט זי אָפּערירט אויף אַ ברוסט. זי קען נישט גוט באַװעגן מיט דער האַנט. איר מעדיקער האָט איר פֿאַר־געסן אָנצוזאָגן צו מאַכן איבונגען. ערשט דאָ האָט זי זיך פֿון אַנדערע פֿריִען װעגן דעם דערװוּסט.

איך װער אויפֿגעציטערט. אַ ברוסט־קאַנסער?

כ׳קוק אויף דער פֿרוי מיט אַ טיפֿן מיטגעפֿיל, כ׳װאָלט געװאָלט זיך מיט איר אַדורכשמועסן, אָבער איר גימנאַסטיק דערמאָנט מיך עפּעס, װאָס רופֿט בײַ מיר אַרויס אַ היץ און קעלט נאָכאַנאַנד — מײַן אָרעם! מײַן אָרעם איז נאָך שטײַפֿער. כ׳בין אים נישט אין שטאַנד אויפֿצוהײבן אַפֿילו אַזוי הויך, װי די פֿרוי. װעט ער שוין אַזוי פֿאַרבלײַבן? אַ פּחד שנײַדט מיך אַדורך.

בין איך אויך אַ קרבן פֿון אַ באַגאַנגענעם פֿעלער אָדער פֿאַרנאַכלע־סיקונג פֿונעם דאָקטאָר?

שוין די ערשטע װאָכן נאָך דער אָפּעראַציע האָט מיך באַומרו:יקט דער שאַרפֿער װײטיק בײַם אויפֿהײבן אָדער אַרונטערדרײען די האַנט. כ׳האָב עטלעכע מאָל געבעטן אָנװײַזונגען װי אַזוי זיך צו באַגײן מיט מײַן

אָרעם. ווייל כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דאַרף מען טון, נאָר אַליין נישט געוווסט וואָס צו טון. אָבער די באַקומענע תשובות האָבן פאַר מיר געקלונגען צווידייטיק, ווי די אָראַקלען פון דער גריכישער פּיטיא. אין סך־הכל בין איך געבליבן דעזאָריענטירט. איין זאַך נאָר האָב איך אַרויס־געדרונגען, אַז ס׳איז געוווּנטשן אויסצומיידן באַוועגונגען, וואָס פאַרשאַפן שאַרפערע שמערצן.

היות ווי אָן ווייטיק האָב איך געקענט לענקן מיטן אָרעם נאָר אין אַ גאָר באַגרענעצטער מאָס, איז טאַקע די באַוועגונגס־מעגלעכקייט פאַר־בליבן אַ גאַנץ קליינע.

וואָס טוט מען אַצינד? וועט נאָך מעגלעך זיין צו מאַכן מיין האַנט אַרבעטן נאָרמאַל?

אומבאַמערקטערהייט פאַר אַנדערע פּרווו איך באַוועגן מיט דער קראַנקער האַנט אין פאַרשידענע ריכטונגען, אָבער דער רעזולטאַט איז אַ ביטערער.

כ׳זעץ זיך אַוועק אַ דענערווירטע און פאַרזינק אין שלעכטע מחשבות.

די פרייד צוליב די X־שטראַלן, וואָס האָט געזאָלט פאַריאָגן דעם לעצטן פינצטערן וואָלקן פון מיין האָריזאָנט, איז צערונען געוואָרן. אַ נייע זאָרג איז אַרויסגעשוווּמען.

דערווייל גייט אַריין אויף באַשטראַלונג די פרוי, וואָס האָט געמאַכט די איבונגען.

איך באַניי דעם שמועס מיט מיינע שכנטעס. די ערשטע נעמט שטראַלן נאָך אַ בויך־אָפּעראַציע. וואָס פאַרא מין? זי מיידט אויס אַ קלאָרן ענטפער. זי האָט שוין באַקומען 35 אַפּליקאַציעס, בסך־הכל וועט זי האָבן 60.

— גיט מען דאָ יעדן אַזוי פיל באַשטראַלונגען? — פרעג איך זי איבער.

זי דערקלערט מיר, אַז אַנדערע האָבן באַקומען ווייניקער, נאָר 30 אָדער 40.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָב איך פאַר מיין צווייטער שכנה, וועלכע האָט מיר פריִער געגעבן אַזאַ אויספירלעכע תשובה. דאָס איז אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעאַקערט, פאַרווייטיקט געזיכט און איינגעפאַלענע באַקן.

איך פרעג זי, אויף וואָס זי איז אָפּערירט.

— אויף דער ברוסט — ענטפערט זי מיר מיט אַ טרויעריקער שטימע.

איך באַמערק — איין זייט איז ביי איר איינגעפאַלן.

זי איז צוויי חדשים נאָך דער אָפּעראַציע, האָט שוין באַקומען 28 באַשטראַלונגען. זי וויסט נישט, וויפל עס פעלן איר נאָך.

כ׳וויל וויסן, צי איז דאָ פאַראַן אַ סך מיט אַזאַ אָדער ענלעכער אָפּעראַציע.

זי קוקט זיך אַרום און ציילט, אָנווייזנדיק מיר מיט די אויגן די וואַרטנדיקע.

— כ׳בין נישט זיכער, 10 אָדער 11 — קומט איר תשובה.

איך בין אויסטערליש איבערראַשט. פשוט אומגלויבלעך! אַזוי פיל?!

זענען זיי אַלע קרבנות פון דער מאָנסטרועזער קרענק?

איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט זיך צונויפצוקומען פנים אל פנים מיט אַזאַ גרויסער צאָל קאַנסער־קראַנקע פרויען.

איך קען זיך נישט באַרויקן. מיט אַמאָל האָב איך אויף מיינע אייגענע אויגן דערזען דעם בלוטיקן שניט פון דעם קאַנסער־משחית.

האָבן זיי אַלע אויך דורכגעמאַכט אַזעלכע טאָרטורן ווי איך? איך באַשליס דאָס אויסצופאָרשן אויף אַ דעליקאַטן אופן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

***

מ׳רופט מיך אַריין צום דאָקטאָר. ער פאַרצייכנט די געשיכטע פון מיין קראַנקייט, באַטראַכט מיך. איך וויל וויסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם קראַנקן אָרעם, אָבער ער שיקט מיך מיט דעם אָפּ צו דעם מעדיקער, וועלכער האָט מיך אָפּערירט. זעט אויס, ער האָט נישט ליב קיין איבעריקע רייד. ער האָט האַסטיק איבער מיינע ווערטער. איך פרעג נישט מער.

מ׳פירט מיך אַריין אין אַ צימער מיט אַ ריזיקן רענטגען־אַפּאַראַט. די דריי שוואַרצע קאַסטנס מאַכן אויף מיר אַ זייער פריקרען איינדרוק: טויטן־אָרנס!

פון די קאַסטנס גייען אַרויס אויסגעבויגענע, מעטאַלענע רערן, וועל־כע טרעפן זיך צונויף אין אַ קליינעם, שוואַרצן אַפּאַראַט אין דער פאָרעם פון אַן איבערגעדרייטן, פּירקאַנטיקן לאַמטערן.

ווען דער רענטגענאָלאָג מאַניפּולירט מיטן אַפּאַראַט, כּדי אים אָנ־צושטעלן אויף מיין קראַנקער זייט, לאָזט אים פאַמעלעך אַראָפּ נאָענט צו מיין באַקן, גייט מיר דורך אַ צאַפּל איבערן גאַנצן קערפּער. מיר דאַכט זיך, ווי אַ גילאָטינע וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף מיר.

און אָט האָב איך שוין דעם אַפּאַראַט אויפן אָפּערירטן שטח. דאָס פּירקאַנטיקע „מויל" פון דער קאָלאָסאַלער מאַשין, וואָס באַרירט מיך דירעקט, האָט אין גאַנצן אפשר איין קוואַדראַט־דעצימעטער. איך פיל נאָר די קילקייט פון זיין מעטאַלענעם אויבערפלאַך — מער גאָרנישט. כ'מאַך זיך אַליין פאָרווורפן פאַר מיינע צעשרויפטע נערוון, וועלכע כ'קען אָפּט נאָך אַלץ נישט באַהערשן. די מכלומרשטע טרומנעס, די „גילאָטינע", דאָס זענען דאָך די געבענטשטע אינסטרומענטן, וואָס ברענגען אַ טויט דעם טויט...

אין דעם שוואַרצן אַפּאַראַט, אין אַ פּערפעקט לייזיקער, קרישטאָלע־נער פיאָלע, אַנטשטייען אונטער דער ווירקונג פון אַ גרויסן עלעקטרישן שטראָם די אַזוי גערופענע X־שטראַלן, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון זייער אַנטדעקער, רענטגען. זיי זענען נישט זעבאַר, אָבער זענען אין שטאַנד אַדורכצולייכטן דעם מענטשלעכן קערפּער און אָפּדרוקן די ביינער און געוויסע געוועבן אויף אַ ראַדיאָגראַפישער אויפנאַמע, וועלכע איז געוואָרן דער וויכטיקסטער מעטאָד פאַר דיאַגנאָסטיק.

אויף אַזאַ רענטגען־קלישע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער ווילדער גע־וועב פון מיין קאַנסער.

איצט פילן אויס די X־שטראַלן זייער צווייטע וווּנדערלעכע אייגנ־שאַפט, די טעראַפּעוטישע. זיי דרינגען אַריין אין מיין אָרגאַניזם, ברענען אויס און טויטן אָפּ יעדן שפּור פון די קאַנסער־צעלן.

איך ליג איצט אַ באַרויקטע.

נאָך עטלעכע מינוט נעמט די קראַנקנשוועסטער אַוועק דעם שוואַרצן „לאַמטערן" און איך בין פריי.

כ'פרעג זי, וויפל אַפּליקאַציעס כ'האָב צו באַקומען.

— מערערע — ענטפערט זי מיר.
וויפל דאָך? — וויל איך וויסן.
— מערערע — חזרט זי איבער.
איז עס אַ סוד? אָדער זי ווייסט אַליין נישט גענוי?
זי באַמערקט מיר נאָר, אַז כ'דאַרף קומען יעדן טאָג פרי, שפּעטסטנס ביז 8.30.
איך גיי אַרויס און געזעגן זיך שוין ווי אַנדערע:
— ביז מאָרגן!

***

מיין שטראַל־קוראַציע איז באַשטאַנען פון 30 סעאַנסן (די צאָל האָט מען פאַר מיר „סודותפול" אויסבאַהאַלטן ביז פאַרן לעצטן). יעדעס מאָל האָט די קראַנקנשוועסטער — אַמאָל מיט דער הילף פונעם דאָקטאָר — אָנגעשטעלט דעם מערקווירדיקן אַפּאַראַט אויף אַן אַנדערן אָפּשניט פון דער אָפּערירטער זאָנע: פון פאָרנט, פון אונטן, פון דער זייט, דערנאָך ווידער פון דאָס ניי. זי האָט דערביי געלייגט אַכט נישט צו באַשטראַלן די געזונטע טיילן פונעם קערפּער.

אין אַלגעמיין האָב איך בשעת דער ראַדיאָטעראַפּיע נישט געפילט קיין שום ווייטיקן, מיט איין אויסנאַם נאָר, ווען מ'האָט די שטראַלן אָנגעווענדן אויף דעם רוקן. ס'איז געווען געוווּנטשן, אַז איך זאָל דערביי די קראַנקע האַנט אויסציִען פאַר זיך, איך בין עס אָבער נישט געווען מסוגל צו טון. אַפילו האַלטן זי איינגעבויגן האָט מיר גורם געווען שמערצן.

נאָך עטלעכע באַשטראַלונגען האָב איך דערפילט אַ פלאַמעניש, וואָס האָט מיך דער עיקר געברענט אויף דעם פריש פאַרהיילטן אָפּשניט, וועלכער איז אויך באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ פייערדיקן קאָליר. מאָמענטנווייז האָט עס מיך אַזוי שטאַרק געבראָטן, אַז כ'האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. נאָך אַ פּאָר טעג איז עס איבערגעגאַנגען. צום סוף פון דער קוראַציע האָט זיך עס ווידער איבערגעחזרט, הגם שוין אין אַ שוואַכערער מאָס.

ביי אַנדערע פּרויען, ווי זיי האָבן מיר איבערגעגעבן, איז אַזאַ שטאַרקע רעאַקציע אַנטשטאַנען ערשט נאָך אַ גרעסערער צאָל אַפּליקאַציעס.

בכלל האָב איך זיך נאָך יעדער פון די אַפּליקאַציעס געפילט אָפּגע־שוואַכט. ווען די שטראַלן זענען געווען אָנגעצילט נאָענט צום מאָגן, האָבן זיי ביי מיר אַרויסגערופן אַ שטאַרקע נודעניש, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. צוליב דעם האָב איך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, געשפּירט אַפילו אַ ווידערווילן צום עסן. כ׳האָב זיך אָבער געמוזט צווינגען צו דעם, וויסנדיק אַז די רענטגען־שטראַלן טויטן אָפּ די רויטע קייקעלעך אין בלוט.

**
*

יעדן טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער אין דרויסן — און ס׳איז דעמאָלט געווען אַ טריבער האַרבסט — פלעג איך אַרויסגיין איילֹיק פון שטוב, כדי אַרויסצונעמען אַ וואָס פריִערן נומער אין שפּיטאָל. אָבער ווי פרי איך זאָל נישט האָבן געקומען, איז שוין געשטאַנען ביי דעם נאָך פאַרמאַכטן פענצטערל אַ לאַנגע שורה פרויען און דווקא די פון מיין אָפּטיילונג. אַזוי אַרום האָב איך געמוזט וואַרטן בערך דריי שעה ביז ס׳איז געקומען מיין ריי.

די ערשטע טעג האָט מיר אויסגעפולט מיט „אַרבעט״ דאָס גרויסע אָבסערוואַציע־פעלד פון מיין נייער סביבה.

כ׳האָב זיך קודם־כל דערנענטערט צו דער שכנטע, וואָס האָט מיר צום ערשטן מאָל געגעבן אַזוי פיל וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. איך פאַרפיר מיט איר אַ געשפּרעך, ווי אַזוי זי האָט דערפילט איר קרענק.

אייניקע חדשים האָט זי געהאַט אַ פאַרהאַרטונג אין דער ברוסט, אָבער זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, ווייל ס׳האָט איר נישט וויי געטון. ערשט ווען זי האָט זיך דערשפּירט אָפּגעשוואַכט און באַמערקט אַ גרעַ־סערן פאַרלוסט פון דער וואָג, איז זי געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר. מ׳האָט איר געמאַכט אַ ביאָפּסיע מיט אַ לאָקאַלער אַנאַסטעזיע. זי האָט כמעט נישט געפילט קיין ווייטיק. (מיר גייט דורך אַ גרויל אויף דער דערינגע־רונג פון מיינע טאָרטורן).

— און וואָס האָט אייך דער דאָקטאָר געזאָגט? — פרעג איך מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— אַ טומאָר — זאָגט זי טרויעריק אָבער רויִק און איך פיל, וואָס עס האָט געדריקט אויף מיין האַרצן, פליסט מיט אַמאָל אָפּ פון אים.

— און ווייטער? — בין איך פֿאַרוואַנדלט אין איין געהער.

— אַז מ׳דאַרף אָפּערירן — ענטפֿערט זי מיט אַ שטילן זיפֿץ.

ס׳האָט געדויערט אַריבער פֿינף וואָכן ביז דער אָפּעראַציע. ווען זי איז נאָך געלעגן אין שפּיטאָל, האָט איר דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף זיך באַמיִען צו באַוועגן דעם קראַנקן־אָרעם (מ׳האָט איר אַ סך אויסגע־שניטן אונטערן אַקסל), כדי ער זאָל נישט פֿאַרשטייפֿט ווערן. מ׳האָט איר צום בעט צוגעבונדן אַ שטריק פֿאַר דעם צוועק. איצט באַוועגט זי מיט דער האַנט נישט שלעכט, קען זיך שוין אַליין אָנטון, לייכט צוקעמען. זי מאַכט נאָך איבונגען מיטן אָרעם און פֿילט זיך אַלע מאָל בעסער.

— און אויף וואָס זענט איר אָפּערירט? — בייטן זיך איצט די ראָלן און די געפֿרעגטע שטעלט מיר פֿראַגן.

— אויף אַ טומאָר אונטערן אָרעם — ענטפֿער איך מיט אַ געמאַכטער רויִקייט נאָך אַ קורצער איבערלייגונג.

מעג איך דען דאָ אָנרופֿן מיין קרענק ביים ריכטיקן נאָמען?

אויב מיינע חברות צו די ליידן גלייבן טאַקע אין זייערע „טומאָרן״, טאָר אין זייער קעגנוואַרט נישט פֿאַלן דאָס שווידערלעכע וואָרט: קאַנסער. אַרויספֿירן זיי אויפֿן מינדסטן פֿאַרדאַכט וואָלט געווען אַ פֿאַרברעכן פֿון מיין זייט.

און אפֿשר — פֿאַלט מיר איין — ווילן זיי מיט מיר מאַכן די זעלבע שפּיל, וואָס איך מיט זיי?

מיינע ווייטערדיקע אָבסערוואַציעס פֿירן מיך גיכער צו דער מסקנה, אַז דעם רוב פֿון די פֿרויען איז מיין גאָלגאָטע־וועג פֿאַרשפּאָרט געוואָרן. אין זייערע מיילער קלינגט דאָס וואָרט „טומאָר״ נאַטירלעך, קלאָר, זיכער. ס׳באַגלייט אים אַן אָפֿענער, הגם אָפֿט טרויעריקער בליק, אין דער צייט ווען ביי מיר קומט עס אַרויס נישט דערזאָגט און בעת־מעשה זוכן זיך מיינע אויגן אויסצובאַהאַלטן ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען אַ גנבה.

ווו ליגט די סיבה פֿון דעם, וואָס מיינע דאָקטוירים האָבן מיך ווייניקער געשוינט און אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופֿן פֿאַר מיר אַנטבלויזט דעם ביטערן אמת?

בעת מיינע ווייטערדיקע שמועסן מיט די פּאַציענטנס פֿון שפּיטאָל האָב איך געפֿונען אַ טיילווייזן תירוץ.

איך בין צו די אַלע מעדיקער געגאַנגען אַליין און ביי יעדן געבעטן אַן אויפקלערונג וועגן מיין צושטאַנד אין דער צייט, ווען זיי זענען על פּי רוב געגאַנגען אין באַגלייטונג פון קרובים, (וועלכע מ׳האָט אפשר יאָ איבערגעגעבן וועגן וואָס פאַראַ טומאָר עס האַנדלט זיך). אויך האָבן זיי בכלל ווייניקער געפרעגט און געפאָרשט.

מיך איז פּשוט באַפאַלן אַ פיבער צו באַקענען זיך מיט דער קראַנקייטס־געשיכטע פון יעדער פרוי, וועלכע כ׳האָב חושד געווען, אַז זי האָט דורכגעמאַכט אַ קאַנסער־אָפּעראַציע. מיין פריִעריקע מיטשמועסערין דינט מיר ווי אַ ציצעראָן, וואָס ווייזט מיר זיי אָן. און אַ פּאָר טעג שפּעטער, הייב איך זיך שוין אָן צוביסלעך אַליין אויך צו אָריענטירן.

צו מיין באַדויערן האָב איך נישט באַוויזן זיך אַדורכצושמועסן מיט דער פרוי, וועלכע כ׳האָב דעם ערשטן טאָג געזען מאַכן גימנאַסטיק מיטן אָרעם. זי האָט גאָר גיך אויפגעהערט צו קומען — דער מאָטיוו איז מיר געבליבן אומבאַקאַנט.

אָט זיץ איך נעבן אַ פרוי פון אַ יאָר 45. איר פּנים — קיילעכיק און בלאַס ווי די לבנה, שמייכלט ליבלעך צו אַלע אַרום. זי איז אַ חודש נאָך דער אָפּעראַציע. צוריק מיט אַ יאָר האָט זי באַמערקט אַ פאַרהאַרטונג, וועלכע האָט נישט וויי געטון און איז אויך נישט געוואַקסן. זי איז געגאַנגען צו אַ מעדיקער וועגן אַן אַנדערן ענין און ביי דער געלעגנהייט האָט זי אָנגעפרעגט אויף דער גולקע. די ביאָפּסיע מיט אַ לאָקאַלער איינשפּריצונג, וואָס האָט איר נישט פאַרשאַפט קיין יסורים, האָט אַרויסגעוויזן אַ „טומאָר“. די צוגרייטונגען צו דער אָפּעראַציע האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן. זי פילט זיך איצט גוט, מאַכט אַ סך גימנאַסטיק מיט דער האַנט, וועלכע זי הייבט שוין אויף ביז אַ 60 גראַד. די פרוי באַצייכנט איר מצב נאָר מיט די עפּיטעטן: „גוט“, „זייער גוט“ און איר געזיכט שטראַלט דערביי מיט אַ באַזונדערן שיין.

אַ פולשטענדיקן קאָנטראַסט צו איר שטעלט מיט זיך פאָר די „העלדין“ פון דעם ווייטערדיקן „אינטערוויו“.

אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעקנייטשט פּנים, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעגאָסן אַ ווייטיקלעכער אומעט. זי שפּירט זיך זייער שוואַך — קוים דריי וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע. זי האָט געהאַט באַמערקט, ווי זינט אַ

צייט פֿאַלט איר איין די ברוסט, ווי זי וואַלט אַריינגעצויגן געוואָרן. דעם אַנאַליז פֿון דעם אויסשניט האָט מען איר געמאַכט אונטער אַ פֿולער אַנאַסטעזיע (אין אַ פּריוואַטער קליניק!) און תיכּף דערנאָך די אָפּעראַציע.

יעדעס מאָל זוך איך אַ פּלאַץ נעבן אַן אַנדערער קראַנקער, לויער אויף אַ געלעגנהייט אָנצובינדן אַ געשפּרעך און פֿאָרזיכטיק אויסצופֿרעגן וועגן די פּרטים, וואָס גייען מיך אָן.

מאָמענטנווייז, ווען כ'האָב אַן איינדרוק, אַז אין מיין ריכטונג פֿאַלן פֿאַרדעכטיקע בליקן צוליב מיין לעבהאַפֿטיקן אינטערעס און די „געדיכטע" פֿראַגן, צוים איך מיין נייגיר ביזן מאָרגנדיקן טאָג.

צוויי פֿרויען רופֿן אַרויס די אַלגעמיינע פֿאַרוווּנדערונג: ביידע זענען ערשט בערך איין מאָנאַט נאָך דער אָפּעראַציע. לויט דער פֿיזישער קאָנ־סטיטוציע איז איינע דער היפּוך פֿון דער צווייטער. די ערשטע איז אַ קליינ־טשיקע, דאַרינקע און יונגע. די צווייטע איז אַ הויכע, דיקע און עלטערע. די ערשטע האָט באַלד נאָכן באַמערקן אַ גולקעלע קאָנסולטירט אַ ספּע־ציאַליסט, די אַנדערע האָט עס געטון ערשט נאָך אַ לענגערער צייט. ביידע לויבן זיך הויך און באַרימעריש, אַז זיי וואַשן שוין די פֿאַלן און אַפֿילו צוביסלעך וועש.

צוזאַמען מיט די אַנדערע שטוין איך ממש: ווי איז דאָס מעגלעך? סיידן דער אויסשניט האָט ביי זיי וויניק באַשעדיקט דעם נערוון־סיסטעם אונטערן אָרעם.

גאָר אויפֿגעטרייסלט האָט מיך דער פֿאַל פֿון אַ פֿרוי פֿון אַריבער 50 יאָר, מיט אַ פֿול, אָבער שטאַרק פֿאַרעלטערט פּנים, היפּשלעך גרוי, מיט אַ טיפֿן צער אין אירע טונקעלע אויגן. זי איז פֿון דער פּראָווינץ און געפֿינט זיך זינט עטלעכע וואָכן אינטערנירט אין שפּיטאָל אויף אָבסערוואַציע און באַשטראַלונג.

גראָד די טעג ווערט צוויי יאָר נאָך איר אָפּעראַציע אויף דער ברוסט. כמעט אַ יאָר צייט האָט זי זיך אויסגעהיטן פֿון אָנגעשטרענגטע אַרבעטן. זינט עטלעכע חדשים פֿילט זי עפּעס „אומגעוויינלעכס" אין דער צווייטער ברוסט. עס שטעכט, עס ציט. מ'האָט איר געמאַכט אַ ביאָפּסיע און באַ־שטימט אַ ראַדיאָטעראַפּיע. זי האָט שוין גענומען 23 אַפּליקאַציעס און

וואַרשיינלעך פעלן איר נאָך 17. צוויי מאָל אין דער וואָך באַטראַכט מען זי אויפמערקזאַם. מ׳זאָגט איר גאָרנישט, און זי וואָגט נישט צו פרעגן.

כ׳גלייב, אַז זי גיט זיך יאָ אָפּ אַ חשבון פון איר קרענק. זי האָט שטאַרק מורא, אַז די „פּאָרקעריאַ״ („מיאוסקייט״), ווי זי באַצייכנט איר שלאַפקייט, זאָל נישט האָבן פאַרכאַפּט די צווייטע ברוסט און מ׳זאָל זי נישט דאַרפן אַראָפּנעמען.

איך באַרויִק זי, הגם די פּיס טאַמלען מיר אַליין פון פחד און אין האַלדז האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ קראַמף.

אויך איך פיל אין דער געזונטער זייט עפּעס „אומגעוויינלעכס״. אָבער איך בין דאָך ערשט קוים פיר און אַ האַלבן חודש נאָך דער אָפּעראַציע. איז עס מעגלעך?...

יעדן טאָג זוכן מיר שוין ביידע צו כאַפּן אַ שמועס. מיך אינטערעסירט שטאַרק איר צושטאַנד, און זי זוכט ביי מיר עפּעס אַ טרייסט־וואָרט.

זי לאַנגווייליקט זיך אויסטערליש, האָט נישט וואָס צו טון גאַנצע טעג. „אַחוץ דעם לעבט מען מער איבער די אַלע ליידן, וואָס מ׳זעט זיך אָן ביי אַנדערע אין שפּיטאָל, ווי די אייגענע״ — זאָגט זי אַ דערשלאָגענע, דערציילנדיק וועגן אַ טראַגישן טויט־פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם פאָריקן טאָג.

אויך גיט זי מיר איבער, אַז ביי איר אין זאַל ליגט אַ מיידל, ממש אַ ליאַלקע, פון 19 יאָר, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע טעג אָפּערירט געוואָרן אויף דעם זעלבן „אומגליק״. — דאָס האַרץ ווערט פאַרקוועטשט פון רחמנות, ווען מ׳קוקט אויף איר. און ווער ווייסט וואָס עס וואַרט נאָך מיך... — זאָגט זי מיט אַ טיפן קרעכץ.

איך באַמי זיך זי אויפצוהייטערן מיט די באַרויִקנדיקע ווערטער פון ד״ר ש. וועגן דער אינטענסיווער טעטיקייט פון דער געזונטער זייט. כ׳גיב איר לעקטור צוו״אַ די צייטשריפט מיטן אַרטיקל וועגן דעם אויסגעהיילטן קאַנסער־קראַנקן. אָבער נאָכן איבערלייענען מאַכט זי נישט קיין ספּעציעלע קאָמענטאַרן. אפשר איז עס געווען צו שווער פאַר איר? אַפּנים גייסטיק ווייניק אַנטוויקלט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זי מיר געבראַכט אַ פריילעכע בשורה. ס׳האָט זי באַזוכט איר ברודער, וועמען דער שפּיטאָל־דאָקטאָר האָט איבער־געגעבן, אַז אין קורצן וועט זי אַהיימפאָרן אַן אויסקורירטע.

נאָך איין קראַנקע האָט אַרויסגערופן מיין טיפע פאַראינטערעסירונג.

אַ הויכע, בלאָנדע און שיינע פרוי פון אַן עטלעכע און דרייסיק יאָר מיט אַ פרישע, לענגלעך געזיכט און גרוי־בלויע, אַ ביסל פאַרזשמורעטע אויגן. זי שטריקט תמיד — זעט אויס זייער אַן אַרבעטזאַמע. איין האַנט איז ביי איר שטאַרק אָנגעשוואָלן. צוריק מיט אַ יאָר, ווען זי האָט נאָר באַמערקט אַ פאַרהאַרטונג, איז זי אַוועק צו אַ כירורג, וועלכער האָט דעם זעלבן טאָג אַדורכגעפירט די ביאָפּסיע און די אָפּעראַציע. זי האָט עס שטאַרק איבערגעלעבט, העכער צוויי וואָכן האָט זי כמעט נישט אויפגע־הערט צו וויינען, ביז ס׳איז אין איר אַלץ פאַרטרוקנט און פאַרשטיינערט געוואָרן... דער דאָקטאָר האָט איר רעקאָמענדירט מאַסאַזשן אויפן אָרעם, און נאָך 20 אַזעלכע האָט זי שוין געשפּירט אַ באַדייטנדיקע בעסערונג.

מ׳ר גיט אַ שוועב דורך אַ געדאַנק: דאַרף איך אויך מאַסאַזשן?

די פרוי ווייזט מיר אָן איר געשוואָלענע דלאָניע — אַ נאָכווייעניש פון דער אָפּעראַציע — אָבער זי באַוועגט מיט איר פריי.

לעצטנס האָבן זיך באַוויזן — דערציילט זי — עטלעכע קליינע גול־קעלעך אויפן אָרעם און מ׳האָט איר אָנגעצייכנט אַ שטראַלן־קוראַציע. זי באַקומט יעדן דריטן טאָג אַן אַפּליקאַציע.

די מערהייט קראַנקע איז נישט שווער אָנצורעגן אויף אַ שמועס וועגן זייערע ליידן. ווען מ׳רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן ווערט, דאַכט זיך, אַ ביסל לייכטער...

אָבער די חנעוודיקע, אַ ביסל דאַרע ברונעטקע, פון אַ יאָר 40, מיט אויגן, ווי צוויי גרויסע, שוואַרצע קאַרשן, זיצט תמיד אַ שווייגנדיקע. זי מיידט אויס עקשנותדיק אַ לענגערן געשפּרעך מיט מיר און קוקט מיט חשד אין מיין ריכטונג, ווי זי וואָלט געפרעגט: וואָס זוכסטו דאָ?

פאַרוואָס איז זי אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך? אויף וואָס האָט מען זי אָפּערירט? — בין איך נייגעריק. איך וויל נישט זיין צודרינגלעך. אָבער פון דער אומהיימלעכקייט פון איר געזיכט פיל איך אַרויס איר געדריקטע שטימונג.

איך באַמי זיך צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ נעבן איר.

איין מאָל איז מיר געלונגען צו ברעכן דאָס אײַז, וואָס צווישן אונדז. איך האָב איין קראַנקער רעקאָמענדירט צו גיין זען אין קינאָ אַ שיינע מוזיקאַלישע קאָמעדיע, וואָס האָט מיך אַנגענעם פאַרווײַלט. דערביי האָב איך געוואָרפן אַ בליק צו דער שווייגנדיקער ברונעטקע. אומגעריכט האָט זיך אויף אירע דיקלעכע, פליישיקע ליפּן באַוויזן אַ שמייכל. זי האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט אַ וואַרעמען בליק און זיך אָנגערופן צו מיר:

— גראָד נעכטן האָב איך דעם פילם געזען.

ס׳האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפּרעך. קעגן מיין געוווינהייט האָב איך איר דערציילט וועגן מיין „טומאָר״.

ס׳איז געווען קענטיק, אַז זי אָמפערט זיך מיט זיך אַליין. לסוף האָט זי אַרויסגעפּרעסט פון זיך מיט אַ האַלב פאַרטויבטער שטימע:

— און מיר האָט מען אויסגעשניטן די געבייר־מוטער. כ׳האָב גע־האַט אַ קאַנסער.

איך האָב אויפגעצאַפּלט.

— פאַרוואָס גלייבט איר, אַז ס׳איז געווען אַ קאַנסער? אַזעלכע אָפּע־ראַציעס פירט מען דאָך אויך אַדורך צוליב פאַרשידענע אַנדערע סיבות — האָב איך זי געוואָלט באַרויקן אינעם נוסח פון ד״ר ש.

אָבער זי האָט אַלץ טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט.

— ווי קען עס מעגלעך זיין? — האָב איך אויסגעשריגן מיט שוידער, גלייך ס׳וואָלט פאַר מיר געווען אַ נייעס.

— יאָ, איך האָב געהאַט דאָס אומגליק אָנצוטרעפן אויף אַזאַ ברוטאַל. מיינע שטימבענדער האָבן זיך אַ מינוט ווי איבערגעריסן. ס׳איז אַ רעפלעקס פון מיין אייגענער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. און ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך אָנגעהויבן זי צו טרייסטן, אַז אַלדאָס בייז האָט זי שוין הינטער זיך.

מיט אַ פאַרצווייפלטן אויסדרוק אויף איר סימפּאַטישן פּנים האָט זי זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער.

— אָט, איר זעט דאָרט יענע אַלטיטשקע, וואָס זיצט מיט דעם וואָ־לענעם שאַל אויפן קאָפּ — ווייזט זי מיר אָן מיט די אויגן — זי האָט

געהאַט אַ קאַנסער אויף אַ ניר. מ׳האָט אונדז בײדע אין אײן צײט אָפּערירט.

דעם צװײטן טאָג האָב איך איר געבראַכט מײן „סידורל"... מיטן אַרטיקל װעגן דעם אויסגעהײלטן קאַנסער־קראַנקן, אַלס אַ „באַװײז" פון הײלבאַרקײט פון דער קרענק.

זינט דעמאָלט האָט די פּרוי געגומען זוכן מײן געזעלשאַפט.

צװישן די איבעריקע פּרויען,װאָס זענען געקומען אויף ראַדיאָטע־ראַפּיע, איז געװען אײנע, װאָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַר זעל־טענעם פענאָמען. זי איז בסך־הכל אַלט 26 יאָר, אָבער שוין אײנגעבראָכן פון לײדן. אונטער דער הויט, צװישן בײדע בריסטן, איז איר אויסגעװאַקסן אַ מין משונהדיקער װאָרעם. ער איז געװען באַדעקט מיט האָר, װאָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דער הויט און בולט זיך געצײכנט אויפן קערפּער פון דער קראַנקער. אויך האָט ער געהאַט עטלעכע סימעטריש פאָרמירטע פיסלעך. דאָס מיסטעריעזע באַשעפעניש איז געװאַקסן אין אַ גיכן טעמפּ, ציִענדיק דעם לעבנס־זאַפט פון זײן קרבן. מיט אַן ערך אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט מען עס כירורגיש באַזײטיקט. אָבער זינט אַ געװיסער צײט האָט זיך דער װאָרעם װידער באַװיזן. איצט קומט די פּרוי אַהער אויף ראַדיאָטעראַפּיע נאָך זײן נײער עקסטירפּאַציע. די דאָק־טוירים, װאָס האָבן זי אָפּערירט — דערצײלט מען — האָבן נאָך קײנמאָל נישט געזען אַזאַ פּאַראַזיט אין אַ מענטשלעכן קערפּער. זײ האָבן אים אָפּגעשיקט אין אַ פּאַטאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע אויף אַ ספּעציעלע אויס־פאָרשונג. די אומגליקלעכע לעבט אין אַ שטענדיקער שרעק פאַר אַ נײעם רעצידיװ.

צוקוקנדיק זיך צו די אויסטערלישע לײדן פון די פיל קראַנקע, צו זײער טיפער דערשלאָגנקײט און אָפּטער הילפסלאָזיקײט מוז מען קומען צו דער איבערצײגונג: גאָר אַנדערש װאָלט אויסגעזען די װעלט, װען די ריזיקע מיטלען, װאָס זענען באַשטימט אויף פּערפעקציאָנירן דאָס טויטן פון מענטשן, װאָלטן באַנוצט געװאָרן אויף פאַרלענגערן און פאַרלײכטערן זײער לעבן...

***

נאָך די אַלע געשפּרעכן מיט די פּאַציענטקעס איז פאַר מיר קלאָר געװאָרן די נויטװענדיקײט פון איבן און מאַסאַזשירן מײן קראַנקן אָרעם.

כ׳האָב אויפגעזוכט אין דעם זעלבן שפּיטאָל די קינעזיאָלאָגישע סעקציע, וואָס נעמט אַרום צוו״אַ אויך די דערמאָנטע היילונגס־צוויגן.

דער שעף פון דער אָפּטיילונג, אַ סימפּאַטישער, האַלב־גרויער מאַן מיט צעשמייכלטע אויגן, האָט מיך מכבד געווען מיט אַ באַדייטנדיקער דאָזע אָפּטימיזם.

מיין דעמאָלט געגנוג נעבעכדיקן מצב האָט ער באַצייכנט נישט אַנדערש ווי „פּערפעקט״. אין דער ערשטער ריי האָט ער געלויבט די טעכניק פון מיין אָפּעראַציע ווי אַ „גלענצנדיק געלונגענע״ און דערציילט וועגן ערנסטע קאָמפּליקאַציעס אין אַנדערע, אַנאַלאָגישע פאַלן. לסוף האָט ער באַשטימט אַ קוראַציע פאַרן אָרעם, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַסאַזשן און גימנאַסטיק, אַדורכגעפירט אונטער דער לייטונג פון אַ הויך־קוואַליפיצירטער קינעזיאָלאָגין.

נאָר איינצלנע מינוטן האָט יעדעס מאָל געדויערט אַזאַ באַהאַנדלונג, אָבער איר פּאָזיטיווע ווירקונג איז געווען קענטיק באַלד פון ערשטן מאָל. כ׳האָב געפילט, ווי אין די שטיפע מוסקולן הייבט אָן צירקולירן דאָס בלוט, ווי די פאַרטויבטע נערוון לעבן אויף, ווי די האַנט ווערט נאָכגיביקער.

כאָטש די איבונגען האָבן אַרויסגערופן יסורים, האָט זיך געפאָדערט זיי אומבאַדינגט אַדורכצומאַכן. „בכדי דיין האַנט זאָל דיר דינען, מוזסטו עס דערגרייכן דורך שמערצן״, פלעגט מיר זאָגן די מאַסאַזשיסטקע.

כ׳האָב באַקומען גענויע אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פירן מיט דעם קראַנקן אָרעם, כדי ער זאָל שטופנווייז אָנהייבן צו פונקציאָנירן. כ׳האָב אַלץ געהאָרכזאַם אויסגעפאָלגט.

נאָך 15 באַהאַנדלונגען, וועלכע זענען מיר געגעבן געוואָרן יעדן צווייטן טאָג, האָט זיך געזען אַ באַשיינפּערלעכע פאַרבעסערונג. כ׳האָב שוין אומפאַרגלייכלעך בעסער באַוויגן די האַנט און באַקומען אַ גרונד צו גלייבן אין דער פולשטענדיקער אויסהיילונג פון דעם גליד.

דער רירעוודיקער און תמיד גוט געשטימטער שעף, וועלכער האָט מיך דאַן נאָכאַמאָל באַטראַכט, האָט געהאַט אַ גינסטיקע געלעגנהייט אַריינצופאַלן ממש אין התפעלות. אין דער ווירקלעכקייט האָט ער צוזאַמען מיט דער קינעזיאָלאָגין געהאַט אַ גערעכטן מאָטיוו צו זיין שטאָלץ

מיט זייערע דערגרייכונגען. כ׳בין געווען צופרידן צו קענען אויסדריקן זיי ביידן מיין טיפסטע דאַנקבאַרקייט.

*****

דאָס וואַרטן אין דער ראַדיאָטעראַפּישער אָפּטיילונג איז פאַר מיר געווען אַ שווער אָפּקומעניש. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין עצה, מחמת דער פּרייז פון אַזעלכע באַשטראַלונגען אין פּריוואַטע אַנשטאַלטן איז אַ זייער הויכער.

דאָס שעהן־לאַנגע זיצן אין דעם ענגן קאָרידאָר, אָנגעשטאָפּטן מיט בערך 50 פּרויען, ביי פאַרמאַכטע פענצטער און דאָס פאַרמאַטערנדיקע פּאַסיווע אויסקוקן די ריי האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ לאַנגווייליקייט, קאַפּוּויטיק און אויפרעגונג.

די ערשטע טעג האָט דער אינטערעס פאַר די אַנדערע קראַנקע מיך געהאַלטן אין שפּאַנונג. אָבער שפּעטער, ווען קיין נייע פּאַציענטקעס, וואָס זאָלן רופן מיין אויפמערקזאַמקייט, זענען כמעט נישט צוגעקומען און די פאַרדומפּענע שפּיטאָל־לופט האָט ביסלעכווייז איינגעשלעפערט מיין מוח, זענען מיר די שעהן געפלאָסן זינלאָזע, שווערע. כ׳פלעג אַרויסגיין פון שפּיטאָל ווי אַ פאַרטשאַדעטע און לאַנג נישט אין שטאַנד געווען זיך אויסצוניכטערן.

כ׳האָב געפּרוּווט צו זוכן אַן אויסוועג, אָבער אָן רעזולטאַט. קומען אַהער פאַר 7 אַזייגער, אַבסטראַהירנדיק שוין פון דער פינצטערניש אין דער צייט, האָט באַטייט קודם־כל שטיין אין דרויסן העכער אַ שעה, וואָס האָט מיך שטאַרק געפּלאָגט, און דערנאָך ערשט אויסוואַרטן אינעווייניק צום ווייניקסטנס אַ שעה־אַנדערטהאַלבן. קומען שפּעטער איז געווען אומ־מעגלעך — נאָך 8.30 האָט מען שוין נישט געוואָלט דערליידיקן די פאַר־מאַליטעטן.

אויב איך האָב געליטן צוליב די דאָזיקע פאַרהעלטענישן, וויפל צרות האָבן געהאַט אויסצושטיין די קראַנקע, וואָס זענען געווען אַ קורצע צייט נאָך אַן אָפּעראַציע און דערצו נאָך געוווינט זייער ווייט?!

איין פרוי דערציילט מיר: זי וווינט אויף דער פּראָווינץ, אַנדערטהאַלבן שעה רייזע פון דער שטאָט. זי הייבט זיך אויף יעדע נאַכט 4.30—5 אַזייגער

און, ווייל זי האָט מורא צו פאַרשפּעטיקן, שלאָפט זי נישט רויק אַפילו די האַלבע נאַכט. זי איז אַזוי אָפּגעשוואַכט — פינף וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע — אַז זי קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס אַ לענגערע ווײַלע. דערצו ווערט אַ תל פון איר זעכצן יעריק מיידל, וואָס קומט זי יעדן טאָג באַגלייטן. דאָ אין שפּיטאָל קומט איר אויס צו וואַרטן ביז 10.30—11 אַזייגער. ווען זיי גייען אַרויס פון דאַנען זענען שוין אָפּט אַלע יאַטקעס געשלאָסן און זיי באַקומען נישט גאָרנישט צו קויפן. איך שטוב איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל קענען צוגרייטן מיטאָג און נישט תמיד קען זי דאָס טון אַ טאָג פריִער. פאַסטן זיי טאַקע האַלבע טעג.

מער ווייניקער אין דעם נוסח רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן אויך אַנדערע פּאַציענטקעס. דער רוב וווינט ווייט פון שפּיטאָל און שטייט אויף, ווען ס׳איז נאָך שטאָק פינצטער. אַהיים קומען זיי שטאַרק פאַרמאַטערטע.

דאָך זיצן אַלע באַהערשטע, אָן אַ וואָרט פון פּראָטעסט. איך אָבער קען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן אַזאַ „אָרדענונג“. אַלץ אין מיר בונטעוועט זיך.

כ׳האָב געוואָלט איבערצייגן מיינע אחות לצרה וועגן דער נויטווענדיקייט פון ענדערונגען אין דעם אויפנעם־סיסטעם פון אונדזער אָפּטיילונג.

— האַלט איר נישט, אַז מיר פאַרלירן אומזיסט אַ סך צייט און נערוון? — פרעג איך פאַרזיכטיק מיין שכנטע.

— וואָס זאָל מען טון? — ענטפערט זי.

— מיר דאַכט זיך, אַז מ׳דאַרף נישט קומען אַזוי פרי אַהער.

— אַהאַ, אַז איך וועל קומען 8 אַזייגער, וועל איך אַוועקגיין 12 — רופט זיך אָן איינע, די וואָס איז כמעט תמיד די ערשטע אין דער ריי. (זי קומט פאַר 6 אַזייגער).

— מ׳וואָלט געקענט יעדער פון אונדז באַזונדער באַשטימען אַ גענויע שעה, ווען מיר זאָלן קומען — רעד איך שוין אַ ביסל העכער, כדי צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון אַנדערע אויף דעם ענין.

— אַז מ׳גיט אומזיסט, מוז מען ליידן — מישט זיך אַריין נאָך אַ פרוי.

— די שטראַלן זענען זייער טייער, מוז מען האָבן געדולד — וואַרפט צו נאָך איינע.

איך זע, כ׳בין פֿאַרייִנזאַמט אין מיין פּראָטעסט. כ׳באַוווּנדער דעם אויסדויער אָדער די טיפֿע פּאַסיוויקייט פֿון די דאָזיקע פֿרויען. איך פֿרוּו באַצווינגען מיין אומצופֿרידנקייט. סוף־כּל־סוף געפֿינען זיך אַ סך פֿון זיי אין אַן ערגערער לאַגע פֿון מיר. און נאָך אַ שטער: זיי אַלע זענען היגע, בלויז איך — אַן אויסלענדערין. מיין אַלטער קאָמפּלעקס פֿון „אַ פֿרעמדן עלעמענט״...

אָבער איך קען זיך נישט איינשטילן. אפֿשר שרייט דורך מיר דאָס בלוט פֿון דורות. איך בין דאָך אַ טאָכטער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אויף דער וועלט די נביאים, אַזוי פֿיל מערקווירדיקע רעפֿאָרמאַטאָרן, קעמפֿער פֿאַר יושר און גערעכטיקייט.

איך קען נישט פֿאַרבלייבן אינדיפֿערענט אין אָנבליק פֿון אַ קריוודע, בפֿרט, ווען זי לאָזט זיך לייכט פֿאַרריכטן.

ווען איך זע, אַז איך קען נישט רעכענען אויף דער מיטהילף פֿון די איבעריקע פּאַציענטקעס, באַשליס איך אַליין צו האַנדלען.

איך מאַך אַ שמועס וועגן דעם ענין מיט דער קראַנקנשוועסטער. זי שיקט מיך אָפּ צום שעף פֿון דער אָפּטיילונג.

און אָט נעם איך זיך אָן מיט מוט און ווענד זיך צו אים אין אַ זייער פֿאַרזיכטיקער און איידעלער פֿאָרעם. איך וואָג נישט אָנצוהייבן אין מערצאָל און רעד אין מיין אייגענעם נאָמען.

— כ׳וואָלט איך געוואָלט זייער בעטן מיר צו באַשטימען אַ שעה ווען צו קומען, כּדי איך זאָל נישט דאַרפֿן יעדן טאָג אַזוי לאַנג וואַרטן. דאָס פֿרי̇ע אויפֿשטיין און לאַנגע אויסוואַרטן פֿאַרורזאַכן מיר שטאַרקן קאָפּווייטיק.

— איר זענט נישט איינע אַליין אין אַזאַ לאַגע. אַלע מוזן וואַרטן.

— טאַקע דערפֿאַר, דאָקטאָר, ווייל איך בין נישט אַליין אין דער סיטואַציע, דערלויב איך זיך צו ווענדן צו אייך מיט דער פֿראַגע. דאָ קומען דאָך ס׳רוב קראַנקע, זייער שוואַכע, נאָך שווער׳ע אָפּעראַציעס. אַ סך פֿון זיי וווינען אויסער דער שטאָט אָדער סתּם ווייט און כּדי צו קומען אַהער אַזוי פֿרי, ווי עס פֿאָדערט זיך, שלאָפֿן זיי נישט גאַנצע נעכט. פֿון דעם ליידט דאָך זייער געזונט. מיינט איר נישט, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען צו באַשטימען יעדן אַ געוויסע שעה פֿון באַהאַנדלונג?

איך האָב געהאַט אַ קאַנסער

— מיר האָבן תמיד אַזוי געאַרבעט און איר וועט קיין רעפאָרמעס נישט אַריינפירן — ענטפערט ער מיר בייז, קוקנדיק אין אַ זייט.

דער שעף איז אַ נידעריקער, דאַרער, בלאַסער מיט קליינע, אַ ביסל אויסגעשניטענע, כינעזישע אויגן, און איצט, דאַכט זיך מיר, פאַרזשמורעט ער זיי נאָך מער, כדי מיך נישט צו זען. כ׳גיב זיך אָבער אַזוי לייכט נישט אונטער. ס׳איז דאָך די איינציקע מעגלעכקייט, מיין לעצטער שאַנס.

— דער אַרגומענט, אַז ס׳איז ביז איצט אַזוי געווען, וויל נישט זאָגן, אַז מ׳קען נישט בייטן די אַרבעטס־מעטאָדן. אין יעדער טעטיקייט זוכט מען דאָך זיי צו פערפעקציאָנירן — פאַרטיידיק איך נאָך אומדרייסט מיין שטעלונג.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז מיר בייטיקן זיך נישט אין אייערע רעפאָרמעס — גיט ער מיר מיט רוגזה ווידער אַ וואָרף אין פּנים אַריין.

כ׳זע — מיין ענין איז פאַרשפּילט. און מיך פאַרגיסט אַ ביטערער כעס צוליב זיין קאָנסערוואַטיזם און אומווילן צו פאַרלייכטערן די ליידנדיקע זייער שווערן גורל.

— איר פאַרגעסט, אַז דאָס שפּיטאָל איז פאַר די קראַנקע, און נישט פאַרקערט — רייסט זיך פון מיר אַרויס מיין צער און צאָרן. כ׳בין נישט בכוח זיך צו באַהערשן. כ׳הייב אָן צו ציטערן פון אויפרעגונג.

נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט בין איך אַ לענגערע צייט פאַרבליבן ביז גאָר דענערווירט און זיך נישט געקענט באַרויקן. איך האָב אויף ווייטער פאַרשטיקט אין זיך יעדן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז איך וועל גיכער צעברעכן מיין קאָפּ, ווי איינברעכן די האַרטע וואַנט פון שטייפע רעגלאַמענטן. און אַ שטאַרק פאַרביטערטע האָב איך געמוזט פטרן פיל צייט און נערוון, געוואָרן פאַרמאַטערט און פאַר־נודעט פון שעהן־לאַנגן אויסוואַרטן אין דער דושנער שפּיטאָל־אַטמאָספער.

איך האָב מיט רחמנות באַטראַכט די געל־גרינע, פאַרשמאַכטע פּני־מער פון די שווער קראַנקע און אָפּט געטראַכט: ווי נעמט מען דאָ אַ... גאָגאָל, אָדער אַ... קאַפקאַ.

גראָד קורץ פאַר מיין קראַנקייט האָב איך זיך איינגעלייענט אין פראַנץ קאַפקאַ׳ס ווערק און שטאַרק אָנגעקוואָלן פון זיין אייגנאַרטיקן, גוט־מוטיקן סאַרקאַזם, שמייכלדיק־בייסיקער איראָניע און דעם אומפאַרגלייכ־

באַרן פּלפּול, מיט וועלכע דער מערקווירדיקער שרייבער אַנאַליזירט די רוטינירטע, געפיל־ און גייסטלאָזע אַרבעט־מעטאָדן פון דער ביוראָקראַ־טיע. ער דרינגט אַריין אין אַלע קעמערלעך פון דעם מאַכט־באַזיצנדיקן אַפּאַראַט, וואָס לאָזט אַפילו נישט צו דעם געדאַנק פון אַ מעגלעכן טעות פון זיין זייט.

עס לעבן אויף פאַר מיר עטלעכע בילדער פון דער ביוראָקראַטישער מאַשין, וואָס צווישן אירע רעדער פלאָנטערט זיך אָן אַן אויסגאַנג דער אָנמעכטיקער פּאָלקס־מענטש.

איך פיל זיך זינט אַ לענגערע צייט ווי אַ קרבן פון אָט דעם בייזן מעכאַניזם און האָב מורא, ער זאָל מיך נישט דערדריקן אין זיין בלינדן, ריקזיכטלאָזן גאַנג...

איך זע אָפט, ווי קאַפקאַ׳ס הויכער, מיסטיש פאַרנעפּלטער „שלאָס" האָט אַראָפּגענידערט אין אונדזער רעאַליטעט... איך מיין, אַז מיט זיין מייסטערהאַפטער פעדער האָט ער אונדז אַלע קראַנקע פאַרוואַנדלט אין „העלדן", וואָס דערציילן זייערע פּעריפּעטיעס מיט די געזונטהייטס־פאַר־זאָרגער...

XXVI

ווייטיקלעכע קאָמפּליקאַציעס

נאָך פֿאַרן פֿאַרענדיקן די באַשטראַלונג־קוראַציע האָט מיר אָנגעהויבן צו דראַפּן אין האַלדז ווי ס׳וואָלט זיך פֿאַרמירט אַן אַנגינאַ. כ׳האָב געפֿילט אַ מין מאַדנע טרוקנקייט, וואָס האָט באַשווערט דאָס שלינגען און געמאַכט די צונג שטייף ווי אַ שטיק לעדער. מאָמענטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, ווי עפּעס אַ קנויל וואָלט מיך געשטיקט ביים אָטעמען. דערביי בין איך נישט געווען פֿאַרקילט. אַ ביסל שפּעטער האָב איך דערשפּירט פֿרישע ווייטיקן אין דער צווייטער, דער געזונטער זייט. די שוין דערמאָנטע קלעמונג און שטעכונג, וואָס האָבן זיך פֿריִער געלאָזט פֿילן פֿון צייט צו צייט, האָבן זיך איצט אָפּגערופֿן אַ סך עקשנותדיקער און שמערצלעכער. אַמאָל איז אַ געוויסער, צום מיינסטן, דער אויבערשטער ברוסט־מוסקול געוואָרן ווייטיקלעך אָנגעשטייפֿט און אָנגעהאַלטן אַזוי שעהן לאַנג. אַן אַנדערש מאָל האָט זיך אין דער ברוסט צעלייגט אַזאַ שווערקייט, ווי עס וואָלט אויף איר געדריקט אַ שטיק בליי. קיין שום פֿאַרהאַרטונג, וועלכע כ׳האָב געזוכט מיט פֿיבערדיקע פֿינגער, האָב איך נישט אַרויסגעפֿילט...

די פֿריקרע פּראָצעסן האָב איך זיך אַליין געפּרוּווט אויסטייטשן ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די X־שטראַלן. אָבער מיין „אַנקעטע" צווישן די אַנדערע פּרויען אין שפּיטאָל האָט נישט באַשטעטיקט די השערה. קיין איינע פֿון די קראַנקע האָט נישט געפֿילט קיין ענלעכע רעאַקציעס.

ווּ ליגן די סיבות פון מיינע יסורים? — האָב איך געטראַכט אַן אױפגערעגטע.

וואָס עס איז נוגע דעם האַלדז, האָב איך גיך דערלאָזט די מחשבה, אַז ער קען ספּעציעל רעאַגירן אויף די רענטגען־שטראַלן. מיין אינטויציע האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז אויב איך האָב געקענט בשעת דעם איינ־אָטעמען כלאָראָפאָרם זיך פאַרקילן ביז צו אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג, איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די שטראַלן זאָלן ביי מיר, מער ווי ביי אַנדערע, אַטאַקירן מיין זייער פילבאַרן האַלדז. דאַקעגן האָב איך נישט געהאַט קיין שום גרונד צו דענקען אַנאַלאָגיש וועגן זייער ספּעציעלער ווירקונג אויף אַנדערע קערפּער־טיילן.

אין אָנבליק פון די שטייגנדיקע שמערצן איז אַלץ געוואַקסן מיין אומרו. און כ׳האָב מערערע מאָל מיט אַ צאַפּל באַמערקט, אַז מיין רעכטע האַנט ווערט פאַרשמאַכט פון דער קלענסטער אָנשטרענגונג, נאָך אָפּטער אַפילו, ווי עס פלעגט געשען מיט מיין לינקער האַנט פאַר דער אָפּעראַציע. אַ נייער גרויזאַמער געדאַנק: רעצידיוו פונעם קאַנסער?...

אין דער צעצווייפלונג, וואָס האָט מיך אויף ס׳ניי גענומען אין קלעם, האָט מיין געזונטער חוש זיך געווערט קעגן דער אויסטערלישער מחשבה. אַפילו ווען ס׳וואָלטן פאַרטראָגן געוואָרן אויף דער רעכטער זייט איינציקע קאַנסער־צעלן, איז אוממעגלעך אַזאַ גוואַלדיקער וווּקס ביז צום אַרויס־רופן אַזעלכע שאַרפע ווייען אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט.

אָבער דער סקעפּטיקער אין מיר האָט געפאָדערט אַן אויפקלערונג: פאַרוואָס בין איך דער איינציקער שלעכטער אויסנאַם פון אַלע, און פאַרוואָס איז מיין צושטאַנד אַזאַ ענלעכער צו דעם פון דער פרוי, וועלכע איז צוריק־געקומען אַהער נאָך צוויי יאָר מיט אַ חשד פון אַ קרעפּס אין דער צוויי־טער ברוסט.

פול מיט שרעק האָב איך זיך געוואָנדן צום דאָקטאָר אין מיין רענטגען־סעקציע, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער פאַרמאָגט געוויס אַ גרויסע דער־פאַרונג אויף דעם געביט.

דאָס איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ האַלב פליכעוואַטן קאָפּ, אַ פול, אָפּגעברענט פנים און אַ ביסל פאַרשלאָפענע, וואַסערדיקע אויגן. אויסגעהערט און פאַרצייכנט מיין קורצע אינפאָרמאַציע, האָט ער געקוקט

די גאַנצע צייט אויף מיין קאַרטל אָדער סתם אויפן טיש, נישט באַשענ־קענדיק מיך אַפילו מיט איין איינציקן בליק.

עס האָט מיך באַהערשט אַ פּאַרדרוס, וואָס ער זעט אין מיר בלויז אַ נומער פון דער אַלגעמיינער קאַרטאָטעק פון די קראַנקע און נישט עפּעס אַ לעבעדיק, פילענדיק באַשעפעניש מיט זיינע אייגנאַרטיקייטן.

מיטן האַלדז האָט ער מיך באַלד אָפּגעשיקט צו אַ לאַרינגאָלאָג.

— איז עס נישט אַמאָל אַ רעזולטאַט פון די שטראַלן? — פרעג איך אים, זוכנדיק דערווייל אַ דערמוטיקונג.

— ניין! — ענטפערט ער פעסט.

עס הייבט מיך אָן צו ערגערן אַ זאָרג: וואָס קומט פאַר מיט מיין האַלדז?

נאָך דעם באַטראַכט ער דעם ברוסטקאַסטן. איך וואַרט מיט דער העכסטער אומגעדולד אויף זיינס אַ וואָרט. לסוף זאָגט ער אַרויס מיט אַ קאַלטן טאָן:

— מאַכט אַ ראַדיאָגראַפיע!

ער דערלאַנגט מיר גלייכצייטיק דאָס געהעריקע רעקאָמענדאַציע־צעטל אָן ווייטערע קאָמענטאַרן.

דאָס בלוט קאָכט אויף אין מיר. צו וואָס אַ ראַדיאָגראַפיע? האָט ער טאַקע אַ פאַרדאַכט אויף אַ קרענקלעכן פּראָצעס? פאַרוואָס זאָגט ער מיר גאָרנישט?

דער דאָקטאָר האַלט שוין מיין ענין פאַר דערליידיקט און הייסט אַריינרופן אַ צווייטן פּאַציענט. אָבער איך קען נישט אַזוי אַוועקגיין. איך קען נישט פאַרבלייבן מיט אַזאַ שניידענדיקן אומרו ביז צום רעזולטאַט פון דער ראַדיאָגראַפיע. כ'מוז באַקומען פון אים אַ טרייסט־וואָרט. אַרויס־רייסן עס מיט כוח!

— דאָקטאָר, כ'בעט אייך, וואָס פאַראַ גורמים קענען פאַרורזאַכן אַזעלכע יסורים?

כ'בין גוואַלדיק אָנגעשטרענגט. בין גרייט מיט אַ לייכט האַרץ אויפ־צונעמען אַלע קרענק פון דער וועלט, אַבי נאָר נישט הערן דאָס שוידער־לעכסטע וואָרט...

ווען אַ קאַץ גיט אַ מיאַוקע, אַ הונט גיט אַ ביל אָדער וועלכעס איז אַנדער נפש לאָזט אַרויס עפּעס אַ קלאַנג, הייב איך אויף אינסטינקטיוו די אויגן אויף אים. אָבער דער דאָקטאָר, ווייזט אויס, זעט אין מיר נאָך אַלץ נישט קיין לעבעדיק וועזן. קיין שום רעאַקציע פון זיין זייט! ער בלייבט ווייטער פאַרשטיינערט אין זיין גלייכגילטיקייט. און ווען איך שטיי אומ־באַוועגלעך, אויסוואַרטנדיק, חזרט ער איבער מיטן פריערדיקן טאָן:

— ס׳איז נייטיק אַ ראַדיאָגראַפיע.

איך בין ווי צוגעשמידט צום אָרט.

כ׳מוז זיך שטאַרק אָנשטרענגען אויפצוהייבן די שווער־געוואָרענע, ווי האַלב־געליימטע פיס. איך טו עס מן־הסתם אַזוי אומגעלומפערט און פּאַמעלעך, אַז דער דאָקטאָר באַמערקט נישט מיינע באַוועגונגען. ער מיינט אפשר, אַז איך שטיי נאָך אַלץ עקשנותדיק און וויל נישט אָפּטרעטן פון אים. זיין פּנים קרומט זיך אויס אין כעס און ער גיט אַ צישע אַרויס:

— די ראַדיאָגראַפיע וועט אַרויסווייזן, צי מ׳דאַרף איך אָפּערירן אויף דער צווייטער זייט...

האָט די בלוטיקע כוואַליע, וואָס פאַרפלייצט מיך, פאַרטרונקען מיין האַרץ? איך שפּיר עס נישט.

איך פאַרשטיי איצט קלאָר, אַז די מענטשלעכע ליידן האָבן נישט קיין גרענעצן. ווען דו דערגרייכסט שוין זייער טיפסטן אָפּגרונט, קענסטו נאָך אַלץ זינקען טיפער און טיפער... אָן אַ סוף און אָן אַן עק.

מ׳קען נישט ווערן פאַרהאַרטעוועט אין פּיין. יעדער פרישער ווייטיק־לעכער קלאַפּ צערודערט אויף ס׳ניי די אינגעווייד, טרייסלט אויף די נשמה.

די „אויפקלערונג״... פונעם דאָקטאָר האָט מיך נאַטירלעך טיף פאַרוואונדעט. אָבער דער דאָזיקער „מענטשן־רעטער״ האָט זיינס דער־גרייכט...

ס׳האָט מיך איצט האַסטיק אַ ריס געטון פון אָרט, ווי כ׳וואָלט געיאָגט געוואָרן פון עפּעס אַ בייזן געשפּענסט.

אַ שטאַרק צעבראָכענע בין איך אַרויס פון דער קאָנסולטאַציע.

די קראַנקנשוועסטער רופט מיך אַריין אויף אַ באַשטראַלונג. צוריק־וועגס, ווען איך גיי אין גאַרדעראָב נאָך מיינע זאַכן, גיט זי מיך אַ פרעג

מיט אַ קול, אין וועלכן עס לאָזט זיך הערן אַ געמיש פון רחמנות און נייגיר:

— אַזוי, ס׳טוט אייך אויך וויי די צווייטע זייט?

איין מאָמענט בלייב איך שטיין און שטעל אָן אויף איר אַ פּאָר ברייט צעעפנטע, אַנגסט־פולע אויגן.

וואָס מיינט זי צו זאָגן מיטן וואָרט: „אויך״? נישט אַנדערש, אַז פריִער האָט מיר וויי געטון איין זייט — פון וואָס איז דאָך באַוווּסט — און איצט חזרט זיך דאָס איבער אין דער צווייטער. הייסט עס, אויך זי איז חושד אַ קרעפּס...

בשעת דעם אָנטון זיך לויפט מיין געדאַנק אַרויס אין אַ כאַאָטישן געיעג נאָך אַ טרייסט־דערינערונג.

„גוט״ אויסגעשניטן, „גוט״ אויסגעברענט, „גוט״ אויסגערייניקט. די אָפּעראַציע איז „גלענצנדיק אַדורכגעפירט״...

ניין, ס׳קען נישט זיין ווידער אַ קאַנסער... ס׳נעמט מיך אָן אַ חשק אַריינצוזאָגן כאָטש דער קראַנקנשוועסטער פאַר דעם, מישטיינס־געזאָגט, מיטגעפיל־אויסדרוק.

— ס׳איז גאָרנישט דאָס זעלבע! — שריי איך אַרויס פון אונטער דער פאָרהאַנג. — דעמאָלט האָט מיר גאָרנישט וויי געטון!

איך קען מער נישט רעדן. עפּעס פרעסט איין שטאַרק מיין האַלדז און לאָזט נישט דורך קיין שום קלאַנג.

איך באַשליס ביי זיך, כ׳וועל מער דאָ צו דעם דאָקטאָר נישט קומען. אַפילו נישט מיט דער ראַדיאָגראַפיע. וואָרן אויב זי וועט אַרויסווייזן אַ קאַנסער, איז ער, דער קאַלטער פאַרשוין מסוגל דאָס מיר גאַנץ פשוט צו זאָגן. און איך וויל דאָס נישט פאַר קיין שום פרייז! איך האָב נישט מער קיין כוח! זאָל מען מיך נאַרן, טון אַלץ, נאָר נישט צעטרייסלען ביז משוגעת מיט אַ פרישן קאַנסער־קאָשמאַר!

***

דעם זעלבן טאָג בין איך געווען ביי אַ לאַרינגאָלאָג. אַריינגעשטעקט אַ לאַנג לעפעלע אין דער קעל, באַלויכטן מיט אַ לעמפעלע, געקוקט אַ לענגערע ווײַלע — אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. דער האַלדז איז

ריין — זאָגט ער מיר.

— פון וואַנען־זשע נעמט זיך פּאָרט די אָפּטע פאַרטרוקנקייט און דער קנויל?

איך גיב אים איבער וועגן מיין קרענק און די שטראַלן־אַפּליקאַציעס.

— איז עס אפשר פאַרורזאַכט פון די לעצטע? — פרעג איך אים.

— גאַנץ מעגלעך, געוויס — קלינגט זיין תשובה, און איך שפיר, אַ שטיין פאַלט מיר אַראָפּ פון האַרצן.

— זייט רויק, דער האַלדז איז פולשטענדיק געזונט.

ער קוקט אויף מיר וואַרעם, שמייכלדיק, וועלנדיק מיך מוטיקן און פאַרטרייבן מיין זאָרג.

ער פאַרשרייבט מיר אַ רפואה צו מילדערן די אַנאָמאַליעס אין האַלדז. איך פאַרלאָז אים מיט אַן אויפגעהייטערט געמיט און טראַכט מיט פאַר־איבל וועגן דעם רענטגענאָלאָג, וועלכער האָט קאַטעגאָריש אויסגעשלאָסן דעם עווענטועלן איינפלוס פון די שטראַלן אויפן האַלדז.

דער נישט נאָרמאַלער צושטאַנד פון האַלדז האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ געוויסע צייט און איז אומגעריכט פאַרשוווּנדן.

***

אויף מאָרגן האָב איך זיך געקליבן צום ד״ר ש.

אין אָוונט האָב איך געפילט אַן אומגעוויינלעכע שוואַכקייט אין מיין רעכטן אָרעם. אָבער עפּעס שוידערלעכעס איז געשען אין מיטן דער נאַכט. ס׳האָט מיך האַסטיק אַרויסגעריסן פון שלאָף אַ צודרינגלעכער שמערץ אונטער דעם זעלבן אָרעם. כ׳האָב געפילט, געניי ווי ביים ערשטן מאָל אונטערן לינקן אָרעם, ווי עפּעס אַ קראַפט אָבער אומפאַרגלייכלעך אַ שטאַרקערע, דריקט פון אינעווייניק. אייניקע מינוט, דאַכט זיך מיר, אַז די יסורים וועלן מיך צענעמען אויף שטיקער.

איך האָב אויפגעציטערט אין אַלע אברים. איצט בין איך שוין זיכער: אַ קאַנסער אין דער צווייטער זייט! ער געפינט זיך מן־הסתם טיפער, דער־פאַר איז אויבנאויפיק נישט צו באַמערקן קיין פאַרהאַרטונג. און אויב ער איז בכוח צו פאַרשאַפן אַזעלכע ליידן, האָט ער מיך שוין שטאַרק

צעפּרעסן. נישטאָ קיין שום האָפענונג. ענדגילטיק פאַרמשפּט צו אַ גיכן, פּיינפולן טויט!

אַ ווילדער ספּאַזם האָט אויפגעטרייסלט מיין קערפּער. איך לויף אַרויס פון בעט. מיין מאַן וועקט זיך איבער און באַמערקט מיין אָפּוועזנהייט. ער רופט מיך. איך קען נישט ענטפערן און נישט איינשטילן מיין שלוכץ. אָט איז ער שוין ביי מיר.

— וואָס איז געשען? — ציטערט ער אין גאַנצן.

איך בין אַזוי צעבראָכן, אַז כ׳געפון שוין נישט קיין כוח צו פאַרהוילן דעם אמת. אגב, די שפּיל האָט שוין נישט קיין שום זין. מיינע טעג זענען דאָך געציילטע. כ׳מוז איצט אויסנוצן דעם מאָמענט, כדי צו פאַרזיכערן אים דאָס לעבן נאָך מיין טויט. איך האָב געהאַט אַ גרונד צו גלייבן, אַז ער וואָלט אים נישט איבערגעטראָגן.

— כ׳פיל זיך שלעכט — זאָג איך אים אין מיטן פון אַ קאָנוווּלסיוון כליפּען. — דו מוזסט זיך שטאַרקן. זיין גרייט, אַז יעדן טאָג קען קומען די קאַטאַסטראָפע. מיך באַדויער נישט. כ׳קען שוין מער נישט ליידן. פאַר מיר איז דער טויט די איינציקע דערלייזונג. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט לעבן...

ער לאָזט מיך נישט רעדן.

— וואָס איז דיר? וואָס פילסטו? — פיבערט ער און זיין פּנים ווערט פאַרפּלייצט פון אַ שטראָם טרערן.

דערווייל לאָזט דער ווייטיק אַ ביסל נאָך.

איך נעם זיך אַ ביסעלע צונויף, גיב איבער, אָבער שוין אין אַ לייכטערער פאָרעם וועגן נאָר וואָס געשעענעם, צווינג אים, ער זאָל מיך אויסהערן — לאָז אים איבער מיין געריידטע צוואה, צוו״אַ צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע מיינע שריפטן, נישט פאַרענדיקטע. איך וועל שוין נישט באַוויזן...

איך שטופּ מיין האַנט אין זיינע, זאָל ער מיר געבן זיין צוזאָג אויף אַלעם, קודם־כל — אויף זיין לעבן... איך וועל נישט איינליגן רויִק אין מיין קבר... — כליפּע איך ביטער.

— טראַכט נישט וועגן מיר, טראַכט וועגן דיר! מיר וועלן אַלץ טון, וואָס מ׳קען. וועסט לעבן! דו מוזסט לעבן!

ער פּרוּווט מיך באַרויִקן. מיר ליגן איצט ביידע אַרומגענומען אין אַ פּאַרצווייפלטן געוויין.

דער ווייטיק אונטערן אָרעם איז איצט אַ טעמפּער.

די טרערן האָבן טיילווייז אָפּגעקילט מיין אויפברויז.

מיין מאַן פרעגט מיך יעדע רגע, ווי איך פיל זיך.

— גוט! — ענטפער איך. אַ ביסל שפּעטער בין איך שוין באַהערשט.

— ס׳טוט מיר שוין גאָרנישט וויי. זעט אויס, ס׳איז געווען אַן איבערגייענדיקער שמערץ. זיי מיר מוחל, איך בין געווען משוגע פון שרעק...

אין משך פון טאָג האָבן זיך די ווייען ווירקלעך אין אַ גרויסער מאָס איינגעשטילט. און בכלל ביז היינט קיינמאָל מער זיך נישט איבערגע־חזרט אין אַזאַ שטאַרקן גראַד.

אָבער מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם וויזיט ביי ד״ר ש.

— —

ער האָט מיך אויפגענומען האַרציק, מיט אינטערעס. געפּרוּווט טרייסטן.

— ס׳קענען זיין פאַרשידענע סיבות פון די ווייטיקן.

איך זע, ער איז אַליין באַזאָרגט וועגן מיין מצב. ער קען נישט אויס־באַהאַלטן דעם אומרו, וואָס שלאָגט זיך אַדורך אין זיינע גוטע אויגן.

— כדי איר זאָלט זיך באַרויִקן, וועל איך אייך לאָזן באַטראַכטן דורך מיין שעף אינעם שפּיטאָל. אַ מענטש מיט אַ זייער גרויסער פּראַק־טיק, 25 יאָר אַרבעט אויף דעם געביט.

ער וואַקסט נאָך מער אויס אין מיינע אויגן, דער ד״ר ש. מיט דעם, וואָס אין אַן ערנסטן ענין זוכט ער זיך צו קאָנסולטירן מיט אַ גרויסן ספּע־ציאַליסט. נישט ווי אַ סך אַנדערע, וואָס ווילן זיך ווייזן פאַרן קראַנקן ווי די העכסטע מעדיצינישע אויטאָריטעט.

— אַ דאַנק, דאָקטאָר.

און ווידער האָב איך איבערגעטראָגן אַ היפּשע שפּאַנונג.

***

אין דעם באַשטימטן טערמין האָב איך זיך געשטעלט צו דער קאָנ־סיליע. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, ווען דער שעף האָט

איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם קאַבינעט. שוין אַן עלטערער, דאָך אַ שיינער, שלאַנקער מאַן, מיט אַ הויכן שטערן, רעגולערע געזיכטס־שטריכן און גרויסע, טונקעלע אויגן.

אָבער זיין אויפפירונג איז מיר זייער נישט געפעלן. ער איז אַריין אָן אַ „גוט מאָרגן" און אַדורכגעגאַנגען מיט אַ שטאָלצן טראָט דעם האָל פול מיט מענטשן, ווי דורך אַ ליידיקער לופט־ספערע. פאַרקוקט, אַזוי ווי אין זיך אַליין. איך האָב תיכף דערהערט זיין אויפגעהויבענע שטימע. באַלד קומט אַרויס צו מיר די קראַנקנשוועסטער, אַ פאַרפלאָמטע:

— ער האָט אויף מיר געשריגן, פאַרוואָס איר זענט נישט גרייט און ער מוז איצט וואַרטן — טיילט זי זיך מיט מיר אַ פאַרביטערטע און פאַרשולדיקטע.

ד"ר ש. האָט זיך גראָד אין דעם מאָמענט נישט געפונען אין דער קאָנסולטאַריע.

איך וווּנדער זיך שטאַרק צוליב דעם שעפס אומבאַגרינדעטן פאָר־וווּרף. איך וואַרט דאָך אויף אים העכער אַ שעה. האָב איך אפשר גע־דאַרפט זיצן אַן אויסגעטועגע די גאַנצע צייט?

ער הייבט מיך אָן צו באַטראַכטן מיט אַן אָנגעשטרענגט פנים. פרעגט מיך אויס דעם פאַרלויף פון דער קרענק, די לעצטע סימפּטאָמען. ביסלעכ־ווייז ווערט זיין געזיכטס־אויסדרוק ווייכער, זיין שטים פריינדלעכער. אין צווישן קומען אַריין נאָך דאָקטוירים. אפשר פינף אָדער זעקס, רינגלען מיך אַרום. אונטער זייערע בליקן פיל איך, ווי כ'וואָלט געשטאַנען אויף ברענענדיקע קוילן. מאָמענטנווייז וואָלט איך וועלן, די ערד זאָל זיך עפענען און מיך לעבעדיקערהייט איינשלינגען. די דאָקטוירים רעדן זיך איבער שטיל און שאָקלען מיט די קעפּ, אייניקנדיק זיך אויף עפּעס. פּלוצלינג ווענדט זיך איינער הויך צום שעף: „אפשר מאַכן אַ ביאָפּסיע?"

ווי אַ שווערער האַמער וואָלט מיר אַ זעץ געטון איבערן קאָפּ. ס'הייבט מיר אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן. איך פאַרשטיי, וואָס דאָס מיינט. איך וואַרט מיט פחד אויף דעם שעפס ענטפער. אָבער ער שווייגט, נאָר גייט נאָך אַמאָל אַדורך מיט די פינגער די פאַרדעכטיקע זאָנע. און מיט אַמאָל, אומדערוואַרטעט גיט ער עפּעס אַ שטילן מורמל און גייט אַרויס געשווינד פון צימער, לאָזנדיק מיך אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. נאָך אים זענען

אַרויס אַלע מעדיקער. איך בלייב אַ פּאַרגאַפּטע און ווייס נישט, וואָס מיט זיך צו טון.

ס'קומט אַריין ד״ר ש. ער האָט נאָר וואָס גערעדט מיטן שעף. דער גלייבט, אַז ס'איז נישט „דאָס"... פאַר וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן. עס ווירקן דאָ אַנדערע פּראָצעסן.

עס איז מיר איצט שוין נישט וויכטיק וועלכע, אַבי נישט „דאָס".

ס'איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. איך אָטעם אָפּ פרייער.

— אָבער פאַרוואָס האָט דער שעף מיר גאָרנישט געזאָגט? — דריק איך אויס מיין שטוינונג. — פאַרוואָס האָט ער מיר נישט איבערגעלאָזט קיין וואָרט דערמוטיקונג? פאַרשטייט ער נישט, וואָס הייסט טאַרטור פון אומרו?

איך געפין אַליין דעם ענטפער. דעם זעלבן, וואָס אין דער באַשטראַ־לונג־אָפּטיילונג. דאָס איז ווידער די פאַרהאַרטעוועטקייט פון אַ סך דאָק־טוירים אין די שפּיטעלער, וועלכע קוקן אויף אַ קראַנקן ווי אויף אַ טויטן אַרבעטס־מאַטעריאַל. אַקוראַט ווי אַ טסאָליער — אויף זיין האָלץ, אַ שוס־טער — אויף די לעדער.

ס'איז נאַטירלעך, אַז אַ דאָקטאָר קען נישט יעדעס מאָל עמאָציאָנעל טיילן די טראַגעדיע פונעם קראַנקן, אָבער פון דעם צושטאַנד ביז אַזאַ קאַלט־בלוטיקייט און נשמה־לאָזיקייט איז דאָך אַ גרויסער מהלך.

בלויז מיט געציילטע ווערטער וואָלט דער שעף געוועזן געקענט אַריינבלאָזן אין מיר אַ נייעם גייסט. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט ער טיף באַליידיקט מיין מענטשלעכע ווערדע און פאַרוואונדעט מיינע געפילן.

— —

אַלע ראַדיאָגראַפיעס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרדעכטיקס.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, ווי אַזוי די שוואַרצע אויפנאַמעס האָבן אויסגעוויסט די פּערספּעקטיוון פאַר מיר.

אויב ס'איז מיר אין דעם פּעריאָד אויסגעקומען אַזוי פיל צו ליידן, איז עס דערפאַר, ווייל, ווען פאַר דער אָפּעראַציע האָבן די דאָקטוירים געקענט שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, האָבן זיי דאָס ביי די שפּעטערדיקע קאָמפּליקאַציעס נישט באַוויזן און אויך נישט געווען ביכולת מיר אָנצו־

ווייזן די געהעריקע טעראַפּעוטיק. הגם מ׳האָט פון מיר אויף אַ גליק־לעכן אופן אַרויסגעריסן דעם קרעפּס, האָט מען מיך אָבער אַ לענ־גערע צייט נישט געקענט באַפרייען פון זיינע נאָכווייעניש.

***

דער קאָשמאַר פון אַ רעצידיוו איז פאַרטריבן, אָבער די שמערצן אין פאַרשידענע פאָרמען האָבן אָנגעהאַלטן.

איך האָב לסוף פאַרענדיקט די ראַדיאָטעראַפּיע, וואָס האָט מיר איינ־געשלונגען האַלבע טעג, פאַרשאַפן אַזוי פיל בייז בלוט און קאַפּרייטיק. כ׳האָב שוין געהאַט פרייע צייט, אָבער זי האָט מיר נישט געבראַכט די אַזוי געגאַרטע מנוחה.

אַן אייגנאַרטיקער פּעריאָד איז דאָס געווען. אויב אין משך פון די ערשטע פיר חדשים איז די צייט געווען דער בעסטער רופא אין הסכם מיטן אַלטן קלוגן שפּריכוואָרט, האָט זי שפּעטער געשיינט צו האָבן גאָר אַ פּראָפּאָרציאָנעל פאַרקערטן איינפלוס אויף מיין געזונט.

יעדער טאָג האָט געבראַכט אַלץ גרעסערע ליידן.

אָט איז אַ פאַרצייכענונג פון מיין פיזישן מצב און זעלבסטגעפיל אַ האַלב יאָר נאָך דער אָפּעראַציע:

זונטיק. אַ טריבער, קאַלטער טאָג. כ׳שרייב נאָך ליגנדיק אין בעט. איך בין אויסגעשלאָפן, דאַרף זיין אויסגערוט, אָבער כ׳פיל אַ פאַרמאַ־טערטקייט, אַ שטאַרקערע, דווקא פון דער נישט־אָפּערירטער זייט — פון אָרעם ביז צו דעם פוס. כ׳שפּיר די שוואַכקייט פון יעדן אבר. דער דרוק אונטער דעם מישטיינס־געזאָגט „געזונטן״ אָרעם איז אַ ביסל לייכ־טער ווי נעכטן. עס ציט און רייסט ביי דער ברוסט. אונטער דעם אָפּע־רירטן אָרעם האָב איך אַן איינדרוק, גלייך ס׳וואָלט זיך אַ קגויל אויס־געפּאָרעמט. דאָרט שטערט מיר עפּעס. כ׳מיין, אַז די וועש האָט זיך מיר אפשר אַזוי פאַרשאַרט. אָבער ניין. איך טאַפּ אָן מיט די פינגער. פון דעם באַריר טוט מיר אַלץ ווי. יעדע ריפּ, וואָס שטעקט נאָך בולט אַרויס אונטער דער אָנגעצויגענער הויט, ענטפערט מיט אַן אַנדערן ווייטיק. ממש אַ קעסטל מיט אַ גאַנצער גאַמע פון פאַרשידנאַרטיקע ווייטיקלעכע טענער

און פאַרשידענער אינטענסיוויטעט. צום ווייניקסטן סענסיטיוו איז דער שטח נעבן דעם בעקן־ביין, צום מיינסטן —ביים שניט אונטערן אָרעם. הויפּטזאַכלעך פּילעווריק זענען די געוועבן, וואָס האַלטן אין איבערגיין פון שטייפקייט צו עלאַסטישקייט.

ביים פאַרצייכענען די שורות איז מיר די האַנט אַזוי פאַרחלשט געוואָרן, אַז כ'האָב געמוזט איבעררייסן אין מיטן און שפּעטער זיך אויפזעצן, כדי צו קענען ממשיך זיין דאָס שרייבן.

אַזוי שטעלט זיך דער טאָג, איינער פון אַ סך.

***

ווען מיין כירורג, דער ד״ר ק., האָט זיך ענדלעך צוריקגעקערט צו דער נאָרמאַלער טעטיקייט, בין איך תיכף צו אים אַהין געלאָפן.

איך גיי אַריין אין דער קליניק מיט אַ געמיש פון אַנטוישונג און דערוואַרטונג.

ווען כ'בין פון דאַנען אַרויסגעגאַנגען מיט העכער אַ האַלב יאָר צוריק, האָט פאַר מיר אויפגעלויכטן די וועלט מיט פרייד און האָפענונג. איצט איז זי ווידער פאַר מיר פינצטער און איך זע נישט קיין סוף צו מיין גיהנום־וועג.

וועט מיך ד״ר ק., וועלכער האָט מיך באַפרייט פונעם קאַנסער, אויך באַפרייען פון זיינע אויסטערלישע קאָנסעקווענצן?

אין סאַנאַטאָריע האָט מען מיך אויפגענומען מיט קאָמפּלימענטן. „איר האָט זיך צעבליט ווי אַ בלום״ — זאָגט מיר דער גוטמוטיקער ד״ר ט.

איך ברען ממש פון בושה איבערצוגעבן וועגן מיין שלעכטן מצב, וואָס איז אַזוי שטאַרק אין קעגנזאַץ מיטן אויסזען. ס'דאַכט זיך מיר, מ'וועט מיך אָננעמען פאַר אַ היפּאָכאָנדריק. מ'וועט מיר נישט גלייבן, אַז איך טרייב גאָרנישט איבער. און איך פיל סתם אַ חרפּה אויפצודעקן מיין טיפע, פיזישע דעפעקטיווקייט. צוליב דעם פאַרהויל איך טאַקע אַ סך פון מיינע צרות, אַפילו פאַרן ד״ר ק.

— ווי גוט איר זעט אויס! — דערפרייט ער זיך אויפריכטיק.

איך ענטפער מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

איך אינפאָרמיר אים וועגן די יסורים אין דער צווייטער זייט.

— פון וואַנען נעמען זיי זיך? — פרעג איך מיט נייגיר און שפּאַנונג.

מיט אַן ערנסט געוואָרן פּנים הייבט ער מיך אָן צו באַטראַכטן און באַלד פאַלט זיין דיאַגנאָז: „אָרגאַנישע און רעומאַטישע דערשיינונגען".

די ווערטער שטילן איין אין אַ געוויסער מאָס מיין ברענענדיקן אומרו — דאָס בייזע, ביז איצט אומבאַוווסטע און געהיימענישפולע, איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ נאָמען.

— אָבער פאַרוואָס לייד איך אַליין דערפון? פאַרוואָס זענען ביי אַנ־דערע קראַנקע נישט פאָרגעקומען ענלעכע פּראָצעסן?

— נישט יעדער אָרגאַניזם רעאַגירט אידענטיש — איז זיין תשובה, וואָס רעגט מיך אָן צו פאַרשידענע טראַכטעניש.

ד״ר ק. דיקטירט אַ פּאָר רעצעפּטן פאַר מיר און פאַרלאָזט אייליק דעם קאַבינעט.

אויף מיינע ליפּן בלייבן הענגען אייניקע נישט פאַרענטפערטע פראַגן. „רעומאַטישע דערשיינונגען"? איך בין דאָך קיינמאָל נישט געווען פילבאַר אויף דעם נידעריקן באַראָמעטרישן דרוק און זיינע פאָלגן, ווי די רעוו־מאַטיקער אָדער אַרטרעטיקער, ביי וועלכע דאָס פייכטע וועטער מאַכט שטייגן דעם סכום וואָסער און אָנשווילן זייערע געוועבן, פאַרורזאַכנדיק דורך דעם שמערצן. פון וואַנען־זשע נעמט זיך צו מיר פּלוצלינג אַזאַ שטאַרקער רעומאַטיזם?

***

די פאַרשידענע איינשפּריצונגען און מעדיקאַמענטן, וואָס ד״ר ק. האָט מיר פאַראָרדנט, האָבן געבעסערט מיין צושטאַנד, אָבער בלויז נאָר אויף אַ קורצע צייט.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן איבערחזרן די אַלטע און ס׳זענען אויך אַרויסגעשוווּמען נייע יסורים, וואָס האָבן מיך אַטאַקירט.

איך בין קודם־כּל פיזיש און פּסיכיש אויפגעשווידערט געוואָרן פון אַן אויסטערלישן קאַפּוויטיק. אַזוי ווי אייזערנע צוואַנגען וואָלטן איינגע־

קוועטשט מיין מוח, אָדער שאַרפֿע קליגעס וואָלטן אים צעזעצט פֿון אינעווייניק.

און ווען נאָך איינער, אַ ווילדער, שמערצלעכער אַטאַקע איז מיר אַרויסגעטרעטן אויפֿן קאָפּ אַ שפּאָרע גולקע, האָב איך זי באַטראַכט ווי אַ סימפּטאָם פֿון אַ פֿרישן מוראדיקן פּראָצעס. איין מאָל הייבט מיר אָן פֿון קאָפּווייטיק און שוואַכקייט צו שווינדלען און צו שטעכן אין די אויגן. ס'נעמען משונהדיק טאַנצן גאָלדענע און שוואַרצע שטראַלן און מיר דאַכט זיך, אַז די ראיה איז געוואָרן באַשעדיקט דורך דער מאַקאַברישער קראַפֿט, וואָס צענעמט מיר דעם מוח.

אַ צווייט מאָל נעמט מיך רייסן און שפּיזלען אַ מוסקול אָדער בייסן די הויט אויף דער דלאָניע. אַמאָל ווידער ציט און ברעכט עפּעס אַ טייל פֿון אַ האַנט אָדער אַ פֿוס.

פֿאַר מיר האָט זיך געעפֿנט אַן אָפּגרונט פֿון פּיין, פֿון פֿיזישן פּיין, וואָס זיין עקזיסטענץ האָב איך מיר קיינמאָל נישט געהאַט פֿאָרגעשטעלט. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך פֿלעג ציטערן פֿון שרעק פֿאַרן קומענדיקן טאָג, ער זאָל מיר נישט ברענגען קיין פֿרישע צרות, נאָך שטאַרקערע ווי די נעכטיקע.

ס'איז ווידער פֿאַרשוווּנדן די לעבנס־פֿרייד, וועלכע כ'האָב שוין גע־האָט צוריקגעוווּנען. ס'זענען אויסגערונען אַלע מיינע טרוימען און פֿאַר־לאַנגען. נאָר איין ווונטש איז פֿאַרבליבן: פּטור ווערן פֿון די ווייטיקן.

און האָבן זיי מיך נאָר נאָכגעלאָזט, האָב איך פֿיבערהאַפֿט געשריבן.

שרייבן, פֿאַרענדיקן די טראַגישע געשיכטע פֿון מיין קראַנקייט, אַרויסברענגען די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק אויף דער ליכטיקער שיין — האָט פֿון מיר געפֿאָדערט אַ מעכטיק אינערלעך געפֿיל ווי אַ מאָראַלישן חוב לגבי אַלע אומגליקלעכע קראַנקע.

און ווען איך האָב אין זעלטענע טעג דערוואַכט מיט אַ זיס געפֿיל מחמת די יסורים זענען נישטאָ, האָט זיך פֿאַרגנבעט אין מיין האַרץ אַן אומדרייסטע האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט דאָך קומען די ישועה.

***

איך פֿלעג אָפֿט באַזוכן ד״ר ק.

— וואָס קומט מיט מיר פֿאַר? — האָב איך געפֿרעגט אַ דערשיטער־

טע. — ווי איז מעגלעך אַזאַ גוואַלדיקע פיזישע מעטאַמאָרפאָזע פון אַ מענטשן? האָב איך דאָך קיינמאָל נישט געוווסט פון די אַלע ווייען, וואָס האָבן מיך איצט באַפאַלן מיט אַזאַ פוריע! האָב איך דאָך אויך נישט געהערט צו די שוואַכסטע, אויב איך בין אין שטאַנד געווען צו זיין פלייסיק באַשעפטיקט גאַנצע טעג, נישט פילנדיק קיין ספּעציעלע מידקייט.

יעדעס מאָל האָט ד"ר ק. פעסטגעשטעלט, אַז ס'פעלט מיר עפּעס אַנדערש, פאַרזיכערט מיט אַ שמייכל: „נאָך דעם רעצעפּט וועלן אַלע וויטיקן איבערגיין" און פאַרשריבן נייע רפואות. אָבער ווען כ'בין באַ־פרייט געוואָרן פון איין „מכה"... האָט זיך פּלוצלינג געמאַכט אַ צווייטע, און ווען כ'בין פּטור געוואָרן פון דער דאָזיקער, האָט זיך צוריקגעקערט די ערשטע.

ווייזט אויס, אַז די מעדיצין איז נישט מסוגל געווען מיר צו העלפן, אָדער דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געגעבן פאַרטראַכט איבער דעם ים פון פּיין, אין וועלכן איך זינק...

אין סך־הכל האָבן מיר געפעלט כמעט אַלע עלעמענטן, נייטיקע פאַר דער קאָנסערוואַציע פון אַ געזונטן אָרגאַניזם. ס'האָבן מיר געפעלט אַלע ביז איצט אַנטדעקטע 10 וויטאַמינען און די עסענציאָנעלע מינעראַל־סובסטאַנצן. די ווערט פון מיין באַזיץ פון די רויטע בלוט־קייקעלעך איז געווען אַ סך נידעריקער פון דער נאָרמע.

XXVII

דאָס לעבן זיגט

עטלעכע וואָכן האָט אָנגעהאַלטן דער געראַנגל צווישן די קאָשמאַרע ווייטיקן — די שליחים פונעם טויט — און פאַרשידענע מעדיצינישע היילמיטלען — די שליחים פונעם לעבן; פאַרענדיקט האָט עס זיך מיטן נצחון פון די לעצטע.

אַ געראַנגל אָן עקשנותדיקער, אַ פאַרביסענער, מיט נאָכלאָזן און ווידער דעראָבערן פּאָזיציעס... דאַכט זיך, די איינשפּריצונגען און פּילן זענען שוין בייגעקומען די יסורים, ס'באַוועלטיקט מיך שוין די פרייד פון פיזישן ווילשטאַנד, אָבער פּלוצלינג לאָזט צו אַ שטורעם־אַטאַקע דער פאַרטריבענער ווײ און עס ברעכט מיך ווידער איין אויף אַ געוויסע צייט. די דאָזיקע אַטאַקעס ווערן פון דעסטוועגן וואָס אַמאָל שוואַכער און זעל־טענער. דאָס געזונט באַזיגט זיין פיינד, און באַזעצט בהדרגה נייע קערפּער־טיילן. ביסלעכווייז אָבער סיסטעמאַטיש זענען באַזייטיקט געוואָרן אַלע שטאַרקערע ווייטיקן.

עס זענען אַוועק בערך 9 חדשים זינט דער אָפּעראַציע. אַ צייט, נייטיק אויף אויסצושטאַלטיקן אַ ניי לעבן. אַזאַ צייט האָט אויך גענומען ביז איך בין „ווידערגעבוירן" געוואָרן צו אַ נאָרמאַל לעבן.

אמת, איך פיל זיך נאָך נישט פולקאָם געזונט.

נאָך איז האַלב טערפּקע דער אָפּערירטער שטח און ער רעאַגירט מיט אַ ווייטיקלעכן רעפלעקס ביי אַ שלעכט וועטער.

נאָך שפּיר איך פון צייט צו צייט אַ מאָנאָטאָנעם דרוק אין דער צווייטער, דער „געזונטער“ זייט.
נאָך כאַפּט מיך אַמאָל אָן אַ קאָפּווייטיק.
נאָך ווער איך גיך מיד פון יעדער אָנשטרענגונג.
אָבער איך באַוועג שוין פולשטענדיק נאָרמאַל מיט דער לינקער האַנט און פיל שוין נישט קיין פאַרשמאַכטקייט פון דער רעכטער.
די פריִער שאַרף אַרויסשטאַרטשענדיקע ביינער פון דער אָפּערירטער זאָנע האָבן זיך אָנגעטון מיט פלייש, טיילוויז פאַררונדיקט.
די איבערגענגלעכע שוואַכקייטן פאַרשאַפן מיר שוין נישט קיין גרעסערע שטערונג פאַר מיין נאָרמאַלער אַרבעט.
כ׳בין ווידער אַריינגעצויגן אין לעבנס־שטראָם און לאָז זיך מיטרייסן פון אים.
ס׳האָבן זיך ווידער אַמאָל אויסגעוועבט פילצאָליקע פעדים, וואָס פאַרבונדן מיך גייסטיק מיט דער אַרומיקער וועלט. ווי פאַר דער קרענק, שפּיר איך זיך שוין אַ מיטגליד פון פאַרשידענע קאָלעקטיוון, אַ קעמערל פון דעם גרויסן, קאָמפּליצירטן געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

***

דער לאַנגדויערנדיקער שטורעם, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיין נשמה, האָט אָבער איבערגעלאָזט אין איר עפּעס ספּעציפישעס פון גייסטיקן און עמאָציאָנעלן באַנעמען די וואָר.
ס׳איז איינגעשרומפּן דער פאַרנעם פון מיינע שטרעבונגען, ס׳איז אָבער סובלימירט געוואָרן זייער תוכן.
עס האָט זיך אין מיר געשטאַרקט די איבערצייגונג וועגן דעם אמת פון "vanitas vanitatum" (נאַרישקייט פון נאַרישקייטן), וואָס שייך מאַטעריעלע דערגרייכונגען און וואָס שייך דער אייביקייט פון גייסטיקע ווערטן.
אין דער ספערע פון מיינע פילונגען האָבן מיינע לעצטע איבערלעבענישן אויסגעאיבט אַ מאָדנע רעאַקציע.
אַנטקעגן דער פאַרביטערונג צוליב מיינע ליידן און דער איצטיקער פיזישער אומפעיִקייט צו געניסן אין דער פולער מאָס פון די געגאַרטע

תענוגים, האָט זיך ביי מיר אויסגעפּורעמט אַ מערקווירדיקער חוש, אַ מין „אַנטענע״, וועלכע כאַפּט, אַזוי צו זאָגן, לייכט אויף גליק און פרייד פון דער וועלט... און טראַנסמיטירט זיי צו מיין האַרץ. כ׳גלייב, ס׳איז ווי אַ פאַרגיטיקונג פון דער נאַטור, וועלכע באַשענקט מיך פאַר דער עוולה, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן מיר.

עס איז ענלעך צום פאַל פון די בלינדע, וועלכע באַקומען די וווּנדער־לעכע פילבאַרקייט און פעיִקייט צו זען אומזעבאַרע פאַר אונדז שטראַלן, וואָס זאַכן און מענטשן עמאַנירן פאַר זיי.

פאַר מיר האָט זיך איצט אַנטפּלעקט דער סוד, פאַרוואָס געוויסע אויסטערלישע קאַליקעס לייכטן אַמאָל מיט אַזאַ איבערנאַטירלעכער שמחה. אַזאַ אומבאַגרייפלעכער חדוה... פאַרוואָס זייערע אויגן שיינען מיט עפּעס אַ וווּנדערלעך גליק...

דער פּשוטער מענטש, אַפילו דער געזונטסטער, איז זעלטן גליקלעך — זאָגט מיר אונטער מיין נייער „חוש״. אָפט יאָגט ער זיך דאָס גאַנצע לעבן נאָך אומדערגרייכלעכע מיראַזשן, פאַרשטייט נישט אויפצונעמען און דער־שאַצט נישט דאָס גליק אין זיין רעאַלקייט. גוטס און שיינס זעט אויס פאַר אַזאַ מענטש אַ נאַטירלעכע זאַך. דערפאַר נעמט ער עס אויף אָן באַ־זונדערער התלהבות.

כדי טיף צו באַנעמען דאָס גליק, דאַרף מען פריִער פאַרזוכן דעם טעם פון אומגליק.

כדי אָפּצושאַצן די העלקייט פון דער זון, האָט דער מענטש פריִער געדאַרפט דערקענען די פינצטערניש פון דער נאַכט.

דער גורל, וועלכער האָט מיר געוויזן די שאָטנס פונעם טויט, האָט מיך געמאַכט שטאַרק שפּירעוודיק אויף דער ליכטיקייט פונעם לעבן.

עס איז מיר געגעבן געוואָרן די פעיִקייט מיט מיין געפיל אַריינצו־דרינגען אין דער ספערע פון פרייד, וואָס איז פאַר אַנדערע געבליבן פאַר־שלאָסן. דאָס גליק האָט איצט אויך באַקומען פאַר מיר אַ ממשות־דיקן לבוש.

מיין „אַנטענע״ כאַפּט אויף סובטעלע ראַדיאַציעס. זי טראָגט מיר אָפּ צו פון אומעטום דעם צויבער פונעם לעבן און דער באַוועלטיקט ביז עקסטאַז מיין גאַנצן מהות.

איך האָב געהאַט אַ קאַנסער

ניי איז פאַר מיר די וועלט, לאָקנדיק דאָס לעבן.

צי קען אַ נאָרמאַל געזונטער מענטש אַזוי ווי איך זיך פאַרכלינען פון נחת, ווען ער פילט זיין אייגענעם לייכטן טראָט, זיין אָניסורימדיקן, פרייען אָטעם?

ווען ער קוקט בלויז אויף די פנימער פון זיינע נאָענטע און ליבע?
ווען ער זעט דעם צעהעלטן הימל, די צעשטראַלטע זון?
ווען ער שווימט אַריין אין דער צעברויזטער, זשומעדיקער מענטשן־כוואַליע?

ניין!

נייערט איך קען דעמאָלט פילן, ווי דאָס גליק פאַרגיסט מיין האַרץ.
נאָר איך קען אַזוי טיף באַנעמען די גרויסע מיסטעריע פונעם לעבן.
ווייל יעדעס מאָל געווין איך אויף דאָס ניי די וועלט, וועלכע כ'האָב שוין געהאַלטן פאַר פאַרלוירן.

ק ע ן ד ע ן ז י י ן אַ ג ר ע ס ע ר ע ר ג ע װ י נ ס?

[illegible]

Este libro se terminó de imprimir
en el mes de Abril de 1954 en los
Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231, Buenos Aires, R. A.